STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09456

DI KINDER-YOHREN

Rakhel Feygenberg

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

רחל פײַנבערג.

די קינדער־יאהרען

פערלאג „השחר"

ווארשא, תר"ע.

דרוק „הצפירה", פײַנסקא 40.

שוין לאנג האט מיך מיין הארטער מזל פון דערהיים פערטריבען. ווי א פערוואגעלטער וואנדערער אין א פינסטערער נאכט בלאנדזע איך ארום און קאן זיך קיין ארט געפינען. ביזע קאלטע ווינדען יאגען מיך נאך און טרייבען מיך פון מערב קיין דרום, פון דרום קיין מזרח, פון מזרח קיין צפון. אומעדום אנדערע הימלען, אנדערע מענשען און ביי מיר, יודישע טאכטער, אלע מאל אנ'אנדער היים.

— אומעדום איז דיין היים! — זאגען מיר גוטע פריינד. — טראגסט דעם נאמען מענש, ביזט דו א וועלט־בירגער! — די דאזיגע ווערטער הויבען מיך אויף אין דער הויך, פליגעל בעקום איך און שוועב אוועק ווייט, ווייט. די גאנצע ערד ליעגט פאר מיינע אויגען: דערפער, שטעדט און לענדער זעה איך. אלע זענען זיי מיר בעקאנט. אומעדום בין איך געוועזן און אומעדום איז מיין היים. אונטער מיין מענשליכען בליק וואלט איך זיי געוואלט אלע ארונטערנעהמען, נאר מיין איינגעמאטערט אויג בלאנדזעט. עס זוכט עפעס, אויף א גרויס שטיק לאנד האט עס זיך פערקוקט.

א ברייט, פלאך שטיק לאנד, בעוואקסען מיט גרינע פערחלומ'טע וועלדער, א לאנד מיט לאנגע, שטילע טייכען איינגעפאסט אין אויסגעביסענע קרומע ברעגעס, מיט שטורמדיגע ים'ען און הויכע ריזיגע בערג ביי די זייטען — אט וואוהין מיין אויג פאלט! דאס איז עפעס א מין היים פון אלע היימען, א היים, וואס גלאנצט ניט מיט רייצענדע בלומען, מיט קיין זאנפטיגע, שמעקענדיגע געוויקסען, מיט קיין בליהענדע דערפער און פרעכ־

מיגע שטעדט, נאָר אַ היים איז דאָס! זאָל דאָס ליעגען אונטער אַ גראָהען הימעל, זאָל די ערד זיין נאַס, זאַמדיג, שטיינערדיג, נאָר עס איז מיינס, אייגענס, טייער ווי אַ קינד ביי אַ האַרציגער מאַמע. איך וועל ניט קאַרגען קיין כח פאַר מיין אייגען קינד. איך בין יונג. מיט מיין בלוט און שווייס וועל איך די ערד פרוכט־באַר מאַכען און זי וועט אויפבליהען מיט טייערע פרות, וועלכע וועלען מיט זייער גוטען ריח דער גאַנצער וועלט דערצעהלען פון דעם געבענשטען לאַנד. מיט אַ רוהיג האַרץ לאָז איך זיך אַראָב צו מיין היים, ווי אין די אָרעמס פון אַ גוטער, געטרייער מאַמע — נאָר פלוצלונג בלייב איך שטעהן... מען האָט מיר דעם וועג פער־שטעלט. אַ גאַנצע מחנה שוואַרצע מלאכי־חבלה וואַרפען זיך מיר אין די אויגען, עפּעס אַ שדים־טאַנץ פון משונה'דיגע ברואים, אַ האָגעל פון שטיינער בעגעגענט מיך.

— אַ פרעמדע! אַ פרעמדע ביזטו! — קלינגט מיר אין די אויערן. איך הויב זיך אָן אַרומקוקען אין אַלע זייטען. מיין ליעבע, געטרייע מאַמע זוך איך. זאָל זי זאָגען ווער איך בין. זאָל זי דערצעהלען, אַז איך בין איהר בלוט און פלייש. מיט איהר מילך האָט זי מיך געהאָדעוועט, איך בין אויך אין איהר שוים אויסגעוואַקסען. נאָר זי שווייגט. אין אַ ווינקעל זיצט זי ווי אין אַ שוואַרצען שאָטען איינגעהילט און טרויערט אויף איהרע פער־יאָגטע קינדער'ס מזל.

איך פערשטעל מיט די הענד דאָס פנים און אַנטלויף ער־גערץ אין דער וועלט אַריין. אין אַ הינטער־געסעל פון אַ גרויסער רוישענדער שטאָדט פערקלייב איך זיך. אין אַ קליין חדר'ל מיט נאַסע וואַנד, מיט אַ פענסטער, וואָס קוקט אַרויס אויף אַ בוידעם, בלייב איך זיצען און מיין גרויסע היים מיט די ברייטע פעלדער ווערט ערגעץ פערשוואונדען. אַ געפענגעניש! — טראַכט איך, קוקענדיג אויף די פיער שמאָלע וואַנד. פרעמד איז מיר אָט דער דאָזיגער נאַסער חדר. קאַלט און פוסט איז דאָ. ניין! ניט קיין היים איז דאָס. אַ וואַרימע, ליכטיגע שטוב דאַרף איך ערגעץ האָ־בען, אַ פראָסטע שטוב מיט ליעבע ווינקעלעך, וואָס זאָלען מיר מעשה'לעך דערצעהלען און פון ווייטען זאָל מיך אַ ווייכער, צערט־ליכער בליק גלעטען, אָברוהען אַמאָל אונטער אַ מאַמע'ס אַנ'אויג, בעשיצט ווי מיט היילינע פליעגעל פון אַ מלאך.

איך הויב אָן ווייטער צו זוכען און געפין לסוף מיין ליעב.

ווינקעל. ווי אַ שוואַרץ פּינטעלע זעהט עס אויס אויפ'ן בּרייטען שטיק לאַנד. אָט איז מײַן היים! איך וויל פון גאָרניט וויסען. אָט צו דעם שטיקעל ערד איז צוגעוואַקסען מײַן נשמה. אָט דאָ בּין איך געבּאָרען געוואָרען און דאָ האָב איך מײַנע קינדערשע יאָהרען פערבּראַכט. זאָלען מיך די בּייזע ווינדען יאָגען אין אַלע עקען וועלט, נאָר מײַן היים וועט פאָרט דאָ בּלײַבּען — אָדער ניין! ניט דאָ. איך בּין פערוואָגעלט. אין מײַן האַרצען וועל איך מיטנעהמען מײַן היים. ווי אַ פערבּאָרגענעם אוצר וועל איך זי טראָגען איבּער ימים, טײַכען און מדבּריות; נאָר אַז איך וועל שטאַרק בּענקען נאָך מײַן היים, וועל איך זי מיט טרעהרען, מיט זידיגע טרעהרען פון אַ פערוואָגעלטער יודישער טאָכטער, אויפ'ן פּאַפּיר מאָלען.

אין דער ליטא ליגט דאָס שטעדטעל, אין אַ פערוואָרפענעם ווינקעל צווישען אויסגעהאַקטע וועלדער און גרויסע, מיט גראָז בּעוואַקסענע בּלאָטעס. דרײַ געסלעך און אַ פּאָר הונדערט קליינע שטיבּלעך פערמאָגט עס אינגאַנצען, נאָר מיט רחבות ליגט דאָס שטעדטעל אויסגעשפּרייט אויף גאָט'ס וועלט, אַרומגערינגעלט מיט גרינע גערטנער, מיט געגילדטע פעלדער און פערציערט מיט אַ נידעריג פערוויכערט וועלדעל פון איין זײַט און אַ בּלאָהע לויפיג טײַכעל בּײַ דער אַנדערער. האַלבּ־קײַלעכדיג ציהט זיך בּײַ אונז דער טײַך. ווי אַ בּלאָהע געשטיקטע סטענגע גאַרטעלט ער אַרום דאָס שטעדטעל און ווערט ערגעץ ווײַט אין וואַלד פערלאָרען.

ווײַט פון דער גרויסער וועלט ליגט מײַן היים. צוויי קרומע בּלאָטיגע וועגען ציהען זיך פון דאָרטען. איבּער אומעטיגע וועלדער מיט דאַרע פערוויינטע בּוימלעך, פאַרבּײַ אונטערגעהאַקטע וואָרצלען פון ריזיגע דעמבּעס, בּלאָנדזען זיי, בּיז זיי קומען ענטקעגען דעם גרויסען רוישענדען טראַקט. ווי אַ בּרייטער האַנדטוך ציהט זיך דער ווײַסער שטיינערנער שאָסעע. העט, נידעריג, בּײַ דעם זוים פון הימעל, וואו די פוהרען פערנעהמען זיך לינקס, ווערט ער ערגעץ פערפאַלען. נײַגיעריג קוקט אַהין דאָס אויג פון דעם וואַנדערער, וואָס קומט אָן מיט'ן קרומען וועג.

— וואוהין פיהרט אָט דער גלײַכער טרוקענער טראַקט? — טראַכט ער, שטעהענדיג בּײַ דער זײַט. פון דער ווײַטען ענטפערט איהם אַ געריש פון אַ פוהרעל, אַ גלעקעל קלינגט און דאָס האַרץ הויבּט אָן קלאַפּען. בּשורות ונחמות טראָגט מען אין

דעם פערוואָרפענעם ווינקעל. אַ רימענע אָנגעפילטע טאַשע פיהרט מען. נייעס! נייעס דערצעהלט זי: פון גרויסע רוישענדע שטעדט ברענגט זי אַ געריס. אָט וואוהין דער לאַנגער, גלייכער וועג פיהרט, צו שענע שטעדט, צו רייכע פאַלאַצען, צו זילבערנע בעלייכטונג, אַלצדינג רייצט דאָרטען דאָס אויג און עס וויל זיך אַהין צו יענע יום=טוב'דיגע מענשען — נאָר די אָנגעפילטע טאַשע צושלאָגט באַלד די רעיונות: פון הונגער, פון זעלבסט=מאָרדען, פון פינסטערע, ענגע דירות, פון פערדומפטע לופט דערצעהלט זי. אַ בלוטיגער מענשען=געפעכט, אַ גיהנום, זאָגט זי, איז דאָרטען.

מיט אַנ'אַראָבגעלאָזטען קאָפּ און אַ פעקעל בריעף אונטער'ן אָרעם לאָזט זיך דער וואַנדערער צוריק דורכ'ן וואַלד איבער די בלאָטיגע קרומע וועגען. ווי אַ גן=עדן זעהט איהם שוין דעמאָלט אויס דאָס קליינע שטעדטעל. אָבגעריסען פון דער גרויסער וועלט איז עס, אינגאַנצען עטליכע קליינע שטיבלעך מיט אַ שול, וואָס האָט אַ דורכגעלעכערטען דאַך, אין מיטען מאַרק אַ ווייסער קלויסטער מיט לאַנגע, גרויסע פענסטער און נעבען דעם גלח'ס גאָרטען אַ ברונען מיט קלאָרע, געזונדע וואַסער — אָט דאָס איז גאָר און גאָר אונזער אייגענס. קיין גרויסע בנינים האָבען מיר ניט. פון גאָט אַליין זענען מיר געשיצט. אַלע דריי געסלעך, ווי די יודישע, אַזוי די גוי'אישע, דעקט ער צו מיט איין הימעל. אַ קליינער איז ער אפילו, דער הימעל. גאָר נאָהענט לאָזט ער זיך אַראָב, אויף יענער זייט טייך הינטער די סטויגען און ענטקעגען דערגרייכט ער ביז צו'ם וועלדעל. ווי אונטער אַ געמויערטען סופיט שטעהט די אַלטע שול מיט די גראָהע, פערווינטע ווענד און דער קלויסטער מיט דעם אָבגעריבענעם צלם אויפ'ן שפיץ. נאָר פריי שפּאַצירט ביי אונז דער ווינד. פריי געהען ביי אונז אַרום די מענשען. ביי אונז איז דאָ אָרט פאַר אַלעמען.

אין דעם דאָזיגען שטעדטעל בין איך געבוירען. מיינע עלטערן זענען דאָרטען גאַנצע בעלי=בתים געווען. מיין פאָטער'ס פאָטער איז דאָרטען דריי און דרייסיג יאָהר אַ רב געווען און מיין מוטער'ס פאָטער — דער רייכסטער בעל=הבית און אַ גבאי אין בית=המדרש. ער איז געווען דער איינציגער זוהן פון דעם רייכסטען בעל=הבית, וואָס האָט געהאַלטען די קרעטשמע אין שטעדטעל און וואָס איז אויך אַמאָל געווען אַ גבאי אין דעם אייגענעם

בּית-המדרש. דערצו האָט ער נאָך געקאָנט רעדען פּויליש און פּלעגט אַליין צאָהלען ראַטע און פּאַהרען צו'ם פּריץ, בּיי וועלכען ער איז תּמיד געוועזען אַ גוטער גאַסט. געוועהנליך, האָט אין יענע יאָהרען יעדער פּוילישער גוטס-בּעזיצער געהאַט זיין יודען, וועלכער איז אין זיינע אויגען געשטאַנען העכער פון אַלע אַנדערע יודען, און איינער פון אָט די גליקליכע איז געוועזען מיין עלטער-זיידע. דעריבּער האָבּען אויך זיינע קינדער פערנומען דעם גרעסטען אָרט סיי אין קהל'שע זאַכען, סיי אין געשעפטס-זאַכען. מיין זיידע מיט זיינע קינדער זענען געוועזען פון די „פּני" ניט נאָר אין שטעדטעל, נאָר אויך אין דער גאַנצער אַרומיגער געגענד.

מיין עלטער-זיידע האָט געהאַט אַכט טעכטער מיט איין זוהן. יעדער טאָכטער, וואָס ער האָט התונה געמאַכט, האָט ער געגעבּען נדן אַ „פונדאַמענט", דאָס הייסט, אַ דאָרף מיט אַ קרעטשמע. מיין עלטער-זיידע האָט געוואָלט, אַז זיינע קינדער זאָלען זיין גרינדליך פערזאָרגט, זיי און זייערע קינדס-קינדער אויף דאָס גאַנצע לעבּען. דאַכט זיך, מיין עלטער-זיידע איז געוועזען, ווי מען זאָגט, זעהר אַ קלוגער יוד, נאָר דאָך האָט ער ניט געקאָנט פערשטעהן, אַז פאַר יודען איז ניטאָ קיין פונדאַמענט. ער האָט ניט געקאָנט וויסען פאָראויס, אַז זיינע קינדער, וועלכע ער האָט פערזאָרגט אין די דערפער מיט קרעטשמעס, וועלען דאַרפען מיט עטליכע צעהנדליג יאָהר שפּעטער אַוועק פון זייערע ערטער און וועלען דאַרפען זוכען גליק אין נייע מקומות.

דאָס אַליץ איז גערעדט וועגען עלטער-זיידען'ס טעכטער, ווייל אַ טאָכטער מוז אַוועקגעהן פון דעם טאַטענס שטוב אַפילו אין עק וועלט, ווייל ווער ווייסט, וואו דער בּעשערטער איז? אָבּער אַ זוהן איז דאָך דער פונדאַמענט פון דער שטוב, און דערהויפּט אַ בּן-יחיד. דעם עלטער-זיידען האָט זיך געוויס נאָר קיינמאָל ניט געלעגט אויף דעם שכל, אַז זיינער אַנ'איינציגער זוהן זאָל ניט אויסלעבּען זיינע יאָהרען, וואו דער טאַטע האָט זיי אויסגעלעבּט, זיך געעלטערט און געשטאָרבּען צו 75 יאָהר, אַרומגערינגעלט מיט קינדער, מיט אייניקלעך און אור-אייניקלעך, וואָס זייער צאָהל איז געוועזען העכער פון 70 נפשות, נאָך מעהר ווי בּיי יעקב'ן, אַז ער איז אַריין אין מצרים. אין די בּרכות — פּלעגט זאָגען די בּאָבּע — מיט וועלכע מיין עלטער-זיידע האָט פאַר'ן טויט געבּענטשט זיין זוהן מיט זיין זוהנ'ס קינדער — איז געוויס אויך געוועזען די בּרכה,

אז זיין זוהן זאל ניט זיין נע=ונד. אזוי מיין איך, גאר עס קען זיין, אז ער האט גאר קיינמאל ניט געטראכט דערפון און האט דערפאר אין זיינע ברכות עס גאר ניט דערמאהנט. ווארום ווי אזוי קען דען אנדערש זיין? ער איז געווען גאנץ ווייט פון אזוינע געדאנקען. דאס זעה איך פון אזא געשיכטע, וואס מיין באבע האט מיר אמאל דערצעהלט.

אז דער זיידע איז געווען א קליין יונגעל, איז אמאל געקומען א ציגיינערין אין קרעטשמע. אז זי האט געזעהן, ווי אזוי מיין זיידע איז געווען טייער ביי זיינע עלטערן, האט זי געזאגט נביאות מיין עלטער=באבען, אז זי זאל זיך אזוי ניט טרייסלען איבער איהר בן=יחיד, ווייל ניט אלע מאל וועט ער זיין אין דער=היים. זי האט געזאגט, אז ער וועט אויסוואקסען, וועט ער אוועקפאהרען אין די ווייטע קאנטען און ניט אפט וועט ער קומען אהיים; שטארבען וועט ער אין א ווייטען לאנד, און זיינע קינדער וועלען אויך וואנדערען אין ווייטע מדינות. בעת די עלטער=באבע האט מיר דאס דערצעהלט, האט זי געזאגט: אט די אלע זאכען קען נאר זאגען א ציגיינערין, א קלאג צו איהר. זי מיינט, אז דאס איז ביי ציגיינער, וואס וואנדערען ארום פון איין עק וועלט ביז'ן אנדערן און האבען קיינמאל קיין היים ניט; אבער מיר יודען בעלי־בתים, און נאך רייכע בעלי־בתים, געבוירענע, אויסגעוואקסענע און געעלטערטע אויף איין ארט, אין אזא ארט, וואו מיר האלטען די ערשטע און האבען דעם כבוד פון א בעל=קארא בקע און פון א גבאי אין בית־המדרש, מיר, וואס האבען א שטאדט אין מזרח=וואנד, — מיר וואנדערען ניט. דא האבען מיר התונה געמאכט קינדער, און ווי אלע זעגען ארום אונז, און ווייטער דער מוזיניק, דער בן=יחיד אונזערער איז אזא שען בחור'ל, אזא גרויסער למדן, א בעל=לשון הקודש, מיט וועלכען דער רב אליין בענטשט זיך, — און פלוצלונג קומט צוגעהן א ציגיינערין פון די פינסטערע יאהר און זאגט, אז ער וועט וואהנען ערגעץ ווייט אין דער פרעמד און וועט אפילו דארטען שטארבען. ווי אזוי קען ער קומען אהין? ער, דער עלטער=זיידע, איז קיינמאל אין ערגעץ ניט געווען אהוץ ראבינסק, 13 מייל ווייט פון אונזער שטעדטיל, און צו וואס האט ער דען געדארפט פאהרען? אין דער=היים האט ער דען קיין פרנסה ניט? עס פעהלט איהם דען עפעס? אויך מיט'ן זוהן האט ער גערעכענט טהון א שדוך און אבגעבען איהם א קאמער אין קרעטשמע, ער

זאָל זיך זיצען און לערנען ביז א יאָהר 30. די שנור וועט האָבען קינדערלעך, וועט מען איהר העלפען האָדעווען, און אויף די עלטערע יאָהרען וועלען די אלטע לייט זיך אריינקלייבען אין קאמער און וועלען זיך אָברוהען אויף די עלטערע יאָהרען, און איהר, קינדערליך, פיהרט זיך די געשעפטען. וועסט האָבען צייט, מיין זוהן, לערן זיך אָב א בלאַט גמרא.

אַזוי האָט אָבגעפּלאַנעוועט מיין עלטער-זיידע זיין איינציגען זוהנ'ס מזל, ניט קוקענדיג אויף די נארישע ציגיינערין, די שלעפערין, וואָס האָט אַ העזה צו זאָגען, אַז אַזאַ בעל-הבתיש קינד, ווי מיין זיידע איז געווען, וועט זיך וואַלגערן אין דער פרעמד, ווייט פון דער-היים, — ער, וואָס האָט אפילו אין דער ישיבה ניט געלערנט, ווייל מען האָט איהם ניט געוואָלט אַוועקלאָזען פון דער-היים, און פאַר וועמען מען האָט בעסער געצאָהלט דעם רב אַ סך געלד, ער זאָל מיט איהם לערנען, אַבי אין דער-היים.

מיין זיידע, וואָס איז געווען אַ בן-יחיד ביי אַ רייכען פאָטער, איז געווען בעשענקט מיט אַ זעלטענעם קאָפּ. אַנשטאָט צו געהן זיך שפּיעלען אין דער צייט, ווען מען לערנט ניט, פלעגט ער זיך בעסער בעהאַלטען אויפ'ן בוידעם, וואו ער פלעגט זיך מאַכען מיהלעכלעך און אַלערליי אַפּאַראַטען. דאָס איז ביי איהם געווען זיין גאַנצעס לעבען. אָבער ער האָט זיך געדאַרפט בעהאַלטען דערמיט, ווארום וואָס איז ער עפּעס אַ סטאָליער'ס אַ זוהן, וואָס ער פערנעהמט זיך מיט אַזוינע זאַכען? נאָר ווי אַזוי ער פלעגט זיך בעהאַלטען, פלעגט מען איהם פונדעסטוועגען אַליץ האַפּען. אַלע מאָל פלעגט ער דערביי צוזאָגען, אַז ער וועט שוין דאָס מעהר ניט טהון. ער פלעגט זיך אָבער ווייטער פערגעסען און פלעגט ווייטער זיין אַ מעכאַניקער אויפ'ן בוידעם.

איינמאָל האָט ער דער באָבען, דאָס הייסט זיין מאַמען, אונטערגעטראָגען אַ פּרעזענט: ער האָט געמאַכט אַ מיהל אויף צו מאָהלען פעפער. דער זיידע מיט דער באָבען האָבען זיך זעהר געפרעהט מיט דעם. פון דעמאָלט האָט ער שוין ניט געדאַרפט זיך בעהאַלטען אויפ'ן בוידעם, נאָר ער פלעגט שניצען און קלאַפּען אין קרעטשמע פאַר אַלעמען אין די אויגען. דאָס איז געווען דאָס געצאָהלט פאַר זיין מיהלעכיל. פונדעסטוועגען פלעגען זיינע עלטערן ניט זיין צופריעדען פון זיין אַרבייט, נאָר וועדליג אַ ציטריג קינד, פלעגט מען איהם נאָכגעבען און מען פלעגט איהם שווייגען.

גיך זענען אַריבערגעגאַנגען די קינדערשע יאָהרען פון מיין זיידען; אויפ'ן 18=טען יאָהר האָט מען איהם חתונה געמאַכט. מען האָט מיט איהם געטהון אַ שדוך פון אַ גרויסער שטאָדט, טאַקי פון ראַבינסק, די כּלה האָט ער פאַר דער חתונה ניט געזעהן: ער האָט זיך פערלאָזט אויפ'ן טאַטענס מבינות, און עס ווייזט אויס, אַז מיין עלטער=זיידע איז טאַקע געווען אַ מבין, וואָרום מיין באָבע איז געווען זעהר אַ שענע ברונעטקע.

בעת מיין באָבע האָט חתונה געהאַט, איז זי שוין געווען ניט יונג. ווייל זי האָט זיך געהאָדעוועט ביי אַ פעטער אַ יתומה, האָט מען זיך ניט געאיילט זי חתונה צו מאַכען, און דעריבער איז זי זיך פערזעסען ביז 20 יאָהר. האָטש די באָבע איז געווען זעהר אַ שענע, דאָך האָבען איהרע קליינשטעדטעלדיגע שוועגערינס געפונען, אַז זי איז גאָר ניט שען אַנטקעגען זייער ברודער. אין יענע יאָהרען, ווייזט אויס, האָט מען נאָך ניט געוואוסט פון סימפאַטיע, נאָר שענקייט אַליין האָט געהאַט אַ ווערט. מיין באָבע'ס שוועגערינס האָבען ניט געשעצט מיין באָבע'ס שענע שוואַרצע אויגען מיט די שענע לאַנגע ברעמען, מיט איהרע לאַנגע שוואַרצע האָהר, מיט צוויי בליהענדע באַקען, אַזוי ווי רויזען. אויף דאָס אַלצדינג האָבען זיי גאָר ניט געקוקט. זיי האָבען נאָר געקוקט אויף דעם, וואָס זי איז אַ שוואַרצע. אַ ווייס פּנים, ווייזט אויס, האָט מען דעמאָלט געשטעלט העכער פון שוואַרצע גלאַנצענדיגע אויגען. נאָר מיין באָבע, גלויב איך, האָט גאָר ניט געוואוסט, אַז זי האָט שענע אויגען. קיינער האָט איהר דאָך געוויס דאָס קיינמאָל ניט געזאָגט, און זי אַליין האָט אויך וועניג צייט געהאַט צו קוקען זיך אין שפּיגעל. ווי אַ יתומה ביי אַ שלעכטער מומען, פלעגט זי תּמיד זיין פערנומען. מען פלעגט איהר ניט געבען קיין רוה, און האָט זי געהאַט אַ ביסעל לייזדיגע צייט, פלעגט זי דאָס פערטהון אויף אַ וויכטיגערע זאַך: אויף לערנען זיך דאַווענען. די מומע האָט פאַר איהר אויף אַ זמן גענומען אַ מלמד, נאָר פאַר איין זמן האָט זי ניט געקענט זיך אויסלערנען, און אַזוי ווי זי האָט אָבער פאָרט געוואָלט קענען דאַווענען, פלעגט זי זיך לערנען אַליין. געוואָלט האָט זי דאָס, ווייל זי איז געווען זעהר פרום און האָט געוואָלט דאַווענען מיט אַלע פרומע צוגלייך. דעריבער האָט זי זיך געסטאַרעט צו קענען און פלעגט נאָכאַנאַנד חזר'ן דאָס דאַווענען. אַזוי האָט זי זיך איינגעוועהנט צו דאַווענען אַלע טאָג, האָטש

מיט גרייזען, און אזוי דאווענט זי ביז היינטיגען טאג מיט די זעלבע גרייזען. איהר ארט דאס אבער וועניג, ווייל זי האט געלייענט אין א געוויסען ספר, אז גאט קוקט ניט אויף קיין גוטע עברי; מען דארף נאר, אז די כונה זאל זיין גוט, און מיט דעם קען שוין מיין באבע שטאלצירען: זי דאווענט מיט'ן גאנצען הארצען, האטש מיט גרייזען.

די באבע מיינע האט געהאט א סך ספרים. זי האט ליעב געהאט תחנות און מוסר־ספרים און האט זיך אנגעקליבען א גרויסע ביבליאטהעק פון גאנץ אלטע ספרים, וועלכע האבען ניט גערוהט ביי איהר. זי פלעגט זיי לייענען גאנץ אפט. מיט קיין גרעסערע קענטעניש קען זיך מיין באבע ניט בערימען. דערהויפט פערדריסט איהר, וואס זי קען ניט שרייבען. זי קלאגט זיך דערויף, אז זי דארף בעטען די קינדער, זיי זאלען שרייבען פאר איהר בריעף. אבער ווען זי קען אליין שרייבען, זאגט זי, וואלט זי דאך ניט געדארפט האבען זייער לאסקע און זי וואלט אליין אלעמען געשריעבען, און דערין, וואס זי קען ניט שרייבען, פלעגט זי זאגען, איז אויך שולדיג איהר מומע.

מיין באבע, האט, ווייזט אויס, געהאט א אומגליקליכע יוגענד, האטש זי האט זיך געהאדעוועט אין א אינטעליגענטען הויז ביי א פעטער א משכיל, וועלכער איז געוועזען איינער פון די ערשטע דאקטוירים, וואס זענען ארויס פון דער ווילנער מעדיצינישער אקאדעמיע. שטענדיג פלעגט זי אונז דערצעהלען מעשיות פון זיין גוטסקייט און פרומקייט. איבערהויפט פלעגען מיר ליעב האבען הערען וועגען דער גזרה פון ניקאליי דעם ערשטען, ווען עס איז אנגעקומען א בעפעהל פון קייזער, מען זאל גאלען די בערד און אונטערהאקען די קליידער. יום־כפור איז געוועזען אין שטוב, האט זי דערצעהלט, נאר דער בעל־הבית האט קיין טרעדר ניט געלאזט, ווי א העלד האט ער צוגענומען דעם קלאפ.

— ווייגט ניט! דער'רגז'ענט ניט דעם אייבערשטען! — האט ער געזאגט שטאלץ — גזרה דמלכותא איז א געבאט פון גאט.

די באבע, וועלכע איז נאך דעמאלט א קליין מיידעל געוועזען, האט זיך פאר פחד בעהאלטען ערגעץ, ניט קוקענדיג, וואס די

מוּהמע איהרע האָט גע'הלש'ט צום טויט. פֿון דער דאָזיגער אַלטער פֿלעגט זי בכלל פֿײַנד האָבען צו ריידען. קיין נחת האָט זי אַפּנים בײַ איהר ניט געהאַט. נאָר זי איז געווען אַזוי פֿרום, אַז זי פֿלעגט אַלצדינג אָננעהמען פֿאַר ליעב. זי האָט אפילו אַביסעל איבער־געגומען איהר מומעס האַראַקטער, פֿון וועלכען איך האָב דערנאָך פֿיעל געליטען. פֿונדעסטוועגען איז די באָבע געווען אַ טײַערע יו־דענע. זי איז געווען אַן'אמת־פֿרומע און אַ גרויסע בעל־צדקה'טע, האָטש זי פֿלעגט געבען צדקה ניט דערפֿאַר, ווײַל זי האָט רחמנות אויפ'ן אָרימאַן, נאָר דערפֿאַר, ווײַל זי האָט געוואָלט די מצוה דערפֿון. בײַ איהר האָט געהייסען, זי לײַהט גאָט. און אַז גאָט וועט איהר אָבגעבען מיט פּראָצענט, אין דעם איז זי געווען געווים בעגלויבט. נאָר ווי אַזוי עגאָאיסטיש די באָבע איז ניט געווען מיט איהר צדקה און מיט איהר העלפֿען אַנדערע, דאָך האָט זי פֿאַר'ן צווייטען נאָך מעהר געזאָרגט ווי פֿאַר זיך, און דערפֿאַר איז זי געווען זעהר געשעצט פֿון אַלעמען.

אַז די באָבע איז אָנגעקומען פֿאַר אַ שנור אין דעם קליינעם שטעדטיל, פֿון דער גרויסער שטאָדט ראַבינסק, פֿון דעם אַריסטאָ־קראַטישען ישראל דאָקטאָר'ס הויז, האָט זי אייגענטליך קיין גרויס וואוילטאָג בײַ אונז ניט געדאַרפֿט האָבען. זי איז אָנגעקומען צו'ם שוועהר אין אַנ'אַלטע קרעטשמע מיט אַ גרויסער קאַמער, וועלכע איז געווען איהר שלאָף־צימער. אין די וועגד פֿון קאַמער פֿלעגען זײַן אַזוינע לעכער, אַז עס פֿלעגען קריכען קעץ דורך די וועגד, נאָר דאָס פֿלעגט זײַן זומער. ווינטער אָבער פֿלעגען די לעכער פֿערוועהט ווערען מיט שניי. עס פֿלעגט אָנפֿאַלען אַזוי פֿיעל שניי, אַז דער באָבעס פֿערענע פֿלעגט ווערען אַמאָל ווײַס איבער נאַכט. נאָר דער באָבען פֿלעגט ניט זײַן קאַלט, ווײַל אין יענע יאָהרען פֿלעגט מען געבען צו צוויי פֿערענעס, און טאַקע בײדע גרויסע, ניט אַזוי ווי הײַנט, ברוך־השם, — מען גיט איין פֿערענע, און אין דער איז אײַנגאַנצען דאָ אַ הויפֿען פֿעדערן. אונטער איהרע פֿערענעס האָט די באָבע ניט מורא געהאַט צו שלאָפֿען אין איהר קאַלטנר קאַמער. די באָבע האָט זיך ניט געקלאָגט און איז געווען גאַנץ צופֿריעדען מיט איהר נײַעם לעבען, האָטש די פֿיהרונג איז דאָ געווען גראָ־בער ווי בײַ איהר זיידען. מען דאַרף ניט פֿערגעסען, אַז איהר שוועהר און שוויגער זענען פֿאָרט געווען נגידים, און זי איז געווען די איינציגע שנור. און ווײַטער מיט'ן מאַן אַליין האָט זי אויך

געטראָפען, װען זי האָט איהם אפילו ביז דער חתונה ניט געזעהן. מען האָט בײ איהר גאָר ניט געפרעגט קײן מײנונג װעגען דעם שדוך, אַזױ װי מען האָט אױך ניט געפרעגט בײ איהר חתן. מען האָט איהר נאָר אָבגעגעבען מזל־טוב און מען האָט געזאָגט, אַז זי איז אַ כלה געװאָרען מיט גליק. װי אַזױ מײן באָבע האָט געטראַכט און גע׳חלומ׳ט פון איהר חתן ביז דער חתונה, געהם איך זיך ניט אונטער צו שרײבען, נאָר נאָך דער חתונה האָט זי איהם גאַנץ ליעב געהאַט. אפשר דערפאַר, װײל אַ װײב דאַרף ליעב האָבען אַ מאַן. אַזױ האָט זיך מײן באָבע אָבגעלעבט אין צופריעדענקײט שעגע עטליכע יאָהר.

מײן באָבע האָט געהאַט דרײ טעכטער און צװײ זיהן און האָט זײ אַלעמען געגעבען אַנ׳ערציהונג ניט װי אַ קלײנ־שטעדטעלדיג װײבעל. זי האָט די יונגלעך געגעבען צו די גרעסטע מלמדים. זײ פלעגען טהון אַ גרויסע פעולה, װײל זײ האָבען געהאַט גוטע קעפּ. אַלע האָבען נביאות געזאָגט, אַז פון זײ װעלען אויסװאַקסען די גרעסטע רבנים. און מײן באָבע האָט שוין געהאָפט אויף אַ גאָלדענעם שטוהל אין גן־עדן, נאָר גאָט האָט אַנדערש פערקלערט...

מיט די טעכטער האָט די באָבע אויך ניט געהאַט װאָס צו זינדיגען: זײ זענען געװעזען שען, קלוג און געראָטען. זײ האָבען אויך געהאַט גוטע פעהיגקײטען. נאָר דאָס האָט שוין די באָבע געהאַלטען פאַר איבעריג. צו װאָס דאַרף דאָס אַ מײדעל? און אַזױ װעט זי דען קײן קרופּניק ניט קענען קאָכען? און די באָבע פלעגט מאַקע זאָגען: װאָס עס האָט געזאָלט זײן די מײדלעך, זאָל אויסגעהן צו די יונגלעך. נאָר װי אַזױ די באָבע האָט ניט געקוקט שלעכט אויף די פרויען־רעכט, דאָך האָט זי איהר עלטערע טאָכטער אַװעקגעשיקט אין שטאָדט און אָבגעגעבען זי לערנען שרײבען אויף 3 חדשים, װײל אַ מײדעל, האָט זי געזאָגט, דאַרף פונדעסטװעגען קענען אָנשרײבען אַ בריעף, טאָמער װעט אויסקומען צו האָבען אַ חתן פון אַנ׳אַנדער שטאָדט אָדער שטעדטיל. מעהר האָט די באָבע ניט געװאָלט. און גלײך װי זי האָט געענדיגט דעם קורס, האָט די באָבע איהר געקויפט אַ שטיקעל האַלב־לײװענד און האָט זי אַנידערגעזעצט נײהען העמדער און אַ גאַרדעראָב. און גילדענע הענד האָט זי טאַקע אויך געהאַט. די באָבע פלעגט דערצעהלען, אַז מענשען פלעגען אויף חדושים געהן זעהען איהר געניה, אפילו

די גלה'טע האט זיך גע'צלמ'ט, קוקענדיג אויף די געפערעלטע שטעכעלעך. מיט די אויגען האט מען זי שיער יענעם זומער ניט אויפגעגעסען. עס איז געקומען דערצו, אז די באבע האט זי מיט'ן געניה געמוזט בעהאלטען אין גארטען הינטערן שייער און דארטען אין קיהלען שאטען פלעגט זי זיצען גאנצע טעג. זי האט געוואקסען פון נחת, קוקענדיג אויף דער טאכטער. דאס שענסטע און געראטענסטע מיידעל איז זי געווען אין שטעדטיל און די באבע האט זיך טאקע געוואלט בענוצען דערמיט. ניט אנדערש, ווי א רב פאר אנ'איידעם האט זי זיך צוגעמאסטען. און ניט אומזיסט. דער יחוס האט עס איהר ערלויבט, און מען מעג זאגען, אז דאס געלד אויך. די געשעפטען פון אונזער שטעדטיל האבען אפילו ניט דערלאזט אנצוקלייבען אזוי פיעל נדן צו נעהמען א רב פאר אנ'איידעם, נאר מיין באבען האט גאט געגעבען אויף 2 טעלער: זי האט פערדיענט אויף לעבענס-מיטלען אין דער-היים, און דער זיידע האט פערדיענט אין אנ'אנדער זייט, ווייל זיין חשק צו בויען מיהלען און מעכאנישע מאשינעס האט איהם שוין לאנג פערטריבען פון דערהיים. שוין עטליכע יאהר איז ער געווען אין ווייטע קאנטען און האט אלץ געוואלט ערגיץ אויסקלעהרען א מיהל עפעס אנ'אנטיקעל. עס האט איהם אבער אלץ ניט געגליקט. אזוי ווי דער קאפ מיט זיינע פלענער זענען געווען גרויס, אזוי איז דער מזל זיינער געווען קליין. פלעגט ער ערגעץ-וואו מאכען א מיהל, און עס פלעגט אוועקגעהן נישט גוט, פלעגט ער דערביי אנווערען דאס געזונד מיט דעם געלד. נאכדעם פלעגט ער שוין בלייבען אבהענדיג און פלעגט זיך אבזאגען פון דעם געשעפט. ער פלעגט זיך פערשלאגען ערגעץ אין א גרויסער שטאדט און פלעגט זיך זעצען קנעלען אויף דריי-פיער יאהר און פלעגט פערדיענען דערווייל עטליכע הונדערט רובל. אזוי פלעגט עס אוועקגעהן, ביז עס פלעגט איהם מאוס ווערען דאס מלמד'ישע לעבען. דאן פלעגט ער זיך ווייטער ערגעץ-וואו אויסזוכען א מיהל און פלעגט ווייטער אויסגעפינען נייע מאשינעס, און אזוי פלעגט ווייטער אלץ אוועק אויפ'ן ווינד. אזוי האט ער אבגעלעבט זיין גאנץ לעבען. די אומגליקען פון זיינע מיהלען האבען איהם מקצר געווען זיינע יאהרען.

ווי אזוי די געשעפטען זיינע זענען ניט געווען שלעכט, פונדעסטוועגען האט ער פארט אריינגעשיקט 600 רובל, אז די באבע האט איהם געשריבען, אז מען רעדט שרה'ן שדוכים. מילא, וואס

עס האָט זיך געטהון, אַז עס איז אָנגעקומען אַזש צו אונז אין שטעדטיל 600 רובל, קען מען דאָס גאָרנישט פאָרשטעלען. די באָבע האָט זיך מורא געהאַט צו בעוויזען אויף דער גאַס, מען זאָל זי נישט אויפעסען מיט די אויגען. היינט וואו האַלט מען אַזוי פיעל געלד? דער שווער האָט איהר די עצה געגעבען, אַז זי זאָל אַריינלעגען דאָס געלד אין אַ טאָפּ און זאָל דאָס פערגראָבען אין דער ערד, נאָר זי, וועדליג אַ געבוירענע פון אַ גרויסער שטאָדט, האָט געפונען אַנ׳אַנדער אָרט אויף דאָס געלד. זי האָט עס בעסער אויפגעהאַנגען אין אַ ביַיטעלע ביַי זיך אויפ׳ן האַלז, און אַזוי האָט זי דאָס געטראָגען, ביז וואַנען זי האָט געטהון אַ שדוך און האָט אַיינגעלעגט דעם נדן.

מיט דעם גרויסען נדן איז צוגעקומען צו דער שעגער און געראָטענער כלה נאָך אַ מעלה. חתנים האָבען זיך אפילו פּאַר איהר געפונען אַ סך; נאָר מיַין באָבע האָט ניט געקוקט אויף ריַיכקיַיט. זי האָט נאָר געזוכט יחוס און תורה. וויַיטער האָט זי גאָרניט געוואָלט. ביַי איהר האָט אפילו די יונגקיַיט אויך געשפּיעלט אַ קליינע ראָליע. זי האָט געזוכט איהר אידעאַל און דאָס האָט זי געקענט געפינען אין אַנ׳אַלטען יודען אויך. נאָר גאָט האָט בעוויזען דאָס אידעאַל, וואָס זי האָט געזוכט, ניט אין קיין אַלטען יודען, נאָר אין אַ יונגען אַלמן פון 30 יאָהר און אינגאַנצען מיט איין קינד. דאָס איז געווען אַ חתן, וואָס קיין בעסערן האָט שוין די באָבע זיך גאָרניט געקענט פאָרשטעלען. דאָס איז געוועזן אַ חתן אַ היימישער, פון אונזער שטעדטיל, און דעם רב׳ס זוהן אַליין. קען דען זיין בעסער?

דער רב אַליין איז געווען אַ גרויסער מענש; אַחוץ וואָס אַ גרויסער למדן, איז ער נאָך געווען אַ גרויסער יחסן אויך. ער האָט געהאַט אַ יחוס בריעף, אַז ער שטאַמט פון דעם סדר־הדורות. ווי אַזוי זיין יחוס און זיין תורה האָט איהם געמאַכט גרויס ביַי לייַטען אין די אויגען, אַזוי פראָסט האָט ער זיך געהאַלטען מיט אַלעמען. ביַי איהם איז רעכט געווען זיך שטעלען ריידען אין גאַס מיט אַ פיצעל קינד אָדער גאָר מיט אַ יודענע. אַנדערע בעלי־בתים פלעגען איהם דערפאַר שטילערהייד בערייַדען, און דערהויפּט אין די שפּעטערדיגע יאָהרען האָט די שנור זיינע ניט געקענט לייַדען, פאַרוואָס איהר שווער, דער רב, וויַיסט זיך ניט ווי אַזוי צו האַלטען. נאָך אַ שוואַכקיַיט האָט געהאַט דער רב, וואָס ער פלעגט

זעהר נאָכגעגעבען דער רבי׳צין, וועלכע איז ביי איהם געוועזען די צווייטע פרוי. זי איז געוועזען זעהר אַ שעהנע, אַ פרומע, אָבער ניט קיין גוטע און אַ גרויסע מאָדניצע. זי פלעגט תמיד געהן שעהן און ריין אָנגעטהון. זי פלעגט זאָגען, אַז זי טהוט דאָס פון מצוה־וועגען. די גרעסטע מצוה, פלעגט זי זאָגען, איז פאַר אַ יודענע זיך אָנטהון שעהן און זיצען אַנטקעגען דעם מאַן, ער זאָל אויף איהר קוקען, כדי זיין געדאַנק זאָל זיין ריין פון אַנדערע, די רבי׳צין פלעגט זאָגען אַלע ווייבער פון אונזער שטעדטיל, זיי זאָלען אויך אַזוי טהון. נאָר זיי פלעגען איהר ניט פאָלגען. זיי פלעגען זאָגען: מיר לעבען דאָך ניט אַזוי רוהיג, ווי די רבי׳צין; אונז דרעהט דער קאָפּ פאַר אַנדערע זאַכען! נאָר מיר דאַכט, אַז ווען די רבי׳צין זאָל בטבע געוועזען זיין אַזאַ יודענע, ווי אַלע איבעריגע ווייבער, וואָלט זי אויך געהאַט קאָפּדרעהעניש, ווייל ביי אונז אין שטעדטיל האָט זיך איהר מאַן גאָרניט אַזוי גוט געלעבט. ער פלעגט האָבען גרויסע צרות פון די שכירות, וועלכע איז געוועזען פון אַזאַ גרויסע סומע ווי 10 גילדען אַ וואָך, און אפילו אָט די עטליכע גילדען פלעגט איהם אָנקומען מיט נויט, ווייל אין שטעדטיל זענען געוועזען מחלוקת׳ן צווישען די בעלי־בתים און דאָס פלעגט אויסגעהן צום רב. דער רב נעבעך פלעגט דאַרפען כמעט אַלע שבת ניט לאָזען לייענען דערפאַר, וואָס מען גיט איהם ניט זיינע שכירות. פון דעסטוועגען האָט דער רב, ניט קוקענדיג אויף זיינע צרות, געהאַט אַ גאַנץ גליקליך אויסזעהן. עס ווייזט אויס, אַז אויף איהם האָט וועניג געווירקט די ביטערקייט פון זיין פרנסה. און זיין פרוי האָט זיך אויך געפיהלט צופריעדען. זי האָט נאָר געוואוסט, אַז זי אַליין דאַרף שיינען און אַלצדינג, וואָס נעבען איהר, דאַרף אויך שיינען. און עס איז טאַקי געוועזען אַזוי. אַז מען פלעגט זי בעגעגנען אין גאַס מיט אַ שעהנעם זיידענעם צעפּיק, הינטען מיט לאַנגע בענדער און מיט שעהנע לאַנגע אויריגגלעך, אין אַ שעהנעם שוואַרצען פאַרוק, שעהן פערקאַמט און אָנגעטהון אין אַ שוואַרץ קלייד, מיט אַ גרינעם פאַרטוך, וועלכער פלעגט זעהר שעהן אָבשלאָגען אַנטקעגען דער שוואַרצער פאַרב פון קלייד, ווען מען פלעגט זי אַזוי בעגעגענען מיט איהר גלייכער פיגור, מיט איהר שעהנעם קאָפּ, פלעגט זיך גלוסטען ניט ווילענדיג צו איהר אַ נייג טהון. קוקענדיג אויף איהר, פלעג איך טראַכטען, אַז אונזער מוטער שרה איז געווים געוועזען אַזאַ ווי זי. אַנדערש האָב איך מיר די מוטער שרה׳ן גאָרניט פאָרגעשטעלט.

ווי זי פלעגט מיר דערמאהנען אן די מוטער שרה׳ן, אזוי פלעגט מיר דער רב דערמאהנען מיט זיין אויסזעהן אן אונזער מאטער אברהם. ער איז געווען שען, מיט א גראהער לאנגער באָרד, מיט שווארצע אויגען און מיט לאנגע ברעמען, וועלכע פלעגען איהם כמעט פערדעקען דאס גאנצע פנים. זיין פיגור איז געווען שען. ער איז געווען הויך און דיק און גלייך געוואקסען, היינט צו דער שענקייט, איז ער נאך געווען גוט, אמת-פרום און פראסט ביי זיך. ניט קוקענדיג אויף זיין אָרימקייט, איז ער געווען א גרויסער מכניס-אורח אויך. אלע מעלות פון אברהם אבינו.

אט מיט דעם זעלטענעם רב האט מיין באבע א שדוך געטהון און האט טאקע גענומען זיין בעסטען זוהן פאר אן אייד׳עם, אויף וועלכען אלע האבען געקוקט, ווי אויף א יורש פון דעם רבי׳ם קעניגליכע שטוהל. אויף איהם האבען אלע געזאגט, אז ער איז ווערט געווען צו זיצען אויף א טראָן אויך אין א גרעסערן אָרט ווי אונזער שטעדטיל. דאס איז געווען א מענש מיט א זעלטענעם קאפ, מיט גרויסע איידעלע געפיהלען, מיט א גוט הארץ. ער איז געווען בעקאנט מיט אלע סודות פון דער תורה, ער האט כאראקטעריזירט אלע תנאים פון דער גמרא, ער האט געוואלט פערשטעהן גרינדליך אלע מיינונגען פון אלע אונזערע יודישע חכמים. ער האט פיעל געהאָרעוועט אויף זיין תורה. ער איז געווען א גרויסער ליעבהאבער פון ספרים; ער האט געהאט א גרויסע ביבליאָטעק און ער פלעגט זיצען יום ולילה און לערנען. ער האט אזוי פיעל געלערנט און אזוי געוואלט וויסען די סודות פון אלצדינג, אז ער האט זיך אין די שפעטערדיגע יאהרען פערנומען מיט קבלה, וועלכע האט איהם איינגאנצען זיין קאפ צומישט. ער האט זיך ניט נאר אינטערעסירט מיט די ספרים פון יודישע חכמים, רבנים און מקובלים, נאר אויך מיט וועלטליכע זאכען און חכמים פון אנדערע פעלקער. ער האט אפילו קיין אנדערע שפראכען נישט געלערנט, ווייל די תנאים פון זיין לעבען האבען איהם ניט ערלויבט זיך עפעס צו לערנען אנדערש אחוץ דער תורה, נאר דאך איז ער געווען בעקאנט מיט וועלטליכע זאכען, ווייל ער פלעגט זיך מיט אלץ אינטערעסירען. ער האט א סך געוואוסט; ער איז געווען בעקאנט מיט דער פילאזאפיע פון די אלטע גריכען און אויך מיט די שטות פון די שפעטערדיגע פילאזאפען. ער האט געוואוסט די געשיכטע, ניט נאר פון זיין פאלק, נאר אויך פון אלע גרויסע פעלקער. אומעטום

האָט ער געזוכט קענטניש און אמת. ווי נאָך א ליכטיגער ווייל האָט ער זיך נאָך דעם געיאָגט דאָס גאַנצע לעבען. געוואַלגערט זיך אין אַלע ישיבות, געפיהרט וכוחים מיט אַלע גאונים, געגראַבעלט זיך אין אַלטע פנקס'ן, אין פערשטויבטע אַלטע ספרים און צום סוף געבליבען פערשלאָסען מיט אַלע קענטעניש'ען און פעהיגקייטען אין דעם ענגען אומגליקליכען יודישען לעבען. קוים א קנעלונג פאַר 100 רובל א זמן האָט ער געפונען ביי זיך אין שטעדטיל.

נאָר נאָך אַלע זאַכען האָט מיין באָבע געטהון א גוטען שדוך. זי האָט געגעבען 300 רובל נדן און האָט צוגענומען דעם איידעם איהרען אויף קעסט אויף 2 יאָהר. זי האָט געמאַכט דער טאָכטער שענע קליידער און האָט גענייהט א שטאַט, וואָס שענער קען ניט זיין. זי האָט געמאַכט א רייכע חתונה, און גאָט און לייט האָבען איהר מקנא געווען, וואָס זי האָט גענומען אַזא איידעם און נאָך דעם רב'ס א זוהן. די כלה האָט, ווי עס פיהרט זיך, דעם חתן ווייניג געקענט, דאָך איז זי געווען צופריעדען, וואָס זי האָט פאַר איהם חתונה. ווייל זי איז געווען א גרויסע בעל-גאוה'טע און זי האָט זיך שטאַרק איבערגענומען, וואָס זי נעהמט דעם רב'ס זוהן, א גרויסען למדן, און וואָס זי וועט אמאָל אַליין ווערען א רביצין. זי האָט געוואוסט, אַז אַלע זענען איהר מקנא, און האָט געהאָפט, אַז אַלע וועלען איהר נאָך ערשט מקנא זיין, אַז איצט וועט די גאַנצע משפחה ווערען העכער דורך איהר שווער'ס יחוס. אָט מיט די אַלע זאַכען איז זי געווען גליקליך, ווייל איהר שטאַרקסטער פערלאַנג איז געווען צו שטעהן העכער פאַר אַלעמען, אַלע זאָלען איהר מקנא זיין. פון איהר הערצליכען גליק האָט זי ווייניג געטראַכט, האָטש זי האָט געוויס געוואָלט זיין גליקליך אין שטוב ביי זיך, אַזוי ווי פאַר לייטען, נאָר דאָס גליק פאַר לייטען איז איהר געווען טייערער ווי דאָס גליק, וואָס קיינער זעהט ניט.

זי איז געווען א קלוגע, נאָר זעהר א שטאָלצע. זי האָט זיך שטענדיג געהאַלטען העכער פון אַלעמען אין שטעדטיל, ווייל זי איז געווען שען, קלוג, געראָטען און פון א שענער פאַמיליע. דערצו איז נאָך שפעטער צוגעקומען דער שטאָלץ, וואָס אויפ'ן 19-טען יאָהר האָט זי דער רב אויסגעקליבען פאַר א שנור. אַבי וועמען וועט דאָך דער רב ניט נעהמען, אַז מען האָט זי אויסגעקליבען, מסתמא איז זי דאָך ווערט געווען. ניט קוקענדיג אויף איהר גרויסקייט, האָט זי זיך מיט אַלעמען געהאַלטען פראָסט, נאָר אין איהר

פראָסט האַלטען זיך פלעגט מען ערשט אַרויסזעהן איהר גאוה. זי פלעגט רעדען מיט'ן קלענסטען. און זי פלעגט זיך, דאַכט זיך, האַלטען מיט איהם גלײַך, נאָר אין איהר גלײַך האַלטען זיך מיט אַ נידעריגערן פון זיך פלעגט זי געבען יענעם צו פערשטעהן, אַז ניט קוקענדיג אויף דעם, וואָס זי איז אַזוי גרויס אין אַלע זאַכען, פונדעסטוועגען האַלט זי זיך ניט גרויס און רעדט מיט'ן קלענסטען. רעדענדיג מיט יענעם, פלעגט זי וועלען יענעם העכער מאַכען, ניט זיך נידעריגער מאַכען. זי האָט געוואָלט יענעם אַ טובה טהון, און רעדענדיג מיט איהר האָט זיך טאַקע יענער געפיהלט גליקליך, וואָס זי, די „פּרינצעסין פון די העכערע וועלטען, נידערט אַראָב אויף דער ערד" און האַלט זיך גלײַך מיט אַלע מענשען.

פרײַנדינען האָט זי קײנמאָל ניט געהאַט גלײַכע צו זיך. מיט איהרע שוועסטער־קינדער פלעגט זי זיך קײנמאָל ניט וועלען קאָמפּאַנירען, ווײַל אין זײערע אויגען איז זי דאָך פון אַזאַ וועלט ווי זײ אַלײן. זײ קען זי דאָך קײן טובה ניט טהון מיט איהר פרײַנדשאַפט. דערפאַר האָט זי זיך בעסער אויסגעזוכט אַ פרײַנדין צווישען די נידעריגערע, אַן אָרימען מײדעלשען מלמד'ס אַ טאָכטער.

די פרײַנדין איז געווען אַ וואויל מײדעל מיט אַ גוט האַרץ. זי איז געווען זעהר דאַנקבאַר איהר פרײַנדין, דער אַריסטאָקראַטקע, וואָס זי קאָמפּאַנירט זיך מיט איהר, מיט דער אָרימער. זי איז איהר געווען אַ געטרײַע פרײַנדין. זי האָט געוואוסט, ווי אַזוי צו שעצען די פרײַנדשאַפט, און איז איהר געווען אין אַלץ טרײַ און אָבגעגעבען. קײן זאַך, קײן אַרבײט איז פאַר איהר ניט געווען צו שווער צו טהון צוליעב איהר. פאַר אַזאַ געטרײַשאַפט האָט זי, די אַריסטאָקראַטקע, מײַן באָבע'ס טאָכטער, איהר געשענקט איהר פרײַנדשאַפט. צי זײ האָבען זיך אויך אין האַרצען ליעב געהאַט, ווײסט מען ניט, נאָר פאַר לײַטען זענען זײ געווען די בעסטע גוטע פרײַנד. זײ פלעגען אויסגעהען בײדע אינאײנעם, זײ פלעגען געהן אויף אַ התונה זאַלבענאַנד און פלעגען אײנע אָהן די אַנדערע ניט טאַנצען. פאַר יעדערע איז דאָס טאַנצען מיט זײ געווען אַ גרויסער כבוד, און עס זענען געווען וועניג גליקליכע, וואָס האָבען זוכה געווען צו דערצו. צוליעב דער אַריסטאָקראַטקע איז דאָס פראָסטע מײדעל אויך געוואָרען בײַ לײַטען גרויס אין די אויגען, ווארום אַז יענע האָט זי אויסגעקליבען פאַר אַ פרײַנדין, מסתמא איז זי דאָך דאָס ווערט און מען דאַרף זי שעצען גלײַך מיט איהר. בײדע פרײַנדינען

פלעגען געהן גלייך געקליידעט, און ווען דער אָרימער מיידעל פלעגט דאָס אָנקומען זעהר שווער, פלעגט זי פונדעסטוועגען נישט אָבשטעהן. זי האָט איינמאָל אַ גאַנצען זומער געאַרבייט אין פעלד ביי אַ פריץ און האָט זיך געבאַקט אויף דער זון אַ גאַנצען טאָג, און ביינאַכט געשלאָפען אונטערן פרייען הימעל, און אַלץ צוליעב דעם, וואָס זי האָט פערדיענט אויף צו מאַכען זיך אַ קלייד אַזוי ווי ביי איהר רייכער פריינדין.

אַז זי האָט געקראָגען געלד, זענען זיי דערנאָך ביידע פאַר ימים-טובים געפאָהרען קיין ראַבינסק און זיי האָבען זיך דאָרט ביידע געמאַכט די אייגענע קליידער. די קליידער זענען געווען זעהר שענע. אַז מען האָט זיי געבראַכט אין שטעדטיל, זענען אַלע געלאָפען קו-קען, ווי אַזוי זיי זענען גענייהט. עס איז טאַקע געווען וואָס צו זעהן, וואָרום די קליידער זענען געווען אויפגענעהט מיט דער ער-שטער מאַשין, וואָס מען האָט געבראַכט קיין ראַבינסק. מען האָט דערפאַר געהאַט גענוי צו דערצעהלען פון דער מאַשין, ווי זיי האָבען אַליין מיט זייערע אויגען געזעהן, ווי אַזוי מען נייהט אויף איהר און ווי די מאַשין שטעפט אַליין. היינט קען מען זיך פאָר-שטעלען, ווי אַזוי גרויס זיי זענען געוואָרען ביי לייטען אין די אויגען דורכדעם. צו די צוויי הבר'טעס איז קיין גלייכען ניט גע-ווען. איבערהויפט איז די אָרימע מיידעל דערהויכט געוואָרען. איהר רייכע הבר'טע האָט איהר ווירקליך פיעל טובות געטהון. צו דער התונה האָט זי איהר אָנגעטהון איהר חופה-קלייד; אויף מאָרגען נאָך דער התונה האָט זי איהר געשיקט איהר פאַרוק און איהר'ס אַ קלייד, זי זאָל ניט פערשעמט ווערען פאַר די מחותנים, און נאָך דער התונה האָט זי איהר געליהען אַ פערענע אויף אַ גאַנץ יאָהר, זי זאָל ניט פערשעמט ווערען ביי'ם מאַן, וואָס זי האָט ניט קיין בעט-געוואַנט. זי האָט נעבעך גאָרניט געהאַט צו דער התונה, נאָר פונדעסטוועגען האָט זי גענומען אַ לערנער, אַ זוהן פון אַ פיינעם טאַטען. פערשטעהט זיך, אַז דאָס איז איהר ניט גרינג אָנגעקומען. פאַר דער חופה, אַז דער מחותן האָט דערהערט, אַז עס איז ניטאָ די 50 רובל נדן, וואָס מען האָט צוגעזאָגט, און קיין טלית איז אויך ניטאָ, האָט ער געהאַפט דעם חתן און איז אַוועקגעפאָהרען פון דער התונה. נאָר דאָ האָט זיך אַריינגעלעגט מיין באָבע מיט איהר הויזגעזינד. מען האָט איינגעלעגט נדן אויף אַ ווילע, מען האָט געגעבען אַ טלית, און די פריינדין, די דוואָר-

יאַנקע, האָט געבראַכט אַ ווייס טישטוך, מיט לעקעך און בראָנפען און מען האָט צום מזל חופה געשטעלט.

דאָס לעבען האָט דערנאָך ביידע הבר׳טעס אויסגעגלייכט. דאָס אָרימע פּראָסטע מיידעל איז אין איהר פאַמיליען-לעבען גליקליך געווען און דער רייכער איז וואָס וויטער ערגער געגאַנגען.

די שענע אין קלוגע, שטאָלצע און געראָטענע, מיין באָבע׳ס טאָכטער, האָט התונה געהאַט מיט׳ן רב׳ס זוהן, דעם למדן און דעם קענער, דעם אידעאַליסט. דאָס איז געווען זעהר אַ געראָטען פּאָר-פּאָלק, נאָר זיי זענען געווען פון צוויי בעזונדערע וועלטען. זי האָט זיך געשטרעבט צו דערגרייכען רייכקייט און כבוד; זי האָט איהר יחוס געהיט און האָט זיך געהאַלטען גרויס מיט איהם און האָט געוואָלט דורך איהם דערגרייכען איהר ציעל, אַרויסצוגעהן פון דער מאַסע און צו שיינען צווישען זיי. ער איז געווען גאָר אַנ׳אַנדער מענש. ער האָט פון זיין יחוס גאָרנית געטראַכט, ער האָט, אַדרבה, געוואָלט, אַז אַלע יודען זאָלען זיין גלייך. ער האָט פיינד געהאַט גאוה און קנאה.

זי זאָגט, אַז אַ קינפטיגער רב דאַרף זיך האַלטען פּאַסענד: זיין גוט מיט די רייכע בעלי-בתים, פערהערען זייערע קינדער, ניט מישען זיך אין קהל׳שע זאַכען און בכלל היטען זיך פון שונאים. און ער, ווי אויף להכעיס. וואו עפּעס אַ געשלעג צווישען צוויי שוסטער איז ער אין דער מיט. מיט דער גאַנצער מזרח-וואַנד איז ער אויף מעסער. און פּלוצלונג נעהמט ער גאָר צונויף אין דער שניידערשער שוהל אַ פּאָר מנינים בעלי-מלאכות עם-הארצים און זאָגט פאַר זיי אַ שטיקעל תורה, אָדער ער קריגט עפּעס אַנ׳אָרימען דורכגעהער און טענה׳ט מיט איהם אָב אַ נאַכט.

דאָס ווייב הערט זיך אונטער וועגען וואָס רעדט ער דאָס מיט אַזאַ היץ. צו וכוחים וועגען תורה איז זי צוגעוועהנט. דאָס האָט זי ליעב. אַליין מיט איהרע אייגענע הענד האָט זי איהם אָב-געגעבען דעם נדן, ער זאָל זיך קויפען ספרים. ווי אַנ׳אָרון קודש איז ביי איהר דער אַלמער מיט די גרויסע גמרות, זי וואַקסט קוי-קענדיג, זי ווייס, אַז זי איז אַ ווייבעל מיט אַנ׳אידעלער נשמה, וואָס פערשטעהט דעם ווערט פון תורה, ווי אַ זיסע מוזיק קלינגט איהר דעם מאַנס לערנען. נאָר וואָס רעדט מען אָב אַ נאַכט מיט אַ פּראָסטען אָרימאַן? אַ חרפה פאַר לייטען. בעלי-בתים מאַכען חוזק און איהר ווערט צופּלאַצט די גאַל. איגגאַנצען אין טאַטען איז ער

גערֶאָטען. יענער אַ גרייז-גראָהער מאַן, אַ רב, האָט ניט קיין בושה: אין מיטען מיטוואָך לאָזט ער זיך אַוועק מיט דעם גלה'ס פּאַראָבאַק אויפ'ן טייך, וואָס איז? די רביצין וויל פרישע פיש אויף וואַרימעס. און דער זוהן אויך מיט אַזאַ סטאַט. אַ געשטראָפּטע איז זי. תורה אָהן אַ ממשות האָט גאָט איהר געגעבען. אַ מענש מיט אַנ'אָפּגענעם מוח, וואָס ווייסט די תורה בעל-פּה, לאָזט זיך אַריין מיט עפּעס אַנ'עם-הארץ, אַ בעטלער אין הקירות, ווי אַזוי גאָט פיהרט די וועלט און קאָכט זיך דערביי אַזוי, ווי ער אַליין וואָלט שוין אינגאַנצען געווען פערזאָרגט. אַ מענש ציהט קוים דאָס שטיקעל ברויט. זי, די גערֶאָטענע שענע ווייבעל קוועלט זיך אין אָרימקייט, שפּאָרט פון זיך, פערגלעט אַלצדינג זאָל זיין פיין, אָנשטענדיג און ער — ניט זיין דאגה, די וועלט וויל ער פערזאָרגען.

אָט אַזאַ מין לעבען איז דאָס געווען: דער מאַן איז אַ געלערנטער און זיצט און טראַכט פון הויכע וועלטען, און דאָ אויף דער ערד איז ער אַ דעמאָקראַט ביז'ן לעצטען קאַפּ בלוט און טראַכט נאָר וועגען טובת-הכלל, און זי, די פרוי, איז אַ שטאָלצע אַריסטאָקראַטקע און חלומ'ט פון רייכקייט און כבוד. און אַזוינע צוויי מענשען, וואָס זענען געווען ווייט איינער פון דעם אַנדערן, אַזוי ווי פון איין עק וועלט ביז'ן אַנדערן, האָבען געדאַרפט פערברענגען די יאָהרען און לעבען מיט איין לעבען. דאָס איז געווען דאָס אומגליקליכסטע פּאָר-פאָלק אין דער וועלט. זייער לעבען איז געווען אַ מלחמה פון צוויי גבורים. צוויי שטאַרקע נאַטורען האָבען געשטריטען, און איינער האָט דעם אַנדערן ניט געוואָלט נאָכגעבען. און אַזוי האָט מען געשטריטען דאָס גאַנצע לעבען, און איינער האָט דעם אַנדערן גישט איבערגעמאַכט.

אַ גרויסען אָנטייל אין זייער שטרייט האָט געהאַט דאָס קינד פון דער ערשטער פרוי, וועלכעס איז אַלט געווען 7 יאָהר, ווען עס איז אָנגעקומען צו זיין שטיפמוטער. דאָס איז געוואַקסען זעהר אַ שלעכט קינד. עס האָט ניט געוואָלט לערנען און האָט גלאַט ניט געוואָלט פאָלגען די עלטערן. וואָס עס איז עלטער געוואָרען, איז עס אַלץ ערגער געוואָרען. דער פאָטער פלעגט פון איהם פיעל ליידען. ער האָט אַוועקגעלעגט זיין גאַנץ געזונד, ער זאָל איהם קענען מאַכען פאַר אַ שטיקעל מענשען. אויך די שטיפמוטער פלעגט פון איהם ליידען, נאָר זי פלעגט איהם ניט שאַנעווען. איהר גאַנץ ביטער הארץ פלעגט זי אויסגיסען צו איהם, און דאָס

איז אפשר געװען די סבה, װאָס ער איז געװען אַזױ שלעכט, װײַל מען פלעגט איהם שטרענג בעשטראָפען פאַר יעדע זאַך. ער פלעגט מורא האָבען פאַר דער הײם אַזױ װי פאַר פײַער. און אַז ער פלעגט װײַכען די הײם, פלעגט זײַן נאָך ערגער: ער פלעגט קריגען שלעכטע חברים און פלעגט זיך ניט גוט אױפפיהרען. לערנען האָט ער גאָר־ניט געװאָלט. אַ קאָפּ האָט ער געהאַט אַ גוטען, נאָר דער קאָפּ זײַנער איז געװען װײַט פון צו זיצען און לערנען. אַזױ האָט מען זיך מיט איהם אָבגעמאַטערט ביז זײַנע 14 יאָהר. עס האָבען ניט געהאָלפען דעם פאָטער'ס מוסר און דער שטיפמוטער'ס שטראָפען, ער איז אַלץ געבליבען דער אײגענער. דער פאָטער האָט געזעהן, אַז עס איז שלעכט, ער װיל ניט לערנען, האָט ער גענומען און האָט געטהון אַזױ, װי אַ מענש מיט אַ פרײַען און הױכען גײַסט דאַרף טהון: ער האָט איהם אָבגעגעבען צו אַ שנײַדער צו לערנען זיך די מלאכה. דער שטאָלצער שטיפמוטער האָט דאָס טאַקע נישט געפּאַסט. איהר איז ניט אָנגעשטאַנען, אַז איהרע קינדער זאָלען האָבען אַ ברודער אַ בעל־מלאכה, דעריבער האָט זי איהם אָבגענומען פון דעם שנײַדער און האָט איהם אַװעקגעשיקט אין דער ישיבה. דעם פאָטער האָט דאָס פערדראָסען, און ער האָט זיך שוין מעהר װעגען איהם ניט געמישט. צרות האָט מען נאָך פון איהם שפּעטער געהאַט. און אָט דאָס יונגעל האָט אויך אַרײַנ־געגאָסען אַ ביסעל סם אין דעם גיפט־בעכער, װאָס דאָס פאַר־פאָלק האָבען דאָס גאַנצע לעבען געטרונקען. אָט דאָס דאָזיגע אומגליקליכע פאַר־פאָלק, פון װעלכען איך דערצעהל דאָ, זענען געװען מײַנע עלטערן.

מײַן מוטער האָט אינגאַנצען צװײ קינדער געבױרען, מיך מיט מײַן קלענערן ברודער'ל.

איך און מײַן ברודער האָבען פונדעסטװעגען דאָס לעבען פון מײַנע עלטערן ניט גליקליכער געמאַכט. זײער לעבען מיט אונז האָט זיך געצױגען אויך װײַטער אַזױ אומגליקליך, װי פריהער אָהן אונז.

אײן מאָל, נאָך אַ גרױסער קריג זײערער, האָט די באָבע געגעבען אַן עצה זײ זאָלען זיך גט'ען.

— שװיגער, פון גאָט װעט זײַן אונזער גט — האָט דער טאַטע געענטפערט שטרענג און די מאַמע איז פערציטערט געװאָרען פון די װערטער.

— טאָרסט זיך ניט מישען צװישען אונז! — האָט זי אױסגע־

שריִען מיט כעס און זיך שטיל פונאַנדערגעוויינט.

נאָר אויפ'ן צווייטען טאָג האָט זיך ווייטער איבער אַ נאַרישקייט צווישען זיי אָנגעהויבען אַ מלחמה און אַזוי איז געווען דאָס גאַנצע לעבען, וועלכעס האָט אינגאַנצען געדויערט אַ קאַרגען צעהנדליג יאָהרען.

מיין פאָטער איז געשטאָרבען צו 43 יאָהר און האָט איבער=געלאָזט מיין מוטער, 32 יאָהר אַלט, און 2 קליינע קינדער: מיך, פינף יאָהר אַלט, און מיין קלענערן ברודער, דריי יאָהר אַלט.

רוהיג איז ער געשטאָרבען. ער האָט ניט געדאגה'ט, וואָס ער האָט ניט פערזאָרגט זיין פרוי און קינדער. אַז די מאַמע האָט איהם געפרעגט, צי עס טהוט איהם באַנג, וואָס ער שטאַרבט אַזוי גיך, האָט ער געענטפערט, אַז עס טהוט איהם זעהר באַנג, ווייל ער האָט נאָך אַ סך זאַכען ניט דערלערנט, ווייטער אַרט איהם גאָר ניט. אַז די מאַמע האָט איהם ווייטער געפרעגט, אויף וועמען לאָזט ער די פרוי און קינדער, האָט ער געענטפערט רוהיג: „אויף גאָט!“ יאָ, ער האָט געהאַט אַ שטאַרקען גאָט, ווען ער האָט געקענט אַזוי רוהיג רעדען פאַר'ן טויט!

אַזוי איז דער פאָטער געשטאָרבען, איבערלאָזענדיג אַ יונגע פרוי מיט 2 קליינע קינדער, און נאָך אַן'עלטערן זוהן, וועלכער האָט איהם נאָך אויך געדאַרפט האָבען, און דערצו נאָך אַן'אַל=טען טאַטען, אַ רב, וואָס האָט געהאַפט נאָך זיין טוידט איבער=לאָזען דעם זוהן אויף זיין אָרט. נאָר מיין זיידע, דער רב, האָט דעם קלאַפּ צוגענומען ווי אַ העלד. ניט אומזיסט פלעג איך טראַכ=טען דעמאָלט, דאָס ער איז ענהליך אויף אַברהם אָבינו, וואָס האָט זיין איינציגען זוהן געוואָלט אומברענגען פון גאָט'ס וועגען. אַזוי ווי אַברהם אָבינו, האָט אויך מיין זיידע אָבגעגעבען צו גאָט אַ קרבן. ער האָט קיין איין טרעהר ניט אַרויסגעלאָזט. ער האָט נאָר געזאָגט: „אַ דאַנק דיר, גאָט, פאַר דער מתנה, וואָס דו האָסט מיר געשענקט אויף 43 יאָהר. מעהר בין איך מסתמא ניט ווערט געוועזן“.

אַלע האָבען געוויינט אויף מיין טאַטענס טוידט, נאָר מיין זיידע און איך האָבען ניט געוויינט. מיין זיידע האָט ניט גע=וויינט פון פרומקייט, און איך — פון נאַרישקייט. איך בין נאָך דעמאָלט קליין געוועזן און האָב ניט פערשטאַנען דאָס אומגליק.

מיין פאָטער געדענק איך כמעט ווי גאָרניט. איך געדענק

נאָר איין בילד פון מיין קינדהייט, ווען מיין פאָטער האָט נאָך געלעבט, און דאָס בילד שטעהט נאָך ביז איצט ווי אַ לעבעדיגס פאַר מיינע אויגען. איך געדענק, אַז איין מאָל ביי־נאַכט האָב איך זיך אויפגעהאַפּט, האָב איך געזעהן, אַז איבער דער הרובקע האָט זיך געברענט אַ קליינינקעס לעמפּעלע, וועלכעס האָט אַביסעל גערויכערט, און אויף דער הרובקע איז געלעגען אַן אָפּענער ספר. איבער'ן ספר איז געשטאַנען אָנגעלענט אַ הויכער מענש, אַ שוואַרצער, מיט לאַנגע ברעמען, און האָט געקוקט אין ספר. אין שטוב איז געווען כמעט פינסטער, דאָס לעמפּעלע האָט נאָר בעלייכט דעם ספר און ניט די שטוב, נאָר פונדעסטוועגען געדענק איך אַלצדינג קלאָר, הויך די פיגור, וואָס איז געשטאַנען אָנגעלענט איבער'ן ספר. איך זעה זי ווי דורך אַ נעבעל, נאָר דאָך זעה איך זי. און דאָס איז געווען מיין פאָטער, וואָס איז געשטאַנען און געטראַכט עפּעס פון די הויכע וועלטען. ווער ווייסט, וואו עס האָבען דעמאָלט זיינע הויכע געדאַנקען אַרומגעשוועבט?

ווי אין חלום געדענק איך נאָך אַ בילד פון מיין קינדהייט. מיין טאַטע איז געלעגען אויף דער ערד. אונזער שטוב איז פול געווען מיט מענשען און אַלע האָבען געוויינט. וויפיעל איך וויל זיך דערמאָהנען, וואָס האָט מיין קליינער קאָפּ דעמאָלט געטראַכט, קען איך עס ניט. מיר דאַכט, אַז איך האָב אויף אַלץ געקוקט ווי עפּעס אויף אַ מין קאָמעדיע. איך האָב געמיינט, אַז דער טאַטע פאָהרט ערגעץ אַוועק, ווייל שפּעטער מיט אייניגע טעג האָב איך געפרעגט די מאַמען: ווען וועט קומען דער טאַטע? וואָס די מאַמע האָט מיר געענטפערט, געדענק איך ניט. יענע צייט געדענק איך בכלל אינגאַנצען ווי דורך אַ חלום. איך ווייס נאָר, אַז די מאַמע איז געבליבען נאָך דעם פאָטער'ס טוידט מיט אַ קאַפּיטאַל סך הכל פון פיער רובל.

מיין מוטער'ס מוטער האָט בעת מיין פאָטער'ס טוידט געוואָהנט ווייט פון אונז, אין אַ גרויסער שטאָדט, אַזש אין דרום־רוסלאַנד האָט זי זיך פערקליבען. אַהין האָט זי דער זיידע אַריבערגענומען מיט די קינדער. דאָ איז געבליבען נאָר מיין מוטער מיט איהר מאַן, וועלכע האָבען געוואַרט אויף די חזקה פון דער רבנות. דער זיידע איז דאָרטען געשטאָרבען, נאָך גאָר ניט אַלט, ווייל די מיהלען האָבען איהם דערקירצט די יאָהרען; די באָבע מיט די קינדער זענען אָבער שוין געבליבען ווייט פון זייער געבורטס־

שטאָדט, ווייל זיי האָט זיך דאָרטען געלעבט בעסער ווי אין דער=היים. די באָבע האָט אַפילו געבענקט אַהיים, ווייל זי האָט פיינד געהאַט די גרויסע אויסגעלאַסענע שטאָדט, אָבער זי האָט געמוזט בלייבען צוליעב די קינדער, וועלכע האָבען דאָרט געהאַט מעהר וואָס צו טהון, ווי אין אונזער בלאָטיג שטעדטיל.

ווי די באָבע האָט זיך דערוואוסט פון אונזער אומגליק, איז זי מיט די קינדער איהרע געקומען העלפען זייער אומגליקליכער טאָכטער און שוועסטער. מען האָט אָנגעהויבען צו מאַכען פּלענער, וואָס מען זאָל טהון. די ברידער און שוועסטער האָבען געגעבען די עצה צו פערלאָזען די געבורט'ס=שטאָדט און אַרויסצופאָהרען צו זיי, אין דער גרויסער שטאָדט, וואו זיי וואָלטען זיך שוין דאָרטען איינגעאָרדענט. מיין מוטער האָט אָבער ניט מסכים געווען דערויף. ערשטענס, האָט זי ניט געוואָלט אָנקומען צו איהרע ברידער, זיי זאָלען זי דאַרפען שפּייזען. צווייטענס, האָט זי מורא געהאַט פאַר דער גרויסער שטאָדט, איהרע קינדער זאָלען ניט אויסוואַקסען פאַר גוים. דערהויפּט האָט זי געדאגה'ט פאַר'ן יונגעל. וואָס, האָט זי געטראַכט, וועט פון איהם דאָרט ווערען? ער וועט דאָך דאָרט געוויס ניט ווערען קיין פרומער יוד, ווי אין דער=היים. אַ ביישפּיעל האָט זי פון איהרע ברידער. אין דער ליטאָ וואָלטען זיי געוויס געווען רבנים, און היינט טראַכט שוין די באָבע אַליין אויך ניט פון דעם.

דאָס זענען געווען די טעמים, צוליעב וועלכע מיין מאַמע האָט ניט געוואָלט אַרויספאָהרען. איהרע פריינד האָבען זי דאָ אָבער אויך ניט פערלאָזען. די ברידער האָבען איהר אַוועקגעשאָנקען די שטוב, וואָס זיי האָבען געירשנ'ט פון זייער טאַטען, און זייער טאַטע פון זייער זיידען. דאָס איז געווען אַ פאַמיליען=פּלאַץ, וואָס עס איז איבערגעגאַנגען פון איינעם צו'ם אַנדערן. אויסער דעם פּלאַץ, וואָס די ברידער האָבען געשאָנקען, האָבען זיי נאָך איהר אָבגעגעבען 200 רובל, אַנ'אַלטען חוב פון אַמאָל.

מיט דעם געלד, וואָס די מוטער האָט בעקומען, האָט זי געמאַכט אַ קראָם ביי זיך אין שטוב. די קראָם איז געווען פון אַלצדינג, פון אַלערליי סחורות, וואָס מען קען נאָר אויסריידען מיט'ן מויל. דאָס געשעפט האָט גלייך אָנגעהויבען צו געהן גאָר ניט שלעכט. מיין מאַמע איז געווען אַ גרויסע בריה. זי האָט אַלצדינג געקאָנט. צוזאַמען מיט דער קראָם פון אַלערליי סחורות, האָט זי אויך געמאַכט נאָך אַ בעקעריי. מען האָט געדאַרפט באַקען בול=

קעס, לעקעך און נאך אזוינע זאכען. און די מאמע פלעגט דאס אלצדינג מאכען אליין. דאס איז איהר נאך אליץ געוועז ווייניג, פלעגט זי זיך נאך אחוץ דעם אויף פערנעהמען מיט געניי. זי פלעגט זיצען גאנצענע נעכט און נייהען גוישע העמדלעך פאר וועלכע זי פלעגט נעהמען צו 20 קאפיקעס א שטיק. מיט איין ווארט, זי האט ניט גערוהט, אבי ערליך צו פערדינען. אויף פרנסה האט די מאמע געדארפט ווייניג. די קינדער זענען נאך גע־ווען קליין, קיין דירה־געלד האט ניט געקאסט, א גארטען איז געווען א גרויסער, אין וועלכען עס פלעגט אנוואקסען אלצדינג אויף א גאנץ יאהר, און א חוץ דעם האט מען זיך נאך ניט גרויס גע־פיהרט אויך, און אין קראם האט זיך געלייזט גוט. צו ביסלעכווייז האט זיך די מאמע אין א צייט פון 3 יאהר אנגעקליבען א ביסעל געלד און האט גרעסער געמאכט די קראם. ביי אונז אין שטעדטיל האט מען שוין אנגעהויבען זאגען, אז מיין מוטער איז א גבירה, און מיין מאמע'ס קרובים פלעגען אפילו שטארק מורא האבען פאר אנ'עין־הרע. מיין מאמע איז געווען שטארק צופריעדען מיט איהר לאגע, און דערהויפט דערמיט, וואס זי האט ערגעץ ניט געדארפט פאהרען, זי איז זיך געבליבען אין דער־היים אין איהר אייגענער שטוב, וואו זי איז געבוירען געווארען, אויסגעוואקסען, התונה גע־האט און איהרע קינדער געבוירען. זי איז געווען צופריעדען, וואס זי דארף צו קיינעם ניט אנקומען, וואס זי פערדיענט אליין פאר זיך און פאר די קינדער.

די מאמע פלעגט דאנקען גאט פאר יעדע קאפיקע, וואס זי פלעגט פערדינען. איך געדענק, אז איין מאל שבת־צו־נאכט, באלד ווי מען האט נאר אנגעצונדען פייער, האט זי געלייזט פון א קריסט מיט אמאל עטליכע רובל. זי איז גלייך אריינגעגאנגען אין שטוב און האט געזאגט צו איהרער אנ'אלטער מוהמע: „זעהט איהר, מוהמע, ווען איך האב דעם בעסטען ברודער, וואלט ער זיך דער־מאהנט מיר אריינשיקען 2 רובל באלד נאך הבדלה? א, ניין! נאר גאט איז אזא גוטער, וואס פערגעסט אן קיינעם ניט!" און גלייך האט זי אויפגעהויבען איהרע שענע שווארצע אויגען צום הימעל, און האט אויסגערעדט די ווערטער: „א, א דאנק דיר, גאט!"

וויפיעל איך וועל לעבען, וועל איך ניט פערגעסען, ווי אזוי מיין מאמע האט געדאנקט גאט, וואס ער גיט איהר פרנסה. מיין טייערע, פרומע מאמע, ווען דו לעבסט היינט, וואלט איך דאך

בעסער פערשטאַנען דיין ריינעם גלויבען אין גאָט. מיר קינדער האָבען דיך נישט געקענט. דו האָסט אונז דיין ליעבע ניט אַרויס־געוויזען, ווי אַנ׳אוצר האָסטו זי געטראָגען פערשלאָסען אין האַר־צען, מיר האָבען אָבער זי געפיהלט דורך דיין בליק אויף אונז.

אָט דעם בליק האָב איך נאָך לאַנג אויף זיך געפיהלט. נאָך לאַנג, לאַנג האָט ער מיך אָבגעהיט פון חלול־שבת. פאַרוואָס דאָס איז ווייס איך נישט. אפשר ווען דו לעבסט אין היינטיגער וועלט, וואָלסטו אויך געווען אַזוי ווי איך, אָדער אפשר ביזטו טאַקע געווען קלוגער פון מיר און האָסט בעסער פערשטאַנען גאָט ווי איך... האָטש יענעם גלויבען, וואָס דו האָסט מיר אַיינגעפלאַנצט, האָב איך שוין לאַנג פערלוירען. אין אונזער דור זענען שוין נישטאָ קיין שטאַרקע געטער, נישטאָ שוין קיין גאַנצע נשמות, ווי אַמאָל אין דיינע יאָה־רען. דאָס האַרץ זוכט אַ גלויבען, עס בענקט זיך נאָר דער אֱמונה פון דער קינדהייט, נאָר אָט בליצט ביי דיר אויף עפּעס אין מוח און אַלצדינג ווערט ווי אין אַ פינסטערן אָבגרונד פערפאַלען. אַ וואָרם זיצט אינווענינ און נאָגט דיר דעם מאַרך, די ספקות בויערן דעם קאָפּ, פערסמ׳ען דאָס יונגע בלוט און ברעכען דאָס יונגע לע־בען אויף שטיקער. דאָך טהו איך ניט דאָס, וואָס מיינע געדאַנ־קען ערלויבען מיר. איך היט מיך אָב פון אַזוינע עברות, וואָס נאָך מיינע געדאַנקען זענען זיי גאָר קיין עברות ניט. דאָס טהו איך דערפאַר, וואָס איך פיהל אויף זיך, מאַמע טייערע, דיין טיי־ערן, ריינעם און פרומען קוק, וועלכער איז גובר אַלע געדאַנקען מיינע. מאַמע, שטענדיג וועל איך זיין אַזאַ, ביז וואַנען איך וועל פיה־לען דיין בליק אויף זיך.

3 יאָהר איז אַריבער זינט דער טאַטע איז געשטאָרבען. דער מאַמע׳ס עשירות וואַקסט מיט׳ן קוק. שוין פון לאַנג האָט זי גע־שם׳ט פאַר אַ נגידה איבער דער גאַנצער סביבה. דאָך איז נאָך אַלץ געלעגען אויף איהר פנים אַ טיעפער טרויער. זי פלעגט נאָך אַלץ שלינגען ביי׳ם דאַווענען די טרעהרען, נאָך אַלץ זענען די שבתים און ימים־טובים געווען פערזאומערט. די זיידענע קלייד מיט׳ן אַט־לאַסענעם בגד זענען טיעף אין אַלמער געלעגען בעהאַלטען און דער פאַרוק איז אויך ערגעץ נעלם געוואָרען. אַ ווייס טשיפעקעל מיט אַ שמאָלער געהעפטער קאָראָנקע האָט די מאַמע אָנגעטהון. נאָר זי איז אין דעם הייבעל אויך געווען שען. איהרע אויגען האָ־בען שוין אפילו ניט אַזוי געגלאַנצט ווי אַמאָל, טונקעלער זענען זיי

געוואָרען, אַ ים פון טרויער איז אין זיי געלעגען. נאָר דער אומעט האָט איהר צוגעגעבען אַ מין היילינקייט. מיט שטילע טריט פלעגט זי אַרומגעהן, אַ בלאַסע מיט אַנ'אָבגעטאָקטען פּנים, פון וועלכען עס האָבען אַרויסגעקוקט איהרע גרויסע אויגען, ווי צוויי קוואַלען טרעהרען.

גוטע פריינד האָבען ניט געקאָנט צוזעהן דאָס עלענד פון דער מאַמען און האָבען איהר אָנגעהויבען איינרעדען, זי זאָל חתונה האָבען, וויל וואָס איז דער לעבען אַזוי? מען האָט איהר גערעדט די שענסטע שדוכים. רייכע און חשובֿ'ע מענשען האָבען זיך צו איהר גע'שדכנ'ט. אַ שטילע, אַ פערשעמטע, מיט אַראָבגעלאָזטע לאַנגע ברעמען, פלעגט זי אויסהערען די עצות פון איהרע קרובֿים, וועלכע האָבען געוואָלט פון איהר נאָך נחת דערלעבען. פּלוצלונג פלעגט מיט איהר געבען אַ וואָרף און דאָס פּנים פלעגט ווערען רויט ווי פייער.

— קיין בושה האָט איהר ניט! — פלעגט זי געבען אַ געשריי — נאָך ישעיה'ן הייסט איהר מיר חתונה האָבען? צוליעב עפּעס אַ פרעמדען יודען, הייסט איהר מיר ישעיה'ן פערגעסען? מיר, דער מאַמע פון זיינע קינדער, זאָגט איהר דאָס? ניין! איין מאָל האָב איך חתונה געהאַט! מיין לעבען האָב איך שוין לאַנג פערשפּילט. אין דעם טאָג, וואָס ישעיה איז געשטאָרבען, דעמאָלט האָב איך מיין קרוין אויף אייביג פון קאָפּ פערלאָרען און איצט האָב איך ניט פאַר וועמען צו לעבען.

אַזוי טענה'נדיג פלעגט ביי איהר אין די אויגען עפּעס אויסבליצען און זיי פלעגען ווייטער אָנהויבען פינקלען ווי אַ מאָל. דער גוטער בעל־יועץ פלעגט איינגעבויגען ווערען פון דעם דאָזיגען כעס. ווי אַ דערשלאָגענער האָט ער זיך שטיל פון שטוב אַרויסגערוקט און ביי דער מאַמען זענען די אויגען צוריק פערלאָשען געוואָרען.

ניט אומזיסט איז מיין טאַטע געווען רוהיג פאַר'ן טויט. ער האָט געוואוסט, אויף וועמען ער לאָזט זיינע קינדער.

די מאַמע האָט זיך פיעל אָבגעגעבען מיט אונזער ערציהונג. מיין ברודער'ל האָט זי אָבגעגעבען צו אונזער בעסטען מלמד. דערויף האָט די מאַמע קיין געלד ניט געקאַרגט. מיין ברודער'ל האָט געהאַט אַ גוטען קאָפּ. זיינע פעהיגקייטען האָט מען שוין אַרויסגעזעהן, אַז ער איז נאָך דריי יאָהר אַלט געווען. דאָס איז געווען, ווען דער טאַטע איז געשטאָרבען און מען האָט איהם געלערנט

זאָגען קדיש. פּאַר צוויי מאָל האָט ער שוין געקענט. ער פּלעגט זאָגען אַזוי דעם קדיש, אַז די גאַנצע שוהל מאַנסבּילען פּלעגען זיך וואונדערן, און ווייבּער פּלעגען גיסען מיט טרעהרען אויף איהם קוקענדיג.

מיך האָט די מאַמע איבּערגעגעבּען לערנען בּיי מיכאל דעם מלמד, וועלכער האָט געוואָהנט בּיי אונז אין קאַמער און האָט געצאָהלט 7 רוּבּל אַ יאָהר דירה־געלד. די מאַמע האָט איהם געצאָהלט שכר־למוד 10 גילדען אַ זמן. ער פּלעגט מיט מיר לערנען, ווען ער פּלעגט קומען פון חדר, 8 אַזייגער אין אָווענד.

מיין מלמד מיכאל איז געוועזען אַ הויכער, דאַרער יוד, מיט אַ לאַנגער שוואַרצער בּאָרד, מיט אַ בּלייך פּנים, וויל פלייש פּלעגט ער עסען נאָר פון שבּת צו שבּת. אַנדערש האָט איהם זיין מלמדות ניט געטראָגען. אַן ערליכער יוד איז ער געוועזען, קיינעם אויף זיין לעבּען קיין קאָפּיקע ניט שולדיג געוועזען, און אַז ער האָט יאָ אַמאָל ערגעץ עפּעס געבּאָרגט, פּלעגט יענער איהם ניט האַלטען אויפ'ן קאָפּ, וויל מען האָט געוואוסט, אַז מיכאל טראָגט אַליין אויפ'ן קאָפּ זיינע הובות. איך האָבּ איינמאָל אַליין געזעהן ווי אַזוי ער האָט אָבּגעשטעלט אַ גוי אין גאַס און האָט איהם אָבּגעגעבּען אַ גראָשען, וואָס ער איז איהם שולדיג געוועזען. דער גוי האָט זיך איהם צולאַכט גלייך אין פּנים און האָט איהם געזאָגט, אַז דאָס ערשטע מאָל זעהט ער אַזאַ נאַרישען יודען.

מיכאל'ס ווייבּ בּאַסיע־ריזיל פּלעגט שטענדיג זיצען און שפּינען אָדער פליקען פעדערן. זי האָט געהאַט מיט איהר מאַן זעהר אַ גוט לעבּען. קיינמאָל האָבּען זיי איינער אויף דעם אַנדערן קיין שלעכט וואָרט ניט געזאָגט. החתונה האָבּען זיי געהאַט צו 15 יאָהר. ער פּלעגט דערצעהלען, אַז זי האָט איהם געגעבּען נדן 14 גילדען מיט אַנ'אַכטעל וויין. נאָך דער חתונה איז שוין בּיי זיי געווען 40 יאָהר. פונדעסטוועגען האָבּען זיי נאָך געלעבּט ווי אַ יונגעס פּאָר־פאָלק. זיי האָבּען שוין געהאַט אויסגעגעבּענע 4 קינדער און האָבּען זיך נאָך אַלץ ניט געקאָנט אָנקוקען איינער אויף דעם אַנדערן. איך פּלעג זיך שטענדיג וואונדערן, וואָס קוקען זיי איינער אויף דעם צווייטען און שמייכלען זיך אונטער עפּעס אַזוי ווי קליינע קינדער, און שטענדיג זענען זיי צופריעדען און זיצען זיך און פערבּרענגען ווי צוויי טייבּעלעך. שטענדיג רעדען זיי צווישען זיך. וועגען וואָס רעדען זיי, פּלעג איך זיך טראַכטען, די געשעפטען

זייערע, די גרויסע? איך האָב זיך אַמאָל צוגעקוקט, ווי אַזוי זיי זיי זיצען און רעדען, האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, אַז זייערע אוי־גען האָבען מעהר גערעדט, ווי דאָס מויל, — די מײַלער האָבען נאָר געשמייכעלט. עפּעס נאַרישע מענשען, פלעג איך זיך קלערען, וואָס פאַר אַ פערגעניגען האָבען זיי, אַז זיי זיצען שטענדיג איינער נעבען דעם אַנדערן און קוקען זיך אין די אויגען!

נאָר איבער איין זאַך פלעגען זיי זיך קריגען, דאָס איז געװען איבער עולם־הבא, דאָס הייסט, איבער צדקה געבען. ער פלעגט זאָגען, אַז זי גיט אַ נדבה, איז דאָס אויך זײַן מצוה, ווײַל ער פערדיענט דאָס געלד, און זי פלעגט דאָס ניט וועלען לײַדען. זי פלעגט זאָגען, אַז די מצוה דאַרף זײַן אויף האַלב, און אויב די מצוה איז נאָר פאַר איהם, ווייל זי קיין נדבות ניט געבען. זי פלעגט זיך דערפאַר שטענדיג בײַ איהם בעטען, אַז ער זאָל איהר אויך צולאָזען האַלב. ער פלעגט אָבער טענה'ן, אַז אַ יודענע דאַרף מעהר ניט האָבען ווי איהרע דרײַ מצוות, און אַז זי היט זיי אָב, האָט זי אַ חלק אין עולם־הבא. אַזוי פלעגט זי זיך לאָזען איינ־רעדען. אָבער שטילערהייד, אַז דער מאַן זאָל ניט וויסען, פלעגט זי פונדערסטוועגען אָבשפּאָרען קליין־געלד און געבען צדקה, און דאָס דאָס פלעגט זי שוין רעכענען פאַר זיך, ווײַל דער מאַן ווייסט דאָך גישט.

אָט דאָס דאָזיגע פאָר־פאָלק, וואָס האָט בײַ אונז געוואָהנט 7 יאָהר אין שטוב, האָט געהאָלפען מיך ערציהען. ער האָט מיך געלערנט עברי, און זי האָט מיך געלערנט וואַשען דאָס געפעס. איך האָב זיי בײדען זעהר ליעב געהאַט. עס איז אָבער געקומען אַ צײַט, ווען איך האָב זיך געמוזט שיידען מיט מיכאל דעם מלמד און אָנקומען צו אַ העכערן מלמד.

איך בין דעמאָלט אַלט געוועזען 9 יאָהר און בין שוין געוועזען אַ גאַנצער מענש. איך האָב שוין געקענט אַלצדינג פערקויפען, איך פלעג דער מאַמען העלפען אין קראָם, ווי אַ גוטער פּריקאַש־טשיק; ווײַטער פלעג איך גוט קעהרען די שטוב, וואַשען די בענק און שעלען קאַרטאָפעל. נאָר צוויי זאַכען האָב איך נישט געקענט: מעלקען די בהמה און וואַשען זיך דעם קאָפּ. אָט די צוויי זאַכען איז מיר געוועזען שווער, ווײַטער האָב איך אַלצדינג געקענט. איך האָב גיכער געוואָלט אָנהויבען לערנען זיך שרײַבען, ווײַל דאַוונען האָב איך זיך שוין אויסגעלערנט בײַ מיכאל, און מעהר וואָס צו

לערנען זיך ביי איהם, האָב איך ניט געהאַט.

מיין צווייטער לעהרער איז געוועזען נחמיה דער שרייבער, אַ יונגער-מאַן אַ משכיל, וואָס האָט געבראַכט פון מינסק דעם „אהבת ציון" צו אונז אין שטעדטיל. נחמיה האָט געקאָנט שרייבען רוסיש און רעדען רוסיש האָט ער אויך אַביסעל געקאָנט. אויף יעדעם וואָרט פלעגט ער תמיד זאָגען „דאַ". אין אונזער שטעדטיל האָט מען איהם דערפאַר גערופען „דער רוסאַק". אויך יודיש האָט ער אַנדערש גערעדט ווי אַלע מענשען, וואָרום ער פלעגט גאָר זאָגען „יאָ", אָנשטאָט „יע". היינט איז ער עפעס גלאַט געגאַנגען גע-קליידעט ווי אַנ'אַריסטאָקראַט. זיין מוטער האַשקע די קליינע פלעגט דאָס אפילו ניט וועלען ליידען, נאָר וואָס האָט זי געקאָנט טהון? זי האָט נעבעך געמוזט שווייגען, וואָרום ער איז געוועזען ביי איהר אַ בן-יחיד, און דערצו נאָך, ווי אַ היינט-וועלטיגער, וואָלט ער איהר סיי-ווי ניט געפאָלגט, בפרט נאָך, אַז ער האָט געהאַט אַ חייב פון אַ גרויסער שטאָדט און אויך אַ היינט-וועלטיגע. נאָר ווי אַזוי האַשקע די קליינע האָט זיך ניט געפיהלט פרעמד צווישען איהרע קינדער די „אַריסטאָקראַטען", איז זי פונדעסטוועגען דערנאָך מיטגעפאָהרען מיט זיי, אַז זיי זענען אַרויסגעפאָהרען קיין מינסק, ניט האָבענדיג ביי אונז אין שטעדטיל פון וואָס צו לעבען.

נחמיה איז געוועזען אַ שרייבער פון מיידלעך, און ביי אונז אין שטעדטיל זענען ניט געוועזען אַזוינע, וואָס זאָלען וועלען, אַז זייערע טעכטער זאָלען קאָנען שרייבען. „ווייס איך, וואָס טויג אַ מיידעל דאָס שרייבען? זי וועט פערשרייבען וויפיעל גרויפען זי וועט שי-טען אין טאָפ?" אַזוי פלעגען זאָגען אונזערע מאַמעס.

נחמיה'ס אַוועקפאָהרען האָט קיינעם ניט געאַרט, אַחוץ די צוויי גבירה'טעס פון אונזער שטעדטיל, וועלכע האָבען געהאַט מיידלעך און האָבען געוואָלט, אַז זיי זאָלען קענען שרייבען. איינע פון זיי איז געוועזען גאָלדע לאָה, די גרעסטע גבירה אין אונזער שטעדטיל, אהרן ראָכעס פרוי. ווי אַנ'אויסגעוואַקסענע אין דער גרויסער שטאָדט ראַבינסק, האָט זי געקאָנט אַביסעל שרייבען און רעכענען. איהר מאַן האָט געהאַנדעלט מיט וואַלד, און זי אַליין האָט נאָך געהאַט אַ שניט-קראָם, אין וועלכער עס איז געוועזען פאַר 300 רובל סחורה, און אפשר נאָך מעהר. די צווייטע גבירה, וואָס האָט געוואָלט גע-בען אַ גרעסערע בילדונג איהר טאָכטער, איז געוועזען מיין מוטער, די רייכע אלמנה פון אונזער שטעדטיל. זי האָט געוואָלט, אַז איהר

טאָכטער זאָל קענען שרייבען, און ניט נאָר יודיש, נאָר אפילו לשון־קודש און אויך רוסיש. פון רוסיש האָט די מאַמע וועניג געהאַלטען. זי פלעגט זאָגען, אַז פאַר אַ מיידעל איז גענוג, אַז זי קען אָנשרייבען נאָר אַנ'אַדרעס, מעהר דאַרף מען ניט, אָבער דערפאַר פון לשון־קודש האָט זי געהאַלטען זעהר שטאַרק. זי פלעגט שטענדיג פאַנטאַזירען, ווי אַזוי גליקליך זי וועט זיין, אַז איהר איינציגע טאָכטער וועט גרוים ווערען דורך די קענטעניש פון דער הייליגער שפראַך. זי האָט געהאָפט, אַז זי וועט זעהן, ווי איהר טאָכטער וועט זיין העכער פון אַלעמען, ווייל זי וועט זיין די איינציגע דערמיט אין שטעדטיל. אין איהר יוגענד האָט זי זיך געטראָגען מיט דעם געדאַנק, אַז זי וועט דערגרייכען עפּעס אַ ליכטיגערעס לעבען און זיך אַרויסרייסען פון דער פינסטערניש, אָבער אַז דאָס איז איהר ניט בעשערט געווען, האָט זי די האָפנונגען פון איהר יוגענד אַריבערגעטראָגען אויף איהרע קינדער. דורך די קינדער האָט זי געוואָלט דערגרייכען דאָס, צו וואָס זי האָט זיך אַליין ניט געקענט דערשלאָגען. אין איהר פרומקייט האָט זי געגלויבט, אַז פאַר די אַלע צרות פון איהר לעבען, וועט איהר גאָט געבען גוטע קינדער. און טאַקע אַ ביסעל האָט זי דאָך שוין געזעהן. דער זוהן איז דער בעסטער תלמיד אין חדר, און דאָס מיידעל, זאָגט מיכאל, האָט אויך אַ גוטען קאָפּ. עס איז נאָר אַ שאָד, פלעגט ער זאָגען, וואָס זי איז אַ מיידעל; ווען זי וואָלט זיין אַ יונגעל, וואָלט פון איהר געוויס געווען אויסוואַקסען אַ גרויסער רב.

אַזוי איז ביי דער מאַמען געבליבען מיך לערנען העברעאיש און זי האָט מיך באַלד אָבגעגעבען צו אָרע דעם מלמד אויף לערנען תנ"ך. אַזוי האָב איך שוין מיט אַמאָל געהאַט 2 לעהרער: אָרע'ן אויף תנ"ך און נחמיה'ן אויף יודיש און רוסיש. נחמיה פלעגט מיט מיר לערנען בייטאָג און אָרע 8 אַ זייגער אויף דער נאַכט, אין דער צייט, וואָס איך פלעג פריהער לערנען ביי מיכאל'ן. איך מוז זאָגען דעם אֶמת, אַז מיט דעם בייט בין איך גאָרניט געווען צופריעדען. לערנענדיג זיך מיט מיכאל'ן, האָב איך זיך פיעל בעסער געפיהלט. עפּעס איז ער מיר געווען היימיש און טייער, איך בין שוין געווען געוועהנט צו איהם, און אַחוץ דעם, איז ער מיר גלאַט געפעלען געווען מיט זיין גלייכען וואוקס, מיט זיין שענער באָרד און זיין גוטען קוק. אָרע אָבער איז גאָר אַנ'אַנדערער געווען. דאָס איז געווען אַ דאַר יודעל מיט אַ בלייכען פנים און מיט רויטע

אויגען. ער פלעגט געהן אָרים געקלײדט, און שטענדיג פלעגט איהם, דאַכט זיך, זײַן קאַלט, ווײַל ער פלעגט זיך אַלץ טרײסלען. ער האָט עפּעס אויסגעזעהן אַזוי דערשלאָגען און אומגליקליך. מיר פלעגט זיך דאַכטען, אַז ער עסט קײנמאָל ניט, אַזוי ווײַס פלעגען איהם זײַן די ליפּען. ער פלעגט קײנמאָל ניט לאַכען, און אַז ער פלעגט אַמאָל שוין אַלאַך טהון, פלעגט זיך מיר אויסדאַכטען, אַז עמיצער שטופּט איהם, ער זאָל לאַכען, ווײַל עס פלעגען זיך איהם באַלד שטעלען טרעהרען אין די אויגען, און עס פלעגט אויסזעהן, ווי ער פרעגט דעם, וואָס הײסט איהם לאַכען, וואָס וויל מען פון איהם? ער דאַרף גאָר ווײנען און מען נויט איהם, ער זאָל לאַכען. פונדעסטוועגען פלעגט ער בײַם לאַכען דאָך ווערען עפּעס אַנדערש. אין זײַנע אויגען, וואָס זענען שטענדיג געוועזען פערלאָשען, פלעגט זיך דאַן אַ בלישטש טהון אַ פײַערל, נאָר דאָס פלעגט גאַנץ ווייניג געדויערן. דאָס פײַערל פלעגט די מינוט צוריק פערלאָשען ווערען, און אָנשטאָט אויגען, פלעגען צוריק פערבלײַבען בײַ איהם 2 מוטנע גריבעלעך, אַרומגעזוימט מיט רויטען. אויף זײַן פּנים איז געלעגען אַזוי פיעל צער און אומגליק, אַז איך פלעג זיך אויך פיהלען אומגליקליך קוקענדיג אויף איהם. דערפאַר פלעג איך מיט איהם לערנען אָהן טעם, איך פלעג קוים דערלעבען די מינוט, ער זאָל אַוועקגעהן.

שבת נאָך וואַרמעס פלעג איך געהן צו איהם אַהײם לערנען. ער האָט געוואָהנט ווײַט פון אונז, אַזש אויף דער ציגײַנערשער גאַס. ער האָט געהאַט אַ קלײן שטיבעל מיט דרײַ פענסטערלעך קלײנינקע. ניט אַלע שויבען זענען אין די פענסטער גאַנץ געווען. עטליכע זענען געווען פערשלאָגען מיט שפּענדלעך. עטליכע פערשטעקט מיט שמאַטעס, און דערפאַר איז אין שטוב געווען ניט גאָר ליכטיג. אָרט אין שטיבעל איז געווען ווייניג, ווײַל אַ האַלב שטיבעל האָט פערנומען דער אײווען, וועלכער איז געוועזען זעהר גרויס, און די צווייטע האַלבע האָבען פערנומען די זאַכען.

אין שטוב זענען געשטאַנען לאַנגע ווײַסע בענק, אַ ווײַסער טיש, צווי בעטען פול מיט בעטגעוואַנט, און אַ וויגעלע, וואָס איז געהאַנגען אויף שטריקלעך. די ווענד אין שטיבעל זענען געווען שוואַרץ, פעררויכערט פון דעם קלײנעם לעמפּעלע. די פּאַדלאָגע איז געווען נאַס, ווײַל זי איז געווען פון הילער ערד, און דערצו האָט נאָך געדונגען די פּאַמוניצע אויך. אַז איך פלעג אַהין קומען

שבת, פלעג איך זיי נאך געפינען ביי'ם ווארמעס. זיי פלעגען עסען אויף א ברודיגען טישטוך מיט איינגעדראטעוועטע טעלער, מיט א צונויפגענעהטער שיסעל. די לעפעל זענען געווען געמישטע: א צוויי־דריי בלעכענע און די איבעריגע הילצערנע.

ארע'ס פרוי מיט זיינע קינדער האבען גאנץ גוט געפאסט צו דער פערלאזענקייט פון זיין שטיבעל מיט דער ווירטשאפט. זיין פרוי איז געווען א גראבע און א הויכע, מיט א גרינגעם אדער געלען פנים, וויל ניט אלע מאל האט עס ביי איהר געהאט דעמזעלבען קאליער. זי האט געהאט א קורצען אטהעם און פלעגט איהם קוים שלעפען מיט צרות. דערצו פלעגען זיך נאך ביי איהר אין הארצען שפילען אלערליי נגונים. דערהויפט, ווען זי פלעגט זיצען ביי זיך אין דער פעררויכערטער שטוב מיט דער נאסער פאדלאגע.

דאס אבער איז אלץ געווען אין מיטען וואך, נאר שבת דערפאר פלעגט זי גאר אבלעבען. אין שטוב איז ריין, טרוקען. מען עסט א גוטען ווארמעס. מען רוהט זיך אויס, דער מאן איז אין דער היים, און עס איז עפעס גלאט ליכטיגער, ווי אלע טאג. עפעס דער שבת אליין לויכט אין די אויגען, און פון דער ליכטיגקייט ווערען ביי ארע'ן די אויגען אביסעל לעבעדיגער און ער שמייכעלט זיך אונטער צו ביסלעך. מען זעהט, ווי ער האלט טאקע פון דעם טייערן, הייליגען גאסט, וועלכען ער נעהמט זעהר שען צו, ווי מיט גוט עסען, אזוי אויך מיט א פרעהליכער מינע, וועלכע ער מאכט פאר קיינעם ניט. און עס ווייזט אויך אויס, אז דער גאסט דארף זיך דא בעסער פיהלען, ווי אין די שענסטע הייזער, ווארום אלע פיהלען איהם דא, ביי אלעמען איז ער טייער. אפילו די קליינע, פער'הושכ'טע, בלייכע קינדערלעך ווערען אויך לעבעדיגער, האבענדיג דעם טייערן גאסט נעבען זיך. צוליעב איהם האבען זיי היינט געגעסען א גוטען ווארמעס, מיט וועלכען זיי וועלען א גאנצע וואך האבען כח צו עסען טרוקענעם ברויט. ווי ליעב ער איז זיי, דער טייערער גאסט! איבער אכט־טאג וועט ער ווידער קומען, וועט זיי ווייטער זיין גוט, און אזוי שטענדיג, ביז אייביג.

נאר ווי אזוי ארע מיט זיין הויזגעזינד האבען זיך געפיהלט גליקליך שבת ביי זייער טיש, פונדעסטוועגען האב איך זיך דארטען ניט גוט געפיהלט. איך פלעג זיי שטארק בעדויערן, און פלעג וועלען גיכער פון דארט אנטלויפען. איך האב ניט געקענט קוקען אויף זייער ארימקייט, איך האב געוואלט זעהן פרעהליכע

זאַכען, און גאָט האָט מיר געהאָלפען טאַקע באַלד אויך. דער גביר אַהרן ראָכעס האָט אויסגעשריבען אַ לעהרער פאַר זיינע קינדער, אַ טייערן, נאָר אַ גוטען. מען האָט איהם געצאָהלט 35 רובל אַ זמן מיט קעסט און מען האָט נאָך איהם ערלויבט, אַז ער זאָל מיך אויך לערנען און טאַקע אינאיינעם מיט זייערע קינדער. מיין מאַמע האָט זיך קוים איינגעבעטען.

דער נייער לעהרער איז אויך געווען מיט אַ בלייך פּנים, מיט איינגעפאַלענע באַקען, נאָר דאָך איז ער ניט געווען אַזוי שרעקליך ווי אָרע. ער איז געגאַנגען געקליידעט אָנשטענדיג, ריין, האַלב דייטשיש. אויף איהם האָט מען געקענט זאָגען, אַז ער איז אַ האַלבער פון דער נייער וועלט און אַ האַלבער פון דער אַלטער וועלט. ער איז אויך געווען אַ משכיל, אַזוי ווי נחמיה דער שרייבער, נאָר ער איז געווען געבילדעטער פון נחמיה'ן, און אויך קליגער אַ סך. ער האָט געהאַלטען פון ביידע וועלטען, ער איז געווען אי געבילדעט, אי פרום. אין זיין עהרליכקייט איז ער גלייך געווען צו מיכאל'ן. ער פלעגט שטרענג אָבהיטען די צייט פון לערנען, די פרעמדע צייט זאָל ניט אַוועקגעהן אומזיסט. ווייטער איז ער, דאַכט זיך, געווען צופריעדען מיט זיין לאַגע. ער פלעגט זיך אויף גאָרנישט בעקלאָגען. עפּעס פלעגט ער אויף דאָס לעבען קוקען מיט אַ שמייכעל, אַזוי ווי איינער זאָגט: לוינט צו מאַכען געשעפּטען איבער אַזאַ נאַרישקייט, ווי דאָס שטיקעלע לעבען? און אַזוי קנעלט ער נאָך ביז הייניגען טאָג און קוקט אַלץ אויף די וועלט ווי אַ פילאָזאָף.

אָט צו דעם לעהרער בין איך אָנגעקומען נאָך אָרע'ן, וועלכען איך האָב ניט געקענט ליידען. מיט דעם אָנקומען צו איהם, הויבט זיך אָן פאַר מיר אַ נייע וועלט, אַ שענערע, אַ רייכערע, אַ גרעסערע, מיט נייע פערגעניגען און נייע פערלאַנגען. פון אָרע'ס פערוויכערטען שטיבעל געה איך איבער צו אהרן ראָכעס אויף דער שאַלקע, וואו די פּאָדלאָגעס זענען געפאַרבטע און ווי עס שטעהט ווייכע מעבעל מיט רויטע קומאַץ בעצויגען, אויף די פענסטער הענגען טולענע גאַרדינען, עפּעס גאָרניט ווי ביי אַ יודען אין שטוב, נאָר ווי ביי'ן אַ גלח אָדער ווי ביי אַ פּריץ. מיר איז דאָס זעהר געווען געפעלען. איך פלעג קוקען אויף די שענע צימערן און פלעג חלומ'ן, אַז ווען איך וועל אַמאָל חתונה האָבען אין אַ גרויסער שטאָדט, וועל איך זיך אויך מאַכען אַזאַ שטוב מיט אַ

שאלקע. איך געדענק, אז די ערשטע עטליכע טעג, וואס איך האב אנגעהויבען צו לערנען, בין איך געוועזן ווי פערכשופ'ט. איך האב נאר געטראכט פון דער שענער שטוב, מיט די טולענע גארדינען. זיצענדיג דארטען און לערנענדיג זיך, פלעג איך זיך פיהלען ווי אין גן-עדן. מיר פלעגט זיך גארניט וועלען אוועקגעהן פון דארטען, און אז איך פלעג אוועקגעהן, פלעג איך לעבען מיט דער האפנונג, אז איך וועל מארגען ווייטער אהין געהן, ווייטער זיך געפינען אין דער שענער שטוב, זיצען זיך רוהיג און לערנען און שרייבען, פון קיינעם ניט געשטערט.

דארט האב איך מיך נאך גוט געפיהלט דערפאר, וואס איך האב געהאט צו זיך א חברטע, וועלכע פלעגט מיט מיר אינאיינעם לערנען. דאס איז געוועזן דעם גביר'ס עלטערע טאכטער. מיר זענען געוועזן ביידע אין איינע יאהרען, און מיר האבען ביידע געהאט די זעלבע קענטעניש'ען, נאר זי איז געוועזן גליקליכער פון מיר, ווייל זי האט געהאט א פאטער, און א רייכען פאטער. מען האט זי אין שטוב געהאלטען זעהר ציטעריג און מען פלעגט איהר אין אלץ נאכגעבען. זי פלעגט קיינמאל גארנישט טהון אין שטוב, ווייל ביי זיי איז געוועזן שטענדיג א דינסט. זי פלעגט געהן שען אנגעטהון, עסען פון דאס בעסטע און פלעגט אין מיטען וואך אומגעהן שפאצירען, אנגעטהון אין שבת'דיגע קליידער, אזוי ווי דעם גלה'ס טעכטער, די פאניענקעס. איך פלעג איהר שטארק מקנא זיין, ווייל מיין לעבען איז געוועזן א גאנץ אנדערעס. איך פלעג שטענדיג זיין איינגעשפאנט ווי דער אקס אין סאכע, האב געדארפט טהון אלצדינג אין שטוב, אכטונג געבען אין קראם, און אז א גוי פלעגט עפעס גנב'ענען, פלעגט מיך נאך די מאמע גוט אנ'הרג'ענען, פארוואס איך גיב ניט אכטונג, פארוואס איך האב אין זינען די הוליאנקעס מיט די מיידלעך. שוין צייט, פלעגט די מאמע זאגען, ארויסווארפען פון קאפ די נארישקייטען! דו ביזט שוין ניט קיין קליינינקע, שוין 11 יאהר א מויד, גלייכסטו זיך צו מערקע אהרנ'ס? צו איהר האסטו זיך ניט וואס צו גלייכען"!

אזוי פלעגט מיך שטראפען די מאמע, און איך בין געוועזן מיט אלצדינג געשטראפט, איך פלעג אפילו קיין צייט ניט האבען זיך אויסצושלאפען גוט. די מאמע פלעגט מיך אויפוועקען אלע טאג 7 דעם זייגער אין דערפריה. די אויגען פלעגען מיר נאך זיין פערקלעבט, און איך פלעג זיך פונדעסטוועגען אנטהון אין דער גיך,

איך זאָל קענען פערטרייבען דעם שלאָף, און בעת מעשה פלעג איך זיך טראַכטען, ווי אַזוי גליקליך איז מערקע, וואָס זי שלאָפט נאָך. פאַרוואָס קומט דאָס איהר? און פאַרוואָס בין איך אַזוי אומגליקליך? נאָר דאָס פלעג איך אַליץ טראַכטען, ביז וואַנען איך פלעג זיך אויסוואַשען די אויגען. אָבער דערנאָך פלעג איך פערגעסען אָן דעם, ווייל מיין קאָפּ פלעגט שוין זיין פערנומען מיט אַנדערע געדאַנקען, מיט געדאַנקען וועגען מיין לערנען. מיר פלעגט שטאַרק פערדריסען, וואָס איך האָב ניט געהאַט קיין צייט איבערצוחזר'ן דאָס, וואָס מיר האָבען געלערנט. איך האָב תמיד געמוזט טהון אין שטוב און אין קראָם. נאָר דריי שעה אין טאָג פלעג איך זיין דערפון פריי, ווען איך פלעג זיך לערנען מיט'ן לעהרער. אויף מאַכען די לעקציאָנען פלעגט מיר אָבער ניט בלייבען קיין צייט. נאָר איך פלעג זיי שטענדיג האָבען אין זינען. קעהרענדיג די שטוב, שיילענדיג קאַרטאָפליעס און וועגענדיג אַ פונט מעהל, טהוענדיג דאָס אַלצדינג, פלעגען מיינע געדאַנקען אַרבייטען אין קאָפּ, און פלעגען זוכען דעם אָרט, וואו עס ליגען בעהאַלטען דאָס, וואָס איך האָב נעכטען געלערנט. מיר איז שטאַרק נישט אָנגעשטאַנען, איך זאָל ניט קענען, איך האָב געוואָלט, מען זאָל מיך לויבען, איך פלעג ווערען אויסער זיך פאַר פרייד, ווען דער לעהרער האָט מיר געזאָגט מיט אַ שמייכעל: „זעהר גוט"!

איך האָב אַסך בעסער זיך געלערנט פון מיין פריינדין, האָטש זי האָט אויך געהאַט ניט קיין שלעכטען קאָפּ. נאָר זי האָט ניט געהאַט אַזאַ זכרון ווי איך, און זי האָט אויך ניט געוואָלט לערנען ווי איך. איהר האָט גלאַט וועניג געאַרט, אַז זי האָט ניט געוואוסט. דער לעהרער פלעגט זיך אויף איהר אַביסעל בייזערן, פאַרוואָס זי לערנט זיך ניט, און ער פלעגט איהר שטענדיג אָנווייזען אויף מיר, וואָס איך לערן זיך גוט. איך פלעג זיין אויפ'ן זיעבענטען הימעל פאַר נחת, וואָס איך שטעה העכער פון איהר. איך בין איהר געווען דאַנקבאַר פון גאַנצען האַרצען דערפאַר, וואָס זי קען ניט. איך פלעג זעהן שטלערהייד איהר אונטערצוהעלפען, און פונדעסטוועגען פלעג איך דאָס טהון אַזוי, אַז דער לעהרער זאָל הערען — ניט אַנדערש, ער זאָל מיך דערפאַר אַ גלעט טהון איבער'ן קאָפּ און זאָגען, אַז איך בין אַ גוטע, און איהר דערווייל אַביסעל אויסשטראָפען, פאַרוואָס זי פערלאָזט זיך אויף מיין גוטסקייט. אַזוי האָב איך זיך דערווייל געהאַט נחת פון אַלע זייטען.

דעֶם גאַנצעֶן זומעֶר האָב איך אַזוי אָבגעֶלעֶבט.

מײַן מוטעֶר איז געֶוועֶן זעֶהר אַ גוטעֶ און אַ צעֶרטליכעֶ, נאָר דאָך האָט זי אונז ניט געֶבאַלעֶוועֶט, דעֶרהויפּט מיך. פאַר דעֶר קלעֶנסטעֶר זאַך פלעֶגט זי אונז שטרעֶנג בעֶשטראָפעֶן. בעֶזונדעֶרס פלעֶג איך לײַדעֶן פון איהר פאַר די גנבות, וואָס עֶס פלעֶגט זיך מאַכעֶן אין קראָם. די גוים זעֶנעֶן בײַ אונז אין שטעֶדטיל געֶוועֶן גרויסעֶ גנבים. בײַ זײ איז אַלצדינג געֶוועֶן אַ סחורה, אפילו אַ בײגעֶל אויך. און פאַר יעֶדעֶ גנבה פלעֶגט מיך די מאַמעֶ שלאָגעֶן, פאַרוואָס איך היט ניט אײַן. דעֶר מאַמעֶס קלעֶפּ האָבעֶן בײַ מיר אַרויסגעֶרופעֶן אַ שנאה צו די גוים. אויף יעֶדעֶן גוי האָב איך געֶקוקט ווי אויף אַ גנב, ווי אויף אַ רויבעֶר. איך האָב זיך גאָרניט געֶקענט פאָרשטעֶלעֶן, אַז צווישעֶן די גוים זעֶנעֶן אָרעֶנטליכעֶ מעֶנשעֶן אויך פאַרהאַן. איך האָב נאָך דעֶמאָלט ניט געֶוואוסט פון דעֶם סוד, אַז די אַלעֶ הטאים, וואָס איך פלעֶג אָנוואַרפעֶן די גוים, וואַרפעֶן זײ גראָד אָן אויף די יודעֶן. איך האָב נאָך ניט געֶוואוסט, אַז בײַ די גוים קומט אוים פונקט פעֶרקעֶהרט, אַז די יודעֶן זעֶנעֶן גאָר די גנבים, און די בלוט=זויגעֶר פון די קריסטליכעֶ פעֶלקעֶר.

אַחוץ די צרות, וואָס איך האָב געֶהאַט פון די גנבות, איז מיר אין אײניגעֶ זאַכעֶן געֶוועֶן גאָרניט שלעֶכט. איך בין געֶשטאַנעֶן העֶכעֶר פון אַלעֶ מײדלעֶך אין שטעֶדטיל מיט אַלצדינג. איך פלעֶג אפילו געֶהן געֶקלײדעֶט שעֶנעֶר פון אַלעֶמעֶן. נאָך אַלס קינד פלעֶג איך טראָגעֶן קלײדעֶר, וועֶלכעֶ מײַן מוהמעֶ פלעֶגט מיר שיקעֶן פון איהר שטאָדט, און דעֶרנאָך פלעֶגט מיך די מאַמעֶ אַלײן גאַנץ שעֶן קלײדעֶן. מײַנעֶ קלײדעֶר פלעֶגט מעֶן מיר ברעֶנגעֶן פון סעֶליץ שוין אויפגעֶנעֶהטעֶ און טאַקעֶ זעֶהר שעֶנעֶ. פון די סיטצעֶן, וואָס פון זײ פלעֶגט מײַן מאַמעֶ מיר אין סעֶליץ נײַהעֶן אַ קלײד, פלעֶגט זי אַהײם ניט ברעֶנגעֶן פעֶרקויפעֶן. איהר פלעֶגט ניט אָנשטעֶהן, אַז נאָך עֶמיצעֶר זאָל טראָגעֶן אַזאַ קלײד ווי איך. איהר פלעֶגט ניט אַרעֶן, וואָס זי ווערט דעֶרמיט אָן לײזונג, וואָרום ווען זי ברעֶנגט דעֶמזעֶלבעֶן סיץ, וואָלט מעֶן עֶס באַלד צוהאַפּט, מעֶן וואָלט ניט געֶקוקט אויף געֶלד, אַבי געֶהן אָנגעֶטהון מיט מיר פון אײנעֶ. נאָר וואו עֶס איז געֶגאַנגעֶן אום כבוד, איז מײַן מאַמעֶ ניט געֶשטאַנעֶן אויף געֶלד. כבוד איז בײַ איהר טײַעֶרעֶר געֶוועֶן פון געֶלד.

איך פלעֶג דעֶמאָלט מײַן מאַמעֶן ניט פעֶרשטעֶהן. מיר פלעֶגט זיך דאַכטעֶן, אַז מעֶהר כבוד וואָלט פאַר מיר געֶוועֶן פעֶרקעֶהרט,

ווען איך טראג מיט נאך א סך מיידלעך פון איינע קליידער. איך וואלט זיך געקאנט גרויס האלטען, וואס דורך מיר געהען אלע מיידלעך שוין אנגעטהון. נאר איך האב דעמאלט א סך זאכען אין מיין מאמעס כאראקטער ניט פערשטאנען, אלוא איז דאס אויך פאר מיר געוועזען א רעטעניש. ווייטער פלעג איך אין אלין פאלגען דער מאמען. איך פלעג וועלען זיין אזוי ווי זי, אזוי קלוג ווי זי און דערהויפט אזוי פרום ווי זי. אלע טאג דאווענען האב איך קיין צייט ניט געהאט, אזוי ווי די מאמע, ווייל זי פלעגט דאווענען אויסווייניג, און דערביי טאקע טהון אלערליי ארבייט אויך. אבער איך האב נאך אויסווייניג ניט געקענט דאווענען, און אוועקזעצען זיך פלוצלונג מיט'ן סדור, האב איך ניט געהאט קיין צייט.

דערפאר שבת פלעג איך זיך איינגאנצען איבערגעבען צו גאט. איך פלעג אין דערפריה דאווענען מיט גרויס כונה, און צו וואַרמעס בענטשען אויך מיט פערגעניגען און נאך וואַרמעס פלעג איך זיך ערשט נעהמען צום זאגען: פריהער די סדרה, דערנאך דעם נחלת=צבי, דערנאך א שטיקעלע שבט=מוסר, און זומער פרק, אדער ווינטער ברכי נפשי. ווייטער פלעג איך דאווענען מנחה, זאגען גאט פון אברהם און צום סוף ויתן לך.

דער שבת'דיגער טאג פלעגט מיר געבען קרעפטען אויף א גאנצע וואך. א, ווי טייער דער הייליגער טאג איז ביי מיר געווען! אין איהם פלעג איך געפינען אלצדינג, וואס עס פלעגט מיר פעהלען א גאנצע וואך — רוה, שלאף, גוטעס עסען, שפאצירען מיט מיין רייכער חברטע, און דערהויפט פלעג איך האבען פערגעניגען פון לייענען. דאס לייענען איז געווען ביי מיר מיין גאנץ לעבען. איך האב זיך געפיהלט גליקליך, לייענענדיג דעם שבט=מוסר מיט'ן קב=הישר. איך האב געטראכט, אז קיין בעסערע זאכען אויף צום לייענען איז גאר אויף דער וועלט ניטא. היינט די סדרה פלעגט מיר אויך זיין אזוי טייער מיט איהרע שענע ערצעהלונגען פון אונזער אמאליגען לעבען, און דער שבט=מוסר פלעגט מיך אזוי אנציהען מיט זיינע שרעקליכע ערצעהלונגען פון דעם גיהנום.

אין שבט=מוסר פלעג איך לייענען, אז אויף דער טהיר פון גיהנום זעהט מען שוין די שרעקליכע זאכען, וואס עס קומען פאר אינעווייניג, ווייל אויף דער טהיר הענגען מענשען אויף די פיס, אויף די הענד, און אויך אפילו אויף די האר. די לעצטע זענען פרויען, וואס האבען בעקומען אזא שרעקליכע שטראף פארוואס זיי

געהען מיט די אייגענע האהר. לייענענדיג וועגען דעם, פלעג איך טראכטען, ווי אזוי אומגליקליך עס זענען די מענשען, וועלכע פאלען אהין אריין. פון דער שרעק פאר׳ן גיהנום האט זיך גענומען מיין גאנץ פרומקייט, ווייל איך האב מורא געהאט פאר יעדע שטראף. איך פלעג טראכטען, אז וואס עלטער איך וועל ווערען, וועל איך אלץ פרומער ווערען און דערהויפט אז איך וועל חתונה האבען, וועל איך געווים דעמאלט זיין פרום. אלע מצוות וועל איך זעהן צו ערפילען. איך האב גערעכענט צו דאווענען דריי מאל אין טאג, ניט עסען אהן א ברכה. ווי ווייט איך וועל קענען, וועל איך זעהן צו מאכען הונדערט ברכות א טאג. דעמאלט וועל איך שוין געווים זיין געבענטשט! ווייטער וועל איך דעם שבת שען צונעהמען, און יום־טוב אויך דאסזעלבע; אז איך וועל זיין רייך, וועל איך אריינגעבען ספר־תורות אין די שוהלען מיט גרוים פאראד, איך וועל העלפען ארימע לייט, ווי ווייט איך וועל קענען. צדקה איז ביי מיר געוועזען די טייערסטע און די בעסטע מצוה, ווייל די מצוה פון דאווענען פלעגט מיר אנקומען שווער. און די מצוה פון צדקה, האב איך זיך געטראכט, איז אזוי גרינג און גוט. איידער איך פלעג זיך געהמען דאווענען, פלעגט ביי מיר זיין א גאנצע מלחמה אין הארצען. עס פלעגען שטרייטען דער יצר־טוב מיט׳ן יצר־הרע — די מצוה פון דאווענען און דער חשק פון לייענען ביכלעך.

שבת אין דערפריה, ווען איך פלעג אויפשטעהן אויסגעשלאפען מיט א רוהיגען קאפ, פלעג איך זיך אויסטרינקען א גוטע גלאז ציקאריע, א זיסע, האלב מיט מילך און נאך מיט א גראבער פענקע. די מאמע פלעגט דאס מיר אלצדינג צוגרייטען, איידער זי פלעגט אוועקגעהן אין שוהל. אין שטוב איז שטיל און ריין. איך בין זיכער, אז קיין גוי קיין גנב וועל איך איצט געווים ניט זעהן. מיר איז אזוי גוט. ווען איך דערלעב איין מאל אין וואך אזא גוטען טאג, וואלט איך וועלען זיך אנזעטיגען מיט איהם: ארומלויפען, שפאצירען אין יאשציקאווער וואלד, אדער לייענען א שענע געשיכטע פון די ביכלעך, וואס מיין באבע די רבי׳צין פלעגט מיר געבען. מיין באבע האט געהאט א גאנצע ביבליאטעק, ניט חלילה קיין ראמאנען, נאר טייערע ביכלעך, בעשרייבונגען, ערצעהלונגען פון רבנים, פון צדיקים און אזוי פון גוטע יודען.

אט די ביכלעך פלעגען מיך שטארק אינטערעסירען. איך פלעג קוים דערלעבען דעם שבת, איך זאל שוין קענען עפעס ליי=

ענען, נאָר מען מוז דאָך אָן גאָט אויך ניט פערגעסען, און איך נעהם זיך פריהער פאַר אַלץ פאַר דעם קרבן-מנחה. אָבער דער יצר הרע לאָזט מיך ניט. ער זאָגט מיר, אַז די ביכלעך זענען בעסער פון דאַוונען, און גלאַט אַז אַזאַ קליין מיידעל דאַרף נאָך גאָר ניט דאַוונען. אַהוץ דעם, זאָגט ער מיר, ווער וועט דאָס וויסען, צי איך האָב ניט געדאַווענט צי יאָ — די מאַמע איז דאָך סיי-ווי ניטאָ. איך וועל איהר קענען זאָגען, וואָס איך וועל וועלען. און אָט אַזוי טראַכטענדיג, לעג איך אַוועק דעם סדור און געה שוין נעהמען דאָס ביכעל, נאָר פלוצלונג דערזעה איך דעם שבט-מוסר, דערמאָהן איך זיך אָן די ביטערע יסורים פון דעם גיהנום, ווי אַזוי מען מאַטערט דאָרט די רשעים, און מיין האַרץ הויבט מיר אָן שטאַרק צו קלאַפּען און אַ פראָסט געהט מיר איבער מיינע ביינער פאַר שרעק. דאָ קומט דער יצר-טוב און זאָגט מיר, ווי אַזוי גוט עס איז צו דאַוונען, דיענען און לויבען גאָט פאַר אַלצדינג, און ער זאָגט מיר, אַז דערפאַר וועל איך אויף יענער וועלט זוכה זיין לעולם הבא. און עס שטעלט זיך מיר פאָר דאָס שענע בילד פון דעם גן-עדן, ווי איך האָב עס געלייענט אין דער מאַמעס אַ ספר. איך זעה אין די געדאַנקען, ווי אַזוי שען ער איז: אַ גרויסער גאָרטען מיט טייערע פרוכט-ביימער. אונטער יעדען בוים זיצט אַ צדיק אויף אַ גילדערנעם שטוהל נעבען אַ גילדערנעם טיש. אויפ'ן טיש ליעגט צוויקעלט אַ תורה, און די צדיקים זיצען און לערנען איהרע סודות, און דער הימעל איבער זייערע קעפּ איז בלוי און די זון שיינט אויף אַלעמען. אין מיטען דעם גאָרטען שטעהט דער עץ-החיים, אַ גרויסער בוים מיט אַזוי פיעל צווייגען, אַז ער פערדעקט דעם גאַנצען גאָרטען און בעשיצט אַלע צדיקים מיט זיין שאָטען פון דער זונ'ס היץ, און די שטראַהלען לייכטען זיך דורך נאָר דורך די בלעטער פון דעם בוים. פון בוים טראָגט זיך אַזאַ געשמאַקער ריח, אַז מען ווערט זאַט פון איהם. דערפאַר דאַרפען טאַקע די צדיקים ניט עסען אין גן-עדן.

אָט אַזוי פלעגט זיך דאָס מיר אַלצדינג פאָרשטעלען, שטעהענדיג שבת פריה נעבען אַלמער פון די ספרים, האַלטענדיג אין איין האַנד עפּעס אַ געשיכטע, און אין דער אַנדערער האַנד דעם קרבן-מנחה. איך פלעג, דאַכט זיך, שוין גאָר וועלען אַוועקלעגען דאָס ביכעל, נאָר קוקענדיג אויפ'ן נאָמען פון דער ערצעהלונג, פלעגט מיך ציהען, איך זאָל אַ קוק טהון אויף דאָס ערשטע בלעטעל,

ווי אזוי און פון וואס עס הויבט זיך אן. נאר באלד פלעג איך געבען א ווארף דאס ביכעל. דאס האט ביי מיר געהייסען אוועקגעשטויסען דעם יצר-הרע. איך עפען אויף דעם קרבן-מנחה און הויב אן צו דאווענען. דעמאלט פלעג איך זיך ערשט גוט פיהלען. איך פלעג דאווענען מיט כונה. ביי שמע ישראל פלעג איך אויפהויבען די אויגען צום הימעל און זאגען די ווערטער פאמעליך, פונקט אזוי ווי די מאמע פלעגט טהון. ווייטער שמונה עשרה פלעג איך שטעהן אזוי ווי איך האב אמאל געלייענט אין שלחן-ערוך, אז מען דארף שטעהן גלייך ווי פאר א קייזער. איך פלעג נאר די האנד ארויפלעגען אויפ'ן הארצען, צו ווייזען גאט, אז איך לויב איהם פון גאנצען הארצען. דעמאלט האב איך שוין פון גארניט געטראכט אחוץ פון גאט. איך האב געפיהלט, אז דער יצר טוב האט גובר געווען, ער האט ארויסגעשטויסען זיין פיינד, און איצט איז ער ביי מיר דער בעל-הבית. ער אליין זיצט ביי מיר אין הארצען און רעדט אן מיינע געדאנקען צו גוטען, ווי אזוי פרום און עהרליך צו זיין, און גאט צו דיענען. א, ווי אזוי ווייט פלעג איך דעמאלט אוועקגעהן מיט מיינע געדאנקען, ווייט, ווייט ביז דעם הימעל, צו גאט'ס שטוהל אליין, דארט, וואו אלע תפלות שטעהען און בעטען זיך, מען זאל זיי אננעהמען. דער מלאך נעהמט די אלע תפלות און מאכט פון זיי א קרוין אויף דעם קאפ פון דעם הימלישען קעניג, און מיר דאכט זיך, אז צווישען די אלע תפלות פון דער קרוין, וועלכע לייכטען ווי דימענטען, שיינט אויך ארויס א קלייניקער דימענט פון א תפלה פון א עלף-יעהריג מיידעל, אויף וועלכע דער קעניג אליין קוקט מיט פערגעניגען און פרעהט זיך. א, געוויס וועט ער, דער מלך פון אלע מלכים, שיקען גליק אויף דער וועלט דערפאר, וואס די מענשען שיקען איהם אזוינע טייערע דימענטען צו זיין קרוין.

אט אזוי טראכטענדיג פלעג איך אויסשוועבען די גאנצע וועלט מיט אלע 7 הימלען צוזאמען. איך פלעג זיך דארט אזוי גוט פיהלען, אז מיר פלעגט זיך גאר ניט וועלען אראבגעהן אויף די נארישע זינדיגע וועלט. איך פלעג זיך דארט אזוי פערטיפען, אז איך פלעג גארניט פיהלען, ווי דאס דאווענען פלעגט זיך אויסלאזען. צו עלינו פלעג איך זיך פיהלען אזוי, ווי איך לאז זיך עפעס אראב פון א הויכען גריגעם בארג אין א גרויסען, ארימען טהאל. נאר באלד פלעג איך ווערען צוריק לעבעדיג און פלעג ארויסלויפען אויפ'ן

גאַניק זעהן, ווי אַזוי מען געהט פון שוהל, און זאָגען יעדערן: גוט שבת. באַלד פלעג איך דערזעהן די מאַמען מיט דעם נייעם בלויען סיצענעם קלייד, מיט דעם זיידענעם טיכעל מיט גרויסע בלומען. און די מאַמע פלעגט אַזוי שיינען, אַז עס פלעגט זיך געלוסטען גאַכאַנאַנד צו קוקען אויף איהר.

אין אַ הייליגער שבת'דיגער שטימונג פלעגט זי דעמאָלט זיין און ווען ניט ווען איז דורכגעלאָפען אַ זונען-שטראַהל איבער איהר צנוע'דיג פנים. אַ בע'הנ'טער, פערקרימטער שמייכעל פלעגט זיך בעוויזען אויף איהרע ליפען און די גאַנצע שטוב איז געוואָרען אַנ'אַנדערע. איך מיט מיין ברודער'ל האָבען געלאַכט מיט אַ הילכיגען קינדערשען געלעכטער און געשטיפט פאַר דער מאַמען אין די אויגען. זי פלעגט זיך אָבער באַלד אַזוי ווי דערשרעקען פאַר עפעס און איהר געשטאַלט פלעגט ווייטער איינהילען אַ שוואַרצער שאָטען. אין איין רגע זענען מיר שוין געזעסען מיט סטאַט ביין טיש און אין שטוב האָט ווייטער געהערשט אַ טויטע שטילקייט.

אַזוי איז שטענדיג געווען. פאַר איהר אין די אויגען האָבען מיר געדאַרפט זיין ערנסט, אַזוי ווי זי. דאָס ברודער'ל מיינס, וועלכער איז געווען אַ גרויסער שטיפער, פלעגט אַרויפציהען אויף זיך אַנ'אַנדער שטאַטענקייט, ווען די מאַמע איז געווען אין שטוב.

אָט דאָס שטרענגע בענעהמען זיך צו אונז פון דער מאַמען, דאָס בעהאַלטען אין האַרצען די מוטערליכע ליעבע, איז ביי איהר געווען שטאַרק אויסגערעכענט און אָבגעהיט. דאָס איז געווען אַנ'איינענע פעסטגעשטעלטע ערציהונגס-סיסטעם. חלילה זאָגען אַ ליעבליך וואָרט אַ קינד, וועך רעדט שוין פון אַ קוש אָדער אַ גלעט. אַ קינד דאַרף מען האַלטען אין דער מורא, אַנדערש וועט דאָס צולאָזען ווערען. און מיט'ן אמת האָבען מיר מאַקע געציטערט. ביידען, מיך מיט מיין ברודער'ל, האָט מען געדאַרפט האַלטען צוגעבונדען אין שטוב, ווי אויף אַ קייט.

איך געדענק, אַז איך פלעג אָפט זיך מאַכען קראַנק און פלעג אַ פאָר טעג הונגערן, כדי די מאַמע זאָל זעהן, אַז איך בין קראַנק, וועט זי צוגעהן, וועט מיר געבען אַ טאַפ דעם קאָפ, צי ער איז הייס, און וועט מיר אַ קוש טהון אין שטערן. זי פלעגט זיך זעצען נעבען מיר און אויספרעגען מיט ליעבע, ווייכע רייד, וואָס איז מיר. און אַז איך פלעג פיהלען דער מאַמעס קוש און דער מאַמעס האַנד אויף מיין שטערן, פלעגט מיר ווערען ליכטיג אין

די אויגען. מיר פלעגט זיך געלוסטען צו טאַנצען און צו שפּרינגען פאַר פרייד, טהון אַלצדינג, פאָלגען דער מאַמען אין פייער און אין וואַסער, אַבי זי זאָל אַזוי ליעבליך קוקען אויף מיר און זאָל מיר געבען אַזוינע קושען, האָטש איין מאָל אין דריי טעג. א, ווען עס איז שטענדיג אַזוי, ווי אַזוי גליקליך וואָלט איך געווען! מיר ווילט זיך זיין נאָך עטליכע טעג קראַנק. נאָר מיר געלוסט זיך שטאַרק עסען, און ווייטער טהוט מיר וועה מיין האַרץ אויף דער מאַמען: איך זעה, זי זיצט און קוקט אויף מיר, און טרעהרען שטעהען איהר אין די אויגען, און זי זאָגט מיר, אַז זי וועט געהן רופען האָנע דעם רופא, נאָר דערפאַר האָב איך שטאַרק מורא. איך האָב מורא ניט דערפאַר, וואָס ער וועט דערקענען, אַז איך מאַך זיך קראַנק, ווייל אין דעם בין איך געווען זיכער, אַז ער וועט ניט דערקענען, נאָר פאַר די ביטערע רפואות, וואָס ער פלעגט שטענדיג געבען.

פלעגט קומען האָנע, פלעגט די מאַמע איהם פרעגען, ווי אַזוי מיינט ער, צי עס איז חלילה ניט געפעהרליך? ווען עס איז עפּעס, זאָגט זי, פאַהר איך באַלד קיין סעלץ צום דאָקטאָר, און באַלד פלעגען זיך איהר אָנהויבען גיסען טרעהרען פון די אויגען. זי פלעגט זיי אָבער געשווינד אָבווישען און פלעגט צולויפען צו מיר: „מיין קינד, שוין צייט נעהמען די רפואות, מען מוז היינט אויסנעהמען דאָס פלעשעל. האָנע האָט געזאָגט, אַז מאָרגען וועט ער געבען נאָך אַ פלעשעל אַזוינס און אַז דו וועסט זיי ביידע אויסנעהמען, וועסט דו שוין זיין געזונד".

מיר ווערט דערוויל פינסטער אין די אויגען: צוויי פלאַש ביטערניש אויסנעהמען — צו וואָס? איך וויל גאָר עסען, איך בין הונגעריג, און האָנע האָט אָנגעזאָגט, אַז מען זאָל מיר גאָרניט געבען עסען, וואו איך וועל ניט אויסנעהמען די צוויי פלעשלעך. און ביי מיר בלייבט, נאָך צוויי טעג הונגערן, ליעגען אין בעט, — און אַלץ צוליעב אַ קוש פון דער מאַמען און אַ גלעט איבער'ן קאָפּ!

טייער האָט מיר געקאָסט דער מאַמעס אַ קוש, נאָר מיט דעם גליק דערפון פלעג איך אָפּלעבען חדשים, ביז וואַנען איך פלעגט ווייטער מאַכען דאָס זעלבע שפּיעל.

דערנאָך פלעג איך אָבער חרטה האָבען אויף דערויף. איך האָב זיך געפיהלט דערמיט זינדיג נעגען גאָט. די מאַמע עסט אַ גאַנצע וואָך קיין פלייש ניט, וואָס איז? זי דאַרף אָבשפּאָרען פאַר מיר

אויף שכר=למוד, וועלכע איז גאַנצע 7 רובל אַ זמן, און איך גאַר זי. דעם געזונד נעהם איך ביי איהר אַרויס און זי טראַכט נאָר ווי אַזוי מאַכען מיך שענער, קליגער און געלערנטער. זי האָט אפילו געוואָלט איך זאָל קענען טאַנצען. דעריבער פלעגט זי בעטען היה=ביילען, וואָס האָט געהאַט דעם שם פון אַ טענצערקע ביי אונז אין שטעדטיל, זי זאָל מיך מיטנעהמען אויף אַלע התונות, און דערפאַר פלעגט שוין היה=ביילע אויך טאַנצען אויף דער מאַמעס געצאָהלט. איך פלעג, פערשטעהט זיך, דערמיט זיין אויפ'ן זיבעטען הימעל.

צוליעב איהר גוט טאַנצען איז היה=ביילע געווען אַ בעל=הבית'טע אויף אַלע התונות. אָהן איהר האָט מען אויף קיין התונה ניט אָנגעהויבען צו טאַנצען. זי האָט געמעגט קומען האַלבע נאַכט, האָט מען געוואַרט אויף איהר. און טאַקע אָהן איהר האָט עפּעס די התונה אויסגעזעהן טרויעריג. און אַז זי איז נאָר געקומען, פלעגט אַלעמען ווערען פרעהליכער. די כלי=זמר פלעגען אָנהויבען צו שפּיעלען, ווי מען פלעגט זי דערזעהן, ווייל זיי האָבען זי שוין גוט געקענט, און היה=ביילע פלעגט טאַקע באַלד אָנהויבען קלויבען געלד אויף אַ קאַדריל. דער מקה אויף טענץ איז ביי אונז אין שטעדטיל ניט אויף אַלע התונות געווען גלייך, ווייל עס זענען געווען אויף אונזערע התונות צווייערליי כלי=זמר. ווען שמשון דער פישער פלעגט שפּיעלען, האָט געקאָסט 3 קאָפּיקעס אַ טאַנץ, און אַז מען פלעגט ברענגען סעלצער כלי=זמר, פלעגט קאָסט אַ צעהנעריל אַ טאַנץ.

ניט אַלע מיידלעך אָבער פלעגט בעשערט זיין דאָס גליק צו טאַנצען. עס זענען געווען אַזוינע, וואָס האָבען ניט געהאַט די עטליכע קאָפּיקעס אויף טענץ. אויף זיי איז גאָר געווען אַ רחמנות. דאָס האַרץ פלעגט צוגעהן קוקענדיג, ווי אַזוי זיי שטעהען מיט די דאָרשטיגע אויגען און קוקען ווי אַנדערע טאַנצען. נאָר אַז מען פלעגט שוין האָבען דאָס צעהנעריל, פלעגט מען נאָך אַלץ ניט זיין זיכער מיט'ן טאַנצען, ווייל צייט אויף טאַנצען איז געווען גאַנץ ווייניג. ביי אונז אויף די התונות פלעגען די מיידלעך טאַנצען נאָר פאַר דער חופּה. נאָך דער חופּה עסט מען באַלד וועטשערע און דערנאָך טאַנצען די מאַנסבילען. וועגען דער קורצער צייט פלעגען פיעל מיידלעך בלייבען ניט געטאַנצט און געוועהנליך פלעגען בלייבען די אָרימערע, די מיאוסערע, די פּראָסטערע. אַ סך האָט זיך דאָ געווענדט אָן היה=ביילען. זי פיהרט צום טאַנץ, וועמען זי וויל, און זי גיט אַכטונג, אַז קלענערע זאָלען טאַנצען בעזונדער און גרעסערע

בעזונדער. זי זעהט, מען זאָל זיין צופריעדען. נאָר זי קוקט נאָר אויף די רייכערע און יחוס'דיגע. פאַר די פּראָסטערע האָט איהר גאָר ניט געאַרט. איך אָבער בין שטענדיג געווען די גליקליכסטע צווישען די גליקליכע. איך האָב געטאַנצט זענענדיג אַ קליין מיידעל מיט אַלע גרויסע, און נאָך מעהר — מיט חיה־ביילען אַליין. איך בין שטענדיג געווען איהר דאַמע. אַלע פלעגען אויף מיר קוקען מיט קנאה. איך פלעג דאָס זעהן און פלעג פאַרביי־געהענדיג פאַר די אַנדערע מיידלעך מאַכען אַ שטאָלצע מינע. איך פלעג אויף זיך אַרויפציהען אַ ביסעל גאוה און קוקען אויף אַלעמען מיט אַזאַ מין קוק, אַזוי ווי איינער זאָגט: זעהט, ווער איך בין!

פאַר דאָס פערגעניגען מיינ'ס האָט געקאָסט מיין מאַמען אַ קאָפּיקעס 40 אָדער 50 אויף יעדער התונה, ווייל איך מיט חיה־ביילען פלעגען צאָהלען פון איין ביטעלע.

פאַר חיה־ביילען איז אויך געווען שטאַרק אַנגענומען, וואָס זי האָט צו טהון מיט מיר און מיט אַנדערע יחוס'דיגע מיידלעך, ווייל אַליין איז זי געווען גאָר פון אַ פּראָסט אָרט. איהר טאַטע חיים־דוד איז געווען נישט מעהר ווי אַ בעל־עגלה; נאָר אַז ביי איהם פלעגט פּגר'ן אַ פערד, פלעגט ער דערמאָלט נעהמען האַנדלען מיט שוואָמען. אָבער מעהר ווי צוויי חדשים פלעגט ער ניט האַנדלען, ווייל ער האָט שטענדיג דערלעגט געלד צו זיינע מסחרים. נאָך דעם האַנדלען פלעגט ער פערקויפען אַ שטיקעל פּלאַץ פון זיין גרויסען גאָרטען, און פאַר דאָס געלד פלעגט ער צוריק קויפען אַ פערד. פון דעם געלד פלעגט אויך קריגען אַביסעל חיה־ביילע. זי פלעגט דאַן פאַה־רען קיין סעליץ און פלעגט זיך אויסנעהען אַ שען קלייד מיט אַ מאַנטעל, מיט אַ פּאָר שיך אויף הויכע קאָרקעס און שמאָלע נעזלעך.

קינדער האָט חיים־דוד געהאַט אַ סך — פון צוויי ציי פון דריי ווייבער. זיינע זיהן זענען אַלע געווען וואוילע. איינער איז גאָר געווען אַ גרויסער למדן, וואָס איז שוין געווען קרוב צו זיין אַ רב. אַ שדוך האָט ער מיט איהם אויך געטהון אַ גרויסען: ער איז אַנגעקומען אין סעליץ פאַר אַנ'איידעם צו ר' יונה דעם מגיד, וועלכער האָט געהאַט אַ טאָכטער אַ בת יחידה און אַ גרויסען שלאַק. יחוס און געלד איז דאָרט געווען ווי האָלץ, און חיים־דוד האָט זיך מיט דעם שטאַרק גרוים געהאַלטען. ווייטער, חיה־ביילע איז אויך געווען אַ געראָטענע טאָכטער, וואָס מען האָט זיך געמעגט מיט איהר איבערנעהמען: זי איז געווען ניט קיין מיאוס'ע, זי האָט געקענט אַ ביסעל שרייבען, אוים־

נײהען, מאַכען אויפ'ן סידעלקע, טאַנצען זינגען. הײנט האָט מען זי געהאַלטען פאַר אַ קלוגע. זי אַלײן האָט אפילו געמײנט, אַז קײן קלוגערע פון איהר איז נישטאָ. פון אַלעמען האָט זי אָבגעלאַכט, אַלעמען האָט זי בערעדט, אַלע סודות פון שטעדטיל האָט זי געוואוסט און גאוה האָט זי געהאַט נאָך מעהר פון המן'ען, נאָר אויך דערפאַר דלות — מעהר פון מרדכי'ן.

הײם=דוד האָט געוואוינט אין אַ קלײן שטיבעלע נעבען בית=המדרש, אויף אַ גרויסען אײגענעם פּלאַץ אין רעכטען אויבען=אָן, דאָס הײסט, אין דעם צענטר פון שטעדטיל, און דאָס איז טאַקע געװען זײער גאַנץ פערמעגען און גדולה. דער פּלאַץ האָט געהערט צו זײער פאַמיליע שוין אַ צײט מיט יאָהרען און פלעגט איבערגעהן פון אײן דור צום אַנדערן.

נאָר הײם דוד איז געװען דער ערשטער, וואָס האָט שוין אָנגעהויבען ריהרען פון זײן הײליגער ירושה. ער האָט שוין פערקויפט דרײ שטיקלעך פּלאַץ און טאַקע די שענסטע ערטער.

הײם=דוד'ס גאָרטען פלעגט אַלע מאָל קלענער װערען, נאָר איהם האָט דאָס װעניג געאַרט, אַבי דאָס שטיבעלע זײנס האָט זיך געהאַלטען.

אינעװײניג האָט דאָס שטיבעלע געהאַט אַ גאַנץ גוטעס אויסזעהן, װײל היה=בײלע פלעגט זעהן צו האַלטען אַלץ אין אָרדנונג. די װענט זענען תמיד געװען װײס, די בענק װײס, אויף די פענסטערלעך פאָרהאַנגען, די בעטען שען פערבעט מיט אַ סך בעטגעװאַנד, מיט אויסגענעהטע ציכען; אויף דער װאַנד הענגען בילדער, אײנגעפאַסט אין ראַמען, װאָס היה=בײלע האָט אויסגענעהט: אַ מזרח, אַנ'אָדלער, אַ פויגעל, אַ ציג, אַ הונד. װינטער איז דאָרט שטענדיג געװען װאַרים, און זומער — קיהל. שטענדיג איז דאָרטען געװען פרעהליך אַהין פלעגען אַלע געהן: בעלי־בתים, בעלי־עגלות, סוחרים, מלמדים, בחורים, מײדלעך, װײבלעך. אַלע האָבען זיך דאָרטען געפיהלט גוט. מען פלעגט דאָרט זיצען ביז שפּעט בײ=נאַכט, דערהויפט שבת=צו=נאַכט. מען האָט דאָרט אַרומגערעדט און אַרומגעלאַכט די גאַנצע װעלט. איבערהויפּט האָט היה=בײלע דאָס ליעב געהאַט. אומעטום האָט זי זיך געמישט, און מען האָט זי טאַקע געהערט, װײל מען האָט זי געהאַלטען פאַר אַ געראָטען מײדעל.

װי אַזוי געראָטען היה=בײלע איז געװען, האָט זיך פונדעסטװעגען קײן חתן אַליץ ניט געמאַכט. זי פלעגט זאָגען, אַז קײנער געפעלט איהר ניט, האָטש לײט פלעגען שטילערהײד זאָגען פער=

קעהרט. דערװײַל איז זי שױן אַלט געװען אַ יאָהר 26 און מען האָט שױן שטאַרק אָנגעהױבען אונטערריידען אין שטעדטיל: ביז װאַנען װעט זי זיצען? זאָל זי נעהמען האַטש דעם שלים-מזל'דיגען האַצקעל דעם לאַנגען, דעם אומגליקליכען אָרימען אַלמן, װאָס האָט בע-גראָבען שױן צװײ װײַבער בײַ אונז אין שטעדטיל.

האַצקעל דער לאַנגער איז אױך געװען אײנער פֿון די אָפּטע בעזוכער בײַ חיים-דוד'ן, און אַלע האָבען געזאָגט, ער זאָל טהון דעם שדוך, נאָר חיים-דוד האָט אפילו ניט געװאָלט הערען דער-פֿון. ער האָט געהאַלטען דעם שדוך פֿאַר צו פּראָסט פֿאַר זײַן געראָטענער טאָכטער. אומזיסט האָט איהם די מומע זלאַטע געװאָרענט:

— געדענק, חיים-דוד! עס איז אַ בעשערטע זאַך. מען קאָן דיך נאָך אין אַ שענעם פֿריהמאָרגען אױפֿװעקען „אַהין צו“.

— עט, — האָט חיים-דוד געענטפֿערט, ציהענדיג אַ שמעק טאַבאַק פֿון זײַן גרױסער הילצערנער פּושקע און האָט זיך געמאַכט ניט װיסענדיג. נאָר פּלוצלונג איז אָנגעשטאַנען אַ שלעכטע שעה און דאָס גאַנצע שטעדטעל איז פֿערציטערט געװאָרען: חיים-דוד אַ פֿרישער אַ געזונדטער, איז אומגעפֿאַלען און געשטאָרבען.

„אַ מענש טאָר זיך ניט קליגען“ — האָבען אַלע געזאָגט, און װי עס האָבען זיך געענדיגט שלשים, האָט חיה-בײלע התונה געהאַט מיט האַצקלען.

דאָס שטיבעלע האָט מען איהר געגעבען פֿאַר נדן, און דער עולם פֿלעגט אַהין געהן פֿערברענגען נאָך דער התונה. אַזױ װי פֿריהער. חיה-בײלע אַלײן פֿלעגט זיך אױך ניט לאָזען שטאַרק בעטען. זי פֿלעגט אַלע אױף-דער-נאַכט געהן אין אַנ'אַנדער אָרט פֿערברענגען.

מיר איז חיה-בײלע געװען זעהר ליעב װעגען די התונות, אױף װעלכע זי פֿלעגט מיך נעהמען. מיט'ן אמת זאָגענדיג, האָ-בען מיך די התונות ניט אַזױ שטאַרק אינטערעסירט מיט'ן טאַנצען, װי מיט דער מוזיק. אַז איך פֿלעג דערהערען שמעון'ס פֿידעלע, פֿלעג איך שיער ניט משוגע װערען פֿאַר נחת. מיר פֿלעגט זיך דאַכטען, אַז דאָס פֿידעלע זינגט און רעדט. מען הערט, דאַכט זיך, ניט קײן װערטער, נאָר עפּעס פֿיהלט מען, אַז עס דער-צעהלט שענע, מחיה'דיגע מעשות. קײן בעסער פֿערגניגען װי הע-רען שפּילען איז בײַ מיר ניט געװען. צו מײַן גליק בין איך דערין געװען ניט זשעדנע. בײַ אונז אין שטעדטיל זענען געװען שמעון דער פֿישער מיט דעם פֿידעלע, איװאַנ'ס שײגעץ מיט

דער גאַרמאָניע און דעם פּײַפּעלע און דעם גלה'ס פאַנעקעס מיט דער פּיאַנע. דער ראָיאַל בײַ דעם גלה איז אפילו געוועזען אַ צובראָכענער, נאָר מײַן אויער האָט ניט איבערגעקליבען, אַבי מוזיק, אַ דאגה וואָסערע.

איך געדענק אַזוי גוט יענע גליקליכע זומער=נעכט, ווען איך פלעג אָבשטעהן שעות=ווײַז אויפ'ן גאַס און זיך צוהערען צו'ם שפּיעלען. די לבנה באַלײַכט דאָס גאַנצע שטעדטיל. דער הימעל איז בלוי, ריין. אין שטעדטיל איז שטיל. אַלע שלאָפען שוין, נאָר אין קרעטשמע זיצען נאָך גוים און בײַ אונז אין שטוב פּאָרעט זיך נאָך מײַן מאַמע. נאָר בײַ'ן גלה איז פרעהליך, אין שטוב בײַ איהם איז ליכטיג. די פאַנעקים שפּיעלען אויף דער פּיאַנע אַזוי שען, אַז עס געלוסט זיך גאָרניט אַוועקגעהן. די מאַמע שרײַט אויף מיר, איך זאָל שוין געהן שלאָפען, ווײַל מאָרגען דאַרף זי מיך פריה אויפוועקען, נאָר איך בעט זיך בײַ איהר, זי זאָל מיך לאָזען נאָך אַביסעל זיצען. איך קאָן זיך נישט אָברײַסען פון אָרט און אַוועקגעהן. עס איז מיר אַזוי גוט, אַזוי מחיה'דיג. איך הער דאָס שפּיעלען און קוק אויף די שענע לבנה. אָ, ווי שען די לבנה פלעגט זײַן! איך פלעג זיצען און קוקען, אפשר וועל איך זעהן משה רבנו'ס פּנים אין דער לבנה. פלעג איך זיך גוט צוקוקען, פלעג איך טאַקי זעהן אין איהר אַ פּנים, נאָר דאָ פלעגט דאָס פּנים מיט אַמאָל נישט ווערען, און דאָ פלעגט עס ווידער זיך באַווײַזען.

איך פלעג זיך אויף אַזוי פיעל פערטראַכטען, קוקענדיג אויף דער לבנה מיט'ן הייליגען פּנים און הערענדיג די פּיאַנע, אַז איך פלעג פערגעסען, וואו איך געפין זיך. מײַנע אַלע גלידער פלעגען ווערען פערגליווערט און איך פלעג זיצען צוגעשמידט צו דער באַנק, אַזוי ווי אַ שטיין. אַמאָל פלעגט נאָך אויך אין אַ לבנה=נאַכט זיך צושפּיעלען אַ שייגעץ אויף אַ פּײַפּעלע און דאָס פלעגט אָנטרינקען מײַן גאַנץ האַרץ מיט זיסקײַט און תענוג. מיט דעם ליעדעלע פלעג איך אַוועקפליהען צו'ם פּנים פון דער לבנה, און די קלאַנגען פון דער פּיאַנע פלעגען מיך באַגלייטען אַהין. ווען די מאַמע נעהמט מיך מיט געוואַלד ניט אַרײַן אין שטוב, וואָלט איך מסתמא אַנטשלאָפען געוואָרען אין דרויסען. נאָר די מאַמע פיהרט מיך אַוועק, און אַז איך קום אין שטוב, קוק איך נאָך לאַנג דורכ'ן פענסטער אויף דער פּאָעטישער שענער נאַכט.

די נאַכט מיט איהר שטילקייט ציהט מיך אַזוי שטאַרק, אַז איך פערגעס דאַן אפילו מיין שרעק פאַר דער קאַלטער שוהל, וואָס איז ניט ווייט פון אונז, און וואָס איז בייַנאַכט שטענדיג פיל מיט שדים.

אונזער שוהל איז געוועזן זעהר אַנ׳אַלטע. קיינער אין שטעדטיל האָט ניט געדענקט, ווען מען האָט זי געבויט. אינעווייניג איז זי געוועזן זעהר שען: דער סופית איז געוועזן קייַלעכדיג און זעהר הויך. בייַם אָרון-קודש זענען געשטאַנען אויסגעשניצט גרויסע, שוואַרצע פויגלען. מען האָט אין דער שוהל געדאַווענט נאָר ראש-השנה און יום-כפור. אַ גאַנץ יאָהר איז די שוהל געוועזן פוסט. די ספרי-תורות פלעגט מען צונעהמען; דעריבער, פלעגט מען זאָגען, האָבען די ניט-גוטע דאָרט געהאַט אַ שליטה. מען פלעגט דערצעהלען, אַז גאַנצע נעכט טאַנצען זיי אין דער שוהל. ווער עס איז פאַרבייַגעגאַנגען בייַנאַכט, האָט פערשטאָפּט די אויערן און האָט געשעפּטשעט שטילערהייד: שמע ישראל.

אָבער צו זעהן דאָרט שדים איז נאָר איינער אויסגעקומען. דאָס איז געוועזן בלומקע, די שמש׳טע. איינמאָל צו ערשטע סליחות, אַ זייגער צוויי בייַנאַכט, איז זי געגאַנגען אָנצינדען פייַער אין דער שניידערשער ווייַבערשער שוהל. מיט אַמאָל זעהט זי, ווי פון דער קאַלטער שוהל האָט זיך געעפענט די טהיר, און עס האָט זיך געוויזען אַ ים מיט ליכטיגקייַט פון לאָמפּען און פון ליכט. עס זענען דאָרט געוועזן אַ סך מענשען — ווייַבער אינאיינעם מיט מאַנספּילען. אַלע האָבען געטאַנצט און געזונגען. מען האָט געהערט אַזוינע משוגע׳נע גוואַלדען, אַז בלומקע׳ן האָט אָנגעהויבען שטעכען די האָר אין קאָפּ. פון גרויס שרעק האָט זי זיך גאָר פערגעסען, מיט וואָס מען קאָן זיי איינשטילען. נאָר באַלד האָט זי זיך דערמאָהנט און האָט אויסגעשריען: שמע ישראל! די ווערטער האָבען געהאָלפען, און עס איז טאַקי געוואָרען אַביסעל שטילער. מען האָט נאָר געהערט, ווי אַזוי אַ ציעג האָט געמעקעט. בלומקע האָט געמיינט, אַז זי האָט שוין פערטריבען די ניט-גוטע, האָט זי זיך דערווייַל אומגעקוקט — ערשט נאָך אַ שרעקליכער׳ס בילד האָט זי דערזעהן: אין טהיר איז געשטאַנען אַ מענש מיט אַנ׳אויסגעשטעקטער צונג. די צונג איז געוועזן רויט און אַזוי לאַנג, אַז זי האָט פערנומען דעם גאַנצען שוהל-הויף. דערזעהענדיג דאָס, האָט בלומקע אָנגעהויבען שרייַען, ווי ניט

מיט איהר קול: שמע ישראל! ראַטעוועט!

אויף איהרע קולות איז באַלד אָנגעקומען איהר מאַן מאָשקע דער שמש, וועלכער איז אומגעגאַנגען מיט׳ן שטעקען וועקען צו סליחות. ער האָט באַלד בערוהיגט זיין בליומקע׳ן, און טאַקי באַלד ווי ער איז נאָר צוגעגאַנגען, איז דער מענש מיט דער צונג ניט געוואָרען. „אַ פנים, אַז צו די ווייבער האָבען די ניט=גוטע אַ שליטה", האָט בעשלאָסען מאָשקע דער שמש, מיט וועלכען אַלע יונגלעך פלעגען זיך שטענדיג רייצען.

אויף מאָרגען אין דערפריה איז דאָס גאַנצע שטעדטיל גע־גאַנגען בעקוקען די קאַלטע שוהל: אפשר וועט מען עפּעס בע־מערקען סימנים פון דער נעכטיגער געשיכטע, אָבער מען האָט גאָרנישט געפונען. נאָר אין פּאָרהויז, נעבען דער טהיר פון דער שוהל, פונקט אויף דעם אָרט, וואו בליומקע האָט געזעהן דעם מענשען מיט דער לאַנגער צונג, איז געלעגען אָרע דעם מלמד׳ס ווייסע ציג מיט עטליכע קליינע ציגעלעך. וועלכע זי האָט דאָרט אין יענער נאַכט אויף דער וועלט געבראַכט. עס זענען געווען ביי אונז דעמאָלט אין שטעדטיל אַזוינע חכמים, וואָס האָבען אפילו ערקלערט, אַז בליומקע האָט טאַקי געזעהן די ציג מיט׳ן וויי־סען עק, ווייטער גאָרניט. נאָר מען האָט זיי געוואָלט דערפאַר פערשטיינען: וואָס הייסט, זי האָט נאָר געזעהן די ציג און ווייטער גאָרניט? קען דען ניט בליומקע אָרע דעם מלמד׳ס ציג? ווער קען זי ניט?

און אין אמת׳ן, אָרע דעם מלמד׳ס ציג האָבען אַלע גע־קענט. דאָס איז געווען די שענסטע ציג אין שטעדטיל. מען פלעגט זיך נאָר קלאָגען אויף איהר, אַז זי פיהרט זיך ניט אויף שען. זי לויפט אַרום אין אַלע גערטנער, אין אַלע הויפען און קומט אפילו אַהיים ניט נעכטיגען. אַלע ווײַלע ווערט זי פער־פאַלען אין אַנ׳אַנדער אָרט, נאָר איהר בעל=הבית׳טע זאָרגט זיך ניט פאַר איהר. זי ווייסט, אַז זי וועט ניט פערפאַלען ווערען. ווען עס וועט קומען די צייט, וואָס מען דאַרף זי מעלקען, וועט זי קומען. מיר דאַכט, אַז הורך דער ציג איז איהר בעל=הבית׳טע אויך געוואָרען דערהויבען, ווייל מען פלעגט תמיד רעדען פון דער ציג. דאָ פלעגט מען שרייען, אַז יענטע׳ס ציג האָט אויס־געגעסען דאָס קרויט אין גאָרטען, און דאָ פלעגט מען קומען מיט טענות, אַז יענטע׳ס ציג האָט אויסגעטרונקען אַ פאָילע

וואס מען האט אנגעגרייט פאר א בהמה. געהט ביי א מאמען אוועק א טאכטער און פערזאמט זיך, זאגט די מאמע: „זי לויפט ארום אזוי ווי יענטע׳ס ציעג״. מיט איין ווארט, וואו צוויי — איז יענטע׳ס ציעג געווען די דריטע. עס פערשטעהט זיך, אז נאך דער מעשה מיט בליומקע׳ן אין שוהל, איז די ציעג נאך מעהר בעוואוסט געווארען.

בליומקע האט אביסעל צוגעקרענקט פון יענער נאכט, וואס די ציעג האט זיך געציעגעלט אין שוהל, און דער פחד פאר דער שוהל איז פון דעמאלט אן נאך גרעסער געווארען. קיינער האט ניט געוואלט גלויבען, אז דא איז די ציעג געווען שולדיג. מען האט געגלויבט אין דעם מענשען מיט דער לאנגער צונג. פלעגט קומען אויף דער נאכט, פלעגט מען ציטערן געהן פארביי דער שוהל. קינדער פלעגט מען שרעקען ביז׳ן טויט. מיר האבען געוואוינט נעבען דער שוהל, האבען מיר זיך נאך מעהר געשראקען. נאר אין די שענע, ליכטיגע, זומערדיגע נעכט פלעג איך צוליעב דער מוזיק און די ליעדעלעך זיך איינגאנצען פערגעסען אן דער קאלטער שוהל מיט איהרע שרעקליכע בעזוכער.

יענע ליעדעלעך געדענק איך נאך איצט. אז איך זינג זיי אמאל, טראגען זיי מיך אריבער ווייט אין מיין אמאליגער היים, צו אונז אויפ׳ן גאניק. און ווייטער זעה איך אין די געדאנקען די שענע לבנה מיט׳ן הייליגען פנים, ווייטער הער איך דאס שען פייפעלע פון די שקצים און דעם הייזעריגען ראיאל פון דעם גלה׳ס פאנענקעס. א, ווי גליקליך פיהל איך מיך דארטען! איך הער אפילו מיין מאמע׳ס קול, ווי זי רופט מיך געהן שלאפען. גליקליכע מינוטען פון מיינע קינדערשע יאהרען, וואו נעהם איך אייך!

איך האב זיך אנגעהויבען ארומקוקען, האב איך געזעהן, אז די אנדערע מיידלעך זענען ניט אזוי ווי איך: קיינער קוועלט גארניט פון דער לבנה, פון דעם פייפעלע, פון דעם ראיאל פונ׳ם גלה׳ס פאנענקעס. איך האב איינמאל אנגעוויזען מיין פריינדין מלכה׳ן, ווי שען די זון פערגעהט אין יאשציקאווער וואלד. דער הימעל ווערט רויט און די זון לאזט זיך אראב הינטער די בוימער. עס דאכט זיך, אז עס ברענט א פלאם פייער אין וואלד. איך האב זיך געוואונדערט, וואס קיינער בעמערקט דאס ניט, בעת איך קאן די אויגען ניט אברייסען פון דעם בילד. איך האב זי געפרעגט,

ווי אַזוי געפּעלט איהר די זון, אז זי געהט אונטער אין וואַלד. פריהער האָט מלכה מיך גאָרניט פערשטאַנען, נאָר דערנאָך, אַז איך האָב איהר געגעבען צו פערשטעהן, ווי ווייט איך האָב דאָס געקאָנט אויסדריקען, וואָס איך פיהל, ערשט דעמאָלט האָט זי זיך פון מיר שטארק צולאַכט און זי האָט מיר געזאָגט, אַז נאָך גוט, וואָס איך האָב דאָס נאָר איהר געזאָגט, ווייל זי וועט דאָס האַלטען בסוד. ווען איך זאָג דאָס פאַר אַנאַנדערער, וואָלט מען פון מיר געלאַכט, מען וואָלט דערצעהלט, וואָס פאַר אַ נאַר איך בּין.

— בערעכען זיך אַליין, — זאָגט זי, — וואָס פאַר אַ נאַר דו בּיזט. וואָס איז דאָ צו קוקען אויף דער זון? און וואָס איז אין איהר די שענקייט? אַ זון, אַזוי ווי עס דאַרף צו זיין אַ זון, אַזוי ווי גאָט האָט זי בעשאַפען. און מען טאָר גאָרניט צו פיעל קוקען אויף דער זון, ווייל דאָרטען איז דאָ משה רבנו'ס פּנים, און מיר, זינדיגע מענשען, טאָרען אויף איהם ניט קוקען; מען קאָן נאָך בּלינד ווערען קוקענדיג.

איהרע ווערטער האָבען אויף מיר אַ שטאַרקען איינדרוק געמאַכט. ענטקעגען איהר בּין איך עפּעס בּיי זיך געוואָרען זעהר קליין אין די אויגען. עפּעס בּין איך גאָר נאַרישער פון דער גאַנצער וועלט! פאַר איינס האָב איך שוין מלכה'ן אויך געפרעגט, צי עס ריהרט זיך בּיי איהר ניש דאָס האַרץ, אַז זי הערט, ווי איוואַנ'ס שיינגעץ שפּיעלט אויף דעם פּייפעלע און זינגט זיינע שענע ליעדעלעך? זי האָט מיך אַביסעל בעטראַכט און האָט מיר געענטפערט, אַז ניין. דאָס פּייפעלע געפעלט איהר גאָרניט. דער נייער קאַדריל, וואָס די סעלצער כּלי־זמר שפּיעלען, געפעלט איהר אַ סך בעסער. איך האָב זיך אַביסעל פערשעמט פאַר איהר און האָב געענטפערט, דאָס איך פערשטעה אַליין, אַז דער סעלצער קאַדריל איז שענער, נאָר איך פרעג זי נאָר, פאַרוואָס איז עס, אַז ווען איך הער דאָס פּייפעלע, הויבּט זיך אין מיר אָן צו וואַרפען דאָס האַרץ, טרעהרען שטעלען זיך מיר אין די אויגען און איך פיהל זיך אַזוי גוט, אַזוי גליקליך!

וויפיעל געדאַנקען פלעגט דעמאָלט אין מיר אויפוועקען איוואַנ'ס שייגעצ'ס ליעדעלע! איך טראַכט: פאַרוואָס זינגען שקצים אַזינע שענע ליעדעלעך, און פאַרוואָס זינגען ניט קיין יודישע יונגלעך? פאַרוואָס זענען שקצים שטענדיג אַזוי פרעהליך, און יו־

דיִשע יונגלעך אַזוי פערזאָרגט? עס וואָלט געווען גוט, — פלעג איך מיר קלערען, — ווען די יודען וואָלטען געוואוינט אין די דערפער, וואָלטען אַליין געאַקערט, געזייהט און געשניטען. די יונגלעך וואָלטען אַ האַלבען טאָג געלערנט און דעם אַנדערן האַלבען טאָג געטהון אויף דעם פעלד די אַרבײַט. אויף דער נאַכט, ווען זיי וואָלטען געגאַנגען פון פעלד, וואָלטען זיי געזונגען אויך אַזוינע ליעדעלעך, ווי די שקצים זינגען. עס וואָלט געווען אַזוי שען, ווען יודישע יונגלעך זינגען אַזוי. די מיידלעך וואָלטען אויך געזונגען ליעדעלעך, געהענדיג פון פעלד. אַך, עס וואָלט געווען אַזוי גוט!

איך זאָג אַרוים מײַנע געדאַנקען מלכה'ן, נאָר זי קוקט מיך אָן ווי משוגע:

— וואָס הייסט, זאָגט זי, אַ יודיש יונגעל זאָל זינגען אַ ליעדעלע און נאָך פײַפען מיט אַ פײַפעלע? וואָס הייסט, מיידלעך וועלען געהן פון פעלד און וועלען זינגען? מעג מען דען זינגען, אַז מאַנס־ביִלען זאָלען הערען? וואָס הייסט יודישע דערפער? פאַסט עס דען פאַר יודען מיסטיגען און אַקערן? וואָס רעדסט דו? מען וואָלט דאָך פערגרעבט געוואָרען אַזוי ווי די גוים!

איך מוז מיך מודה זײַן, אַז מלכה, וואָס איז דעמאָלט שוין אַלט געוואָרען 16 יאָהר, איז מיט איהרע ראיות שטאַרקער געווען פון מיר, און אַזוי האָט זי צושלאָגען מײַנע חלומות און די ערשטע יודישע קאָלאָניע וואָס איך, 11־יאָהריגע העלדין, האָב געוואָלט אויפבויען.

זי פלעגט מיר זאָגען: „ווען איך בין אַ ביסעל העכער, אמת, וואָלט איך געווען שען?" און איך פלעג איהר ענטפערען, אַז יאָ. זי פלעגט טהון אַלערליי מיטלען, אויף צו זײַן הויך. זי פלעגט געהן מיט אַזוינע קנאַפעל, אַז זי פלעגט זיך אויסדרעהען די פיס. הײַנט אַז זי פלעגט געהן, פלעגט זי גלאַט האַלטען הויך די אַקסלען און פלעגט זיך ציהען, זי זאָל אויסקומען העכער.

מלכה'ס מוטער, איידיל, האָט אויך געהאַט צרות פון איהר טאָכטער'ס נידריגען וואוקס. פונדעסטוועגען איז זי ביי זיך ניט געווען אַראָבגעפאַלען, ווײַל זי האָט געוואוסט, אַז איהר טאָכטער האָט פאָרט אַ שען פנים'ל. איידיל איז געווען אַ הייסע און שטאָלצע מוטער. זי האָט די קינדער פערשאַפט אַלע פערגעניגען. טײַערער פאַר אַלץ זענען בײַ איהר געווען כבוד און יחוס. זי איז געווען מײַן מאַמעס

אַ חבר'טע, די אָרימע פון אַמאָל, וואָס מיין מאַמע האָט איהר געשטיצט צו דער חתונה. אין עטליכע יאָהר אַרום איז איהר מאַן אַוועק קיין אַמעריקאַ, האָט זיך דאָרט געזאַמט פיער יאָהר און איז געקומען אַהיים קיין סעליץ און האָט געבראַכט 1000 רובל. סעליץ איז פון אונז ניט ווייט, און מען האָט באַלד דערהערט ביי אונז אין שטעדטעל, אַז איידיל'ס מאַן האָט געבראַכט מיט אַמאָל 1000 רובל און דערצו נאָך אַ גילדענעם זייגער מיט אַ קייט, מיט גילדענע רינגען, מיט אַ זיידענער פאַטשיילע און נאָך אַזעלכע זאַכען. וועגען איידיל'ס גבירה'שאַפט האָט מען אין שטעדטעל ניט אויפגעהערט צו רעדען. יעדער האָט זיך געבראָכען דעם קאָפּ, וואָס זי וועט טהון מיט אַזוי פיעל געלד. נאָר איידיל האָט געטהון דאָס, אויף וואָס קיינער איז גאָר ניט געפאַלען. זי האָט געוואָלט האָבען כבוד דורך איהר געלד, און זי האָט געוואוסט, אַז אין סעליץ וועט מען אויף איהר עשירות גאָר ניט קוקען. פאַר כבוד האָט איידיל קיין בעסערען אָרט ווי אונזער שטעדטעל ניט געדאַרפט, ווייל נאָר דאָ האָט מען געוואוסט, ווער זי איז פריהער געווען און וואָס זי איז איצט. מיט איהר געלד האָט זי ביי אונז געקאָנט אויסנעהמען, ווייל קיין גבירים זענען ביי אונז נישט געווען. אַזוי איז עס געבליבען, און איידיל פאָהרט אַריין מיט גרויס פאַראַד צו אונז אין שטעדטיל. זי דינגט אָב אין רעכטען מיטען שטעדטעל אַ גרויסע שטוב מיט אַ קראָם אינאיינעם און ברענגט אַריין אַלערליי סחורות פון דער פולער האַנד.

איידיל האָט געהאַט איין זאָרג, ווי צו טהון מיט מלכה'ן אַ שענעם יחוס'דיגען שדוך, עס זאָל דורך איהר דערהויבען ווערען איהר פאַמיליע. מלכה פלעגט געהן שענער אָנגעטהון פון אַלע מיידלעך און האָט געפיהרט פריינדשאַפט נאָר מיט די בעלי־בתי'שע קינדער. די פריינדשאַפט מיט מיר, אַ מיידעלע פון 12 יאָהר, האָט זי אויך קוים אַראָבגעשלונגען צוליעב מיין יחוס. איך בין אָבער געווען אויפ'ן זיבעטען הימעל, וואָס איך האָב אַ חבר'טע וועלכע שטעהט שוין אין שידוכים. איך האָב תמיד געוואָלט מלכה'ן אַרויסווייזען מיין ליעבע, און האָב שטענדיג געוואָלט, זי זאָל פיהלען דאָס, וואָס איך, זי זאָל פון אַלצדינג טראַכטען אַזוי ווי איך. דערהויפּט האָב איך זי געוואָלט איינגעוועהנען צו לייענען ביכלעך, אָבער דאָס לייענען פלעגט זי ניט אינטערעסירען. נאָר מיט איין געשיכטע האָב איך זי איין מאָל פעראינטערעסירט. דאָס איז געווען די גע־

שיכטע מיט דעם גן-עדן-פויגעלע. דאס ביכעל האט מלכה'ן געבראכט צו טרעהרען. ווען דער פערפאסער פון דעם ביכעל קאן מלכה'ן, וואלט ער זיך זעהר געפרעהט, וואס זיין ווערק האט ארויסגערופען טרעהרען אפילו ביי אזא קאלטער נשמה, ווי מלכה איז געוועזען. איך האב זיך מיט איהרע טרעהרען שטארק געפרעהט. איך האב געמיינט, אז איצט וועט זי שוין אנהויבען זיך צו אינטערעסירען מיט ביכלעך, אזוי ווי איך, און מיר וועלען שוין צוזאמען קאנען לייענען; איך האב אבער א טעות געהאט. זי האט זיך מיט ביכלעך דאך ניט פעראינטערעסירט. איך האב איהר פונדעסטוועגען איינגערעדט, זי זאל איבערלייענען די מעשה פון דעם „וואלד-קינד אדער די פרינצעסין אין וואלד" איך האב געהאפט, אז איך וועל דערנאך קענען קריגען פון סעליץ אין ביבליאטעק גרויסע ביכער, ראמאנען, וועלכע שמ"ר אליין שרייבט. אט דעמאלט, האב איך געטראכט, וועט שוין מלכה אויך לייענען אזוי ווי איך. ווארום א ראמאן איז דאך עפיס ניט קיין פראסטע מעשה. דערהויפט האט זיך מיר געוואלט לייענען שמ"ר'ס ראמאן „דער קאטארזשניק", פון וועלכען הערשקע דער טערקיל פלעגט שטענדיג רעדען. נאר דעם „קאטארזשניק" איז געוועזען זעהר שווער צו קריגען, וויל ער איז שטענדיג געוועזען פערנומען. קיינער קאן זיך איהם זאט ניט אנלייענען.

ניט האבענדיג קיין גרויסע ראמאנען, פלעג איך זיך בעגנוגענען מיט קליינע מעשה'לעך. אין יעדערער פון זיי האב איך געפונען א בעזונדער אינטערעס. איך האב זיי אלע געדענקט אויפ'ן קאפ. שבת פלעג איך ארום זיך ארומקלויבען א פאר צעהנדליג מיידלעך און פלעג זיי דערצעהלען מעשות. איך פלעג אפילו פאר קיין עלטערע מענשען אויך ביי זיך ניט זיין געפאלען. איך פלעג אמאל שבת זיך אוועקזעצען ביי דער מוהמע זלאטען אויפ'ן גאנעק, און געבען מיר א היבש ביסעל ווייבער, און פלעג זיי דערצעהלען מעשיות. נאר דאס זענען שוין געוועזען גאר אנדערע מעשיות. איך פלעג זיי דערצעהלען, וואס איך האב געלייענט אין שבט-מוסר, אין קב-הישר, אין בחינת-עולם און אזוי זאכען פון דער באבעס ביכלעך. דערהויפט איין מעשה איז זיי געוועזען שטארק געפעלען. שטענדיג פלעגט מען מיך בעטען, איך זאל זי איבערדערצעהלען. דאס איז געוועזען די מעשה פון דעם גור-אריה. איך געדענק זי נאך היינט גאנץ קלאר. אלע ווייבער פלעגען זיך קוויקען דערמיט. זיי פלעגען זאגען, אז ווען איך דערצעהל, שיט זיך פון מיין מויל פעריל, גאר אזוי ווי ביי א גוטען

מגיד. אַזוי ווי אויף צו להכעיס, פלעגען זיי זאָגען, איז הקא געבוירען געוואָרען אַ מיידעל מיט אַזאַ גוטען קאָפּ.

אין שטעדטעל האָב איך געקראָגען אַ שם ניט נאָר מיט מיין דערצעהלען מעשיות, נאָר אויך מיט מיינע בריעף שרייבען. פון דעם גאַנצען שטעדטעל פלעגט מען קומען מיך בעטען, איך זאָל שרייבען פאַר זיי בריעף. קיינער האָט מיר גאָרנישט געדאַרפט זאָגען, וואָס צו שרייבען. איך האָב יעדערן פערשטאַנען וואָס ער מיינט. איך האָב שוין אפילו געפּרובט אָנשרייבען פאַר אַ מיידעל אַ בריעף צו אַ חתן, און ער האָט אויך זעהר אויסגענומען. איך געדענק, אַז ער האָט זיך אָנגעהויבען אַזוי: „אַדעלגעבירטיגער גראָסגעריהמטער ברויטיגאַם”. וואָס איך האָב ווייטער געשריבען, האָב איך פערגעסען, נאָר איך געדענק, אַז ווען דער חתן האָט דערנאָך געענטפערט, האָט ער געשריבען, אַז ער איז העכסט גליקליך, וואָס זיין כלה קאָן שרייבען אַזוינע קלוגע בריעף. פריהער האָט ער דאָס פון איהר גאָר ניט אַרויסגעזעהן. די כלה האָט מיר דערפאַר געוואונשען, איך זאָל דערלעבען צו מיין חתן בריעף שרייבען. זי פלעגט זאָגען, אַז זי קאָן זיך גאָרניט פאָרשטעלען, וואָס פאַר אַ בריעף איך וועל שוין שרייבען צו מיין חתן, אַז צו אַ פרעמדען שרייב איך אַזוי גוט. און איך, מיט'ן אמת זאָגענדיג, האָב דאָס שוין געוואָלט דערלעבען. איך האָב שוין דעמאָלט אַ ביסעל געטראַכט פון אַ חתן, און אַז איך פלעג שרייבען דעם פרעמדען חתן, פלעגט זיך מיר אויסדאַכטען, אַז איך שרייב דאָס צו אַנ'אייגענעם. דערפאַר פלעג איך אין די בריעף אויסגיסען טאַקע מיין גאַנץ האַרץ.

אָט אַזוי האָב איך מיר אָבגעלעבט מיין שטיקעל וועלטעל ביז צוועלף יאָהר. איך האָב שוין אָבגעלערנט אַ זמן ביי דעם נייעם לעהרער און איך האָב ביי איהם אַ גרויסע פעולה געטהון. איך האָב שוין געקאָנט שרייבען לשון הקדש און אויך אַ ביסעל רוסיש. די מאַמע זאָגט, אַז ווען איך וועל ביי איהם אָבלערנען נאָך אַ זמן, וועט זי מיך דערנאָך אַוועקשיקען קיין סעליץ זיך לערנען ביי אַ גרויסען שרייבער רוסיש. איך וואַקס פאַר פרייד. עפּיס אַ קליינינקייט, פאָהרען קיין סעליץ! זיין אַ פאַניענקע, געהן מיט די ביכער צום שרייבער, שלאָפען שפּעט, געהן מיט סעלצער גרויסשטעדטישע

מיידלעך שפאצירען... אין מיינע געדאנקען בעשאף איך מיר א נייע, גרויסע וועלט. איך שטעל זיך מיר פאר, וואס איך וועל מיר אנזעהן אין דער גרויסער שטאדט, ווי איך וועל קומען דערנאך פון סעלץ צוריק אהיים. אלע וועלען מיך אויספרעגען, וואס עס טהוט זיך אין דער גרויסער שטאדט, אלע וועלען מיר מקנא זיין, וואס איך ווייס אלץ, וואס איך בין געבילדעט, וואס איך קאן רוסיש. און אפשר וועל איך שוין גאר קומען אזוי וויים, אז איך וועל קאנען לייענען א רוסיש בוך, ווער ווייסט? מיינע געדאנקען טראגען מיך אוועק אלץ ווייטער. איך וועל קאנען רעדען און לייענען רוסיש. דעמאלט וועל איך קאנען רעדען מיט דעם גלה'ס פאניענקעס. איך וועל גאר אפשר געהן אין פענסיאן מיט אלע רייכע מיידלעך צוגלייך, וועל געהן אנגעטהון אין א קלאסנעם ברוינעם קלייד און וועל אלע טאג געהן מיט די ביכער אין קלאס. יעדעס גליעד פלעגט מיר ציטערען פון גליק, אז איך האב געטראכט דערפון. איך האב שטארק געהאפט דערויף, ניט וויסענדיג פון וואנען דאס גליק קאן קומען. איך האב געווארט אויף א נס, אז עפעס דורך א צופאל וועלען מיר ארויספאהרען קיין סעלץ.

אויף דאס ארויספאהרען אין א גרויסע שטאדט האב איך אזוי ארויסגעקוקט, אז איין מאל האב איך זיך שטארק דערפרעהט, ווען פון א דונער האט זיך אנגעצונדען ביי אונז אין שטעדטעל א גויש שטיבעל און באלד פון איהם נאך א סך יודישע הייזער.

דאס פייער האט שוין געגרייכט ביז אונזער שטוב. אלע האבען געוויינט, נאר איך אליין האב זיך שטילערהייד געפרעהט. איך בין געזעסען הינטער'ן שטעדטעל אויפ'ן לאנקע, צווישען קישענס, פערענעס, קליידלעך, קאפטלעך, מעשענע לייכטער און טעפ. איך בין געזעסען און האב דאס אלצדינג געהיט, און נעבען מיר זענען געזעסען נאך מיידלעך און האבען אויך געהיט זייערע זאכען. דער הימעל איז געווען רויט פון דעם פייער. דאס גאנצע שטעדטעל איז געווען אין רויך. מען האט פון איהם קיין איין שטוב ניט ארויסגעזעהן. עס האבען זיך נאר געהערט קולות פון לויפענדיגע מענשען און א געוויין, און א געשריי פון קינדער. איך קלער דערווייל, אז אונזער שטוב איז שוין געוויס פערברענט געווארען, און האף, אז איצט וועלען מיר שוין געוויס ארויספאהרען קיין סעלץ, ווייל וואס וועלען מיר דא האבען צו טהון, אז אונזער שטוב איז אבגעברענט? מיר וועלען פערקויפען דעם פלאץ און מיר וועלען פאר

דאָס געלד מאַכען אין סעלץ אַ קראָם. אַזוי האָב איך זיך געטראַכט און האָב געמיינט, אַז מיר שטעהען שוין מיט איין פוס אין סעלץ. נאָר באַלד איז געקומען צולויפען די מאַמע מיט אַ פרעהליך פּנים און האָט מיר אָנגעזאָגט די בשורה, אַז אונזער שטוב איז גאַנץ געבליבען. גאָט, זאָגט זי, האָט אַזוי געפיהרט, אַז קיין איין יודישע שטוב איז ניט פערברענט געוואָרען. איך בין מיט דעם נייעס ניט געוועזען צופרידען. נאָר מילא, איך האָב געמאַכט אַ שוויג און געהאָלפען אין דער גיך דער מאַמען אַריינצונעהמען די פּעקלעך אין שטוב. ביז נאַכט האָבען מיר אַלצדינג געבראַכט אין אָרדנונג, און מיר זענען צוריק געוואָרען קליינשטעדטעלדיגע פּראָסטע מענשען ווי געוועזען. איך האָב דעמאָלט שוין אויפגעהערט צו האָפען, אַז מיר זאָלען נאָך אַמאָל וואוינען אין אַ גרויסער שטאָדט, נאָר איך האָב מיך געטרייסט דערמיט, וואָס די מאַמע האָט מיר געזאָגט, אַז זי וועט מיך שיקען קיין סעלץ אויף אַ פּאָר חדשים, איך זאָל זיך דאָרטען אויסלערנען שרייבען רוסיש.

אומגליקליך קינד, אומזיסט זענען דיינע האָפנונגען! שוין גענוג געלערנט זיך! גרייט זיך בעסער עפּעס וויכטיגערעס צו טהון ווי לערנען זיך. עס וואַרטען אויף דיר אַנדערע זאַכען: דו וועסט אַרבייטען און דיין אַרבייט וועט נאָך זיין אומזיסט. דער טויט טראַכט שוין ווייטער ווי אַזוי אַריינצוגעהן צו דיר אין שטוב, און ווייזט אויס, אַז דאָס מאָל האָט ער טאַקע געטראַכט זעהר לאַנג, ביז ער האָט זיך בעשלאָסען אַריינצוגעהן. דריי יאָהר איז ער געזעסען, האָט געשאַרפט זיין הלף און האָט איהם אַלע מאָל געפּרובט אויף דעם אומגליקליכען קרבן, צי ער איז שוין שאַרף.

דעם זיבצעהנטען תמוז האָט מיין מאַמע דאָס ערשטע מאָל אָנגעהויבען צו הוסטען און אַזוי, אַז די וועגד האָבען זיך דערפון געטרייסעלט. דאָס האָט דער שרעקליכער גאַסט געפּרובט זיין הלף דאָס ערשטע מאָל, און די וועגד האָבען זיך פערטרייסעלט קוקענדיג אויף דאָס אונרעכט, ווי אַזוי דער טויט וויל צונעהמען די מוטער ביי די צוויי קליינע יתומים. די מאַמע האָט זיך שוין פון עטליכע וואָכען געפיהלט ניט גוט, נאָר מען האָט גערעכענט, אַז דאָס איז דערפאַר וואָס זי האָט זיך איבערגעשראָקען דעם ערשטען טאָג פּסח. די מאַמע איז דעמאָלט אין שוהל געוועזען. פּלוצלונג איז צו איהר אַריינגעלאָפען דעם גלח'ס פאַניענקע און האָט אַ געשריי געטהון, אַז די שטוב אונזערע ברענט. מיין מאַמע האָט זיך געלאָזט

לויפֿען אַהיים. איהר האָט זיך פֿון דער־ווייטענס טאַקע אויסגעדאַכט, אַז עס ברענט ביי אונז דאָס דאַך. זי האָט געמאַכט אַ גוואַלד. עס זענען אַרויסגעלאָפֿען אַלע פֿון די שוהלען, און מען האָט גענומען טראָגען וואַסער צו אונז אויפ'ן דאַך, נאָר אַז מען איז אַרויף אויפ'ן דאַך, איז דאָרטען ניט געווען קיין שום סימן פֿון אַ שרפֿה. דער גאַנצער עולם האָט גאָר ניט געקאָנט פֿערשטעהן, וואָס דאָס בעטייט. אַזוי זענען זיך געשטאַנען עטליכע צעהנדליג יודען און יודענעס און האָבען געטראַכט, וואו איז אַהינגעקומען דאָס פֿייער.

דעם גלה'ס פֿאַניענקע איז געשטאַנען פֿון דער־ווייטענס און האָט געלאַכט, ווי אַזוי די האָט אָפּגענאַרט אַ גאַנץ שטעדטעל יודען. קיינער פֿון די יודען האָט ניט געוואוסט פֿון דעם מנהג, אַז דעם ערשטען אַפּריל דאַרף מען אָפּנאַרען איינע די אַנדערע. די פֿאַניענקע האָט דערנאָך ערקלערט דער מאַמען, אַז דאָס איז ניט קיין בעליידיגונג, נאָר דעם טאָג מעג מען יעדען אָפּנאַרען, אפֿילו דעם גרעסטען מענשען. אַזוי האָט זיך אונזער שטעדטעל דערוואוסט, אַז עס איז פֿאַראַן אויף דער וועלט אַ טאָג, וועלכער הייסט דער ערשטער אַפּריל. נאָר מיין מאַמען האָט דאָס געקאָסט זעהר טייער, — די מאַמע איז קראַנק געוואָרען, און מיך מיט מיין ברודער'ל האָט מען דערנאָך אַ חודש נאָכאַנאַנד אָפּגעשפּראָכען פֿון שרעק.

מיך פֿלעגט מען אויך פֿריהער אָפּשפּרעכען גאַנץ אָפֿט ווי פֿון עין הרע'ס, אַזוי אויך פֿון שרעק. ווי עס פֿלעגט מיר נאָר אַמאָל וועה טהון דער קאָפּ, פֿלעגט מיך די מאַמע באַלד אַוועקפֿיהרען צו הינדע יואל'ס, וועלכע איז געווען די ערשטע אָפּשפּרעכערין ביי אונז אין שטעדטעל. אַז זי האָט אָפּגעשפּראָכען, איז עס געווען ווי מיט די הענד אָפּגענומען. מיך פֿלעגט זי אָפּשפּרעכען כמעט אַלע וואָך. זי האָט אַ קליין בענקעלע, מיט אַ גרויסער באַנק. אויף דער גרויסער איז זי געזעסען און אויפ'ן קליינעם נעבען איהרע פֿיס פֿלעגט זי אַוועקזעצען איהר פּאַציענטקע. זי פֿלעגט שאָקלען מיט די ליפּען. קיין ווערטער האָט מען ניט געהערט. איך האָב אין איהרע קענטעניש וועניג געגלויבט. איך פֿלעג קלערען, אַז זי קאָן גאָר ניט, דערפֿאַר קלאַפּט זי נאָר מיט די ליפּען און רעדט ניט אויס קיין ווערטער.

אַ לאַנגע צייט האָב איך אַזוי געטראַכט פֿון איהר, ביז וואַנען איך האָב געפֿונען ביי דער באָבען אין אַ תחינה אַ שפּרוך פֿון אַנ'עין הרע. דעמאָלט האָב איך געזעהן, אַז איך האָב געזינדיגט

אַנטקעגען הינדע דער שפּרעכערין, ווייל איך האָב געזעהן, אַז עס איז טאַקע דאָ אַ שפּרוך פון אַנ׳עין־הרע. נאָר מסתמא, האָב האָב איך מיר געזאָגט, דאַרף מען שפּרעכען שטילערהייד. פון דער באָבע׳ס תּחינה האָב איך זיך גלייך אויסגעלערנט דעם שפּרוך, און אַזוי ווי עס פלעגט מיר אָנהויבען וועה טהון דער קאָפּ, פלעג איך באַלד אָנהויבען זיך צו שפּרעכען מיט אַזאַ מין גלויבען, אַז דאָס איז אַ היילונג, אַז מיר פלעגט טאַקע דערפון באַלד גרינגער ווערען.

אין יענעם זומער, ווען עס איז איבערגעשראָקען געוואָרען די מאַמע, בין איך געווען זעהר שוואַך פון די היצען. מיין פּנים איז מיר געווען געל ווי וואַקס, אַלע האָבען געזאָגט, אַז דאָס איז נאָר פון שרעק, דערפאַר בין איך אַזוי געל. פּאַסיע־ריי־זעל, אונזער שכנה, האָט געזאָגט דער מאַמען, אויב זי וויל איך זאָל זיין געזונד, זאָל זי מיך שיקען קיין קאַלאַצי צו שומלען דעם שפּרעכער. אַז ער שפּרעכט אָב, האָט זי געזאָגט, נעהמט דאָס צו אַזוי ווי מיט׳ן האַנד. איך האָב זיך דערוויייל דערפרעהט, וואָס איך וועל פאָהרען קיין קאַלאַצי. עפּעס אַ קליינינגקייט פאָהרען איבער׳ן טייך אין אַ קליין שיפעל, וואָס גליטשט זיך אַזוי שען איבער׳ן וואַסער, און דערנאָך אָנקוקען קאַלאַצי אַליין.

קאַלאַצי איז געווען אַ קליין דערפעל ניט ווייט פון אונזער שטעדטעל. מען האָט אַהין אַנדערש ניט געקאָנט פאָהרען, סיידען איבערשיפען זיך איבער׳ן טייך. און דאָס האָבען שוין ניט אַלע געקאָנט, ווייל אַ סך האָבען גאָר מורא געהאַט צו פאָהרען אויפ׳ן שיפעל. מיר, קליינע קינדער, האָבען שטאַרק חשק געהאַט צו פאָהרען איבער׳ן טייך, נאָר די עלטערן פלעגען אונז ניט לאָזען. די יונגלעך פלעגען זיך אָבגנב׳ענען הברות־וויי ז און פלעגען זיך אַריבערשיפען קיין קאַלאַצי. וועמען האָבען יונגלעך? פאַר זיי איז גאָר נישטאָ קיין צו־שווערע זאַכען. אָבער מיר, אומגליקליכע מיידלעך, וואָס קאָנען מיר טהון? די מאַמע הייסט ניט פאָהרען, פאָהרט מען ניט.

דעריבער האָב איך זיך דערפרעהט, ווען די מאַמע האָט געזאָגט, אַז פאַרנאַכט וועל איך פאָהרען קיין קאַלאַצי זיך אָבשפּרעכען ביי שומלען. אַ גאַנצען טאָג האָב איך געלעבט מיט דעם פערגעניגען. איך האָב קוים דערלעבט די מינוט, מען זאָל שוין פאָהרען. פאַרנאַכט איז געקומען גאָלדע די קאַלאַציווער, וועלכע פלעגט ביי

אונז אַיינקױפֿען אין קראָם, און מיט איהר בין איך אַוועקגעפֿאָהרען. קיין אַנדערן וואָלט מיך מיין מאַמע ניט אָנגעטרויט. גאָלדע פֿלעגט פֿאָהרען אַלע טאָג צו אונז אין שטעדטעל אַיינקױפֿען סחורה פֿאַר זיך אין קראָם, וועלכע זי האָט געהאַלטען אין קאַלאַצי. קיין קאַפּיטאַל אויף אָנצוגרייטען סחורה אויף עטליכע טעג האָט זי ניט געהאַט, דעריבער פֿלעגט זי מוזען קומען אַלע טאָג. גאָלדע האָט זיך שוין געהאַט איהר איינען שיפֿעל, און אַליין האָט זי זעהר גוט געקאָנט פֿאָהרען. עס פֿלעגט אינגאַנצען געדויערן פֿינף מינוט, איז זי שוין געוועזען אויף יענער זייט טייך, האָב איך אַ ביסעל אָנגעהויבען מורא צו האָבען. עפּעס דאָס וואַסער איז געוועזען אַזוי שוואַרץ, ווי די וואָלקענס אויפ'ן הימעל, און מיך האָט געשראָקען דער געדאַנק אַריינצופֿאַלען אין דעם שוואַרצען אָבגרונד פֿון וואַסער. אָבער באַלד האָב איך זיך בערוהיגט. איך האָב אַ קוק געטהון אויף גאָלדעס גרויסע גראָבע פֿיגור און אויף איהרע גראָבע שוואַרצע הענד, ווי אַזוי פֿלינק און גיך זי מאַכט מיט דער וועסלע, האָב איך אַליין פֿון זיך געלאַכט, וואָס איך שרעק זיך. איך האָב פֿערשטאַנען, אַז איך פֿאָהר מיט גאָלדע'ן, איז עס, ווי איך געה איבער אַנ'אייזענער בריק.

גאָלדע האָט מיך געבראַכט קיין קאַלאַצי, ווען עס איז שוין געוועזען רעכט פֿינסטער. זי האָט מיך פֿערפֿיהרט צו שמעון דעם חסיד אין שטוב. דאָרטען האָט זי איבערגעגעבען שמעונ'ס ווייב, צוליעב וואָס איך בין געקומען, און אַליין איז זי אַוועקגעגאַנגען. פֿרומע־גיטע, שמעון דעם חסיד'ס ווייב, איז אַליין געוועזען טאַקי פֿון אונזער שטעדטעל. איהר טאַטע האָט זיך געהאַלטען פֿאַר אַ ווייטען קרוב פֿון אונזער פֿאַמיליע, דערפֿאַר האָט זי מיך צוגענומען פֿאַר אַ גוטען גאַסט און גאָר טאַקע ווי אַ נאָהענטע קרובה. זי האָט אויסגעזאָדען דעם ליאַק און האָט מיר געמאַכט אַ זיסע גלאָז טהיי. וועלכע איך האָב געטרונקען מיט חלה, וואָס איז געבליבען פֿון שבת. זי האָט מיך אויסגעפֿרעגט, וואָס מיר טהוט וועה, וואָס מאַכט די מאַמע, וואָס הערט זיך אין שטעדטעל. אַז איך האָב איהר אַלצדינג אויסדערצעהלט און זיך אויסגערוהט, זענען מיר אַוועקגעגאַנגען צו שומלען דעם שפּרעכער.

שומלע איז געוועזען איינער פֿון די רייכסטע גוים אין קאַלאַצי. דערצו איז ער נאָך געוועזען אַ שענער בעל־הבית אויך, דאָס הייסט, ער האָט געפֿיהרט אַ פֿיינעם שטאַט. דערהויפּט האָט ער געהאַט

אַ שם מיט דעם, וואָס ער טרינקט ניט קיין בראָנפען. מען פלעגט זאָגען, אַז דערפון האָט זיך גענומען זיין גאַנץ רייכקייט. מיט זיין שפּרעכען האָט ער אויך געהאַט אַ שם, נאָר קיין גרויס געלד פלעגט ער דערפאַר ניט נעהמען. ס'ווייזט אויס, אַז ער האָט זיך בעגנוגענט מיט'ן כבוד אַליין, וואָס ער האָט פון דעם. די מאַמען האָט ער גוט געקענט, ווייל ער פלעגט איהר אָפט געבען צו לייזען, דעריבער האָט זי איהם ניט געשיקט קיין געלד, נאָר אַ פונט צוקער מיט אַ לויט טהיי, דאָס הייסט, אַ מין מתנה.

ווי איך בין אַריינגעגאַנגען צו איהם אין שטוב, האָב איך זיך אַזוי דערשראָקען, אַז איך האָב זיך ניט געקאָנט ריהרען פון דעם אָרט, ווייל אַזאַ מין שטוב האָב איך געזעהן דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבען. איך פלעג קיינמאָל ניט געהן צו די גוים. איך האָב דערזעהן אַ פולע שטוב מיט מענשען: שקצים, שיקסעס, גוים און גוי'עס. אַלע הויך און געזונד, מיט רויטע פּנים'ער, און אַלע זענען פערטהון ביי אַרבייט: די שיקסעס מיט די גוי'עס וועבען און שפינען, און די שקצים פלעכטען לאַפּצעס. דער אַלטער שומלע אַליין זיצט אויף דער ערד, האַקט קינעלעך און צינדט זיי אַלע ווייַלע אָן. דער אייזען הייצט זיך, און אַן'אַלטע גוי'ען שאַרט אַרויס קאַרטאָפּליעס פון דעם אייזען. זי האָט אָנגעשאַרט אַ גרויסען עמער מיט קאַרטאָפּליעס, און די גאַנצע משפחה האָט זיך געזעצט עסען וועטשערע. נעבען טיש האָט מען אַוועקגעשטעלט די קאַרטאָפּליעס מיט אַ גרויסען קרוג קאַלטען ראָסעל פון אוגערקעס. אויפ'ן טיש האָט מען אַוועקגעלעגט צוויי גרויסע לעבלעך ברויט. און אָט דאָס אַלצדינג האָבען די עטליכע מענשען אין איינע פינף מינוט אויפגעגעסען. נאָכ'ן עסען האָט מען זיך גלייך צוריק געזעצט צו דער אַרבייט, און ניט פערטרויערט, פערקלעמט, נאָר פרעהליך, מיט געזאַנג. זיי האָבען געזונגען אַלע אינאיינעם. און עס איז אויסגעקומען אַ שענער האָר פון אַלערליי קולות. נאָר שומלע האָט זיך אַוועקגעזעצט אין אַ ווינקעלע מיט מיר און האָט שטילערהייד מיר געשפּראָכען. פרומע־גיטע האָט זיך דערווייל פערבראַכט מיט דער אַלטער גויע, וועלכע האָט איצט געשפּאָלטען קינעלעך און געצונדען. איך האָב געקוקט אויף דעם מין לעבען און האָב געטראַכט, דאָס אומזיסט האָב איך געמיינט, אַז די גוים לעבען שלעכט, ווייל זיי האָרעווען שטענדיג, וואוינען אין קליינינקע פעררויכערטע שטיבעלעך און עסען פּראָסטע אַכילות. איך פלעג

שטענדיג קלערען, אז די אומגליקליכסטע מענשען אויף דער וועלט זענען די פראסטע גוים. נאר איצט, זיצענדיג ביי שומלען אין שטוב, האב איך געזעהן, אז איך האב געהאט א גרויסען טעות. פאר מיינע אויגען שטעהען מיר נאך איצט דאס שטיבעלע מיט די ברענענדיגע קינעלעך און געזונדע פרעהליכע פנימ'ער פון מענשען, וועלכע זיצען און ארבייטען מיט אזא פרעהליך געזאנג.

שומלע האט מיך אבגעשפראכען און האט מיר נאך געגעבען א פלעשעל געל וואסער אויף צו טרינקען. איך האב דאס אלצדינג צוגענומען אינאיינעם מיט'ן דאנק פאר דער מאמעס פרעזענט און בין אוועקגעגאנגען מיט פרומע־גיטלען און האב די נאכט זעהר גוט געשלאפען. גאנץ פריה פאר־טאג איז שוין געקומען גאלדע מיך אויפוועקען צו פאהרען אהיים. איך האב זיך אין דער גיך אנגעטהון, זיך געזעגענט מיט פרומע־גיטלען און מיט איהרע טעכטער און בין אוועקגעגאנגען מיט גאלדען צו'ם ברעג.

אט דא האב איך ערשט דערזעהן קאלאצי, יענעם שענעם טייערן קאלאצי, וועלכען איך האב אלע מיינע יאהרען געגארט צו זעהן. אין שטעדטיל זעהט אויס דאס דערפעל גאר א קליינינקער און ליעגט ווייט, ווייט הינטער די סטויגען. שטענדיג האט זיך מיר געוואלט וויסען, וואס איז דארטען אויף יענער זייט טייך. איך פלעג זיך אפט פערקלערען, וואו אלע דערפער און שטעדט געפינען זיך. אין איין שורה גלייך מיט'ן שאסיי פלעג איך זיי מיר אלע פארשטעלען, און וואס א גרעסערע שטאדט — איז אלץ ווייטער פון אונזער שטעדטיל. אט ציהט זיך אין איין זייט: סעליץ, מינסק, דערנאך געהט די גרויסע שטאדט נעבען שווארצען ים, וואו די באבע וואוינט, דערנאך איז פעטערבורג, וואו דער קייסער געפינט זיך, און ווייטער איז שוין פאריז מיט אמעריקע.

גוט, דאס איז אלץ אין איין זייט, אבער וואס עס איז אין דער אנדערער? וואס איז נאך קאלאצי, פלעג איך מיר ברעכען דעם קאפ, און אז איך פלעג זיך ווייט פערקוקען אויף יענער זייט טייך, האט זיך מיר געדאכט, דאס הינטער קאלאצי ענדיגט זיך שוין די וועלט. ניט אומזיסט לאזט זיך דארטען דער הימעל אראב אזוי נידעריג.

נאר איצט, ווען איך בין שוין דא, וואלט איך געוואלט מיט אנ'אמת וויסען, צי דא איז טאקע דער סוף פון דער וועלט. ווען איך האב ניט מורא פאר גאלדען, וואלט איך דאכט זיך גענלאפ־

פען ווייט צו יענעם אָרט, וואו מען קאָן דעם הימעל מיט'ן האָגר דערלאַנגען. גאָלדע אָבער איילט, און איך מוז זיך מיט איהר אַריינזעצען אין שיפעל, נאָר דאָך קוק איך ווייטער אַרויף.

די זון האָט אָנגעהויבען אויפגעהן. אַזוי ווי שטענדיג פון פריהמאָרגען ליעגט זי איצט בעהאַלטען אונטער די שייערען און פלוצלונג, ווי אַ ברענענדיג אויג, בעווייזט זי זיך איבער די שטרויענע דעכער. אָט דאַכט זיך, ווען ניט די אומגעלומפּערטע גרויסע געביידען, וואָלט מען געזעהן פון וואַנען זי קומט אָן.

לסוף זענען מיינע אויגען מיעד געוואָרען קוקענדיג אין דער הויך און איך האָב זיי אַראָבגעלאָזען צום וואַסער, ערשט דאָרטען — אויך דאָס אייגענע: ווי פון אַ שפּיגעל קוקט אַרויס דער בלאָהער הימעל מיט די שייערען, וועלכע פערשטעלען די זון, און דאָס וואַסער איז ווי פערגליווערט, קוים וואָס מען הערט דעם קלאַפּ פון דער וועסלע. נאָר אָט האָט מיר געגעבען עפּעס אַ בּרען ביי'ם שטערען און דאָס וואַסער האָט אָנגעהויבען צו שימערען מיט אַלערליי קאָליערען. אין בלאָהע, רויטע און גאָלדענע פאַרבען האָט זיך דער טייך געמינעט. אַרויף קאָן מען שוין גיט קוקען, די זון האָט זיך שוין אַרויסגעוויזען פון איהר בעהעלטעניש.

איך האָב זיך אומגעקוקט אין דער אַנדערער זייט, ערשט אָט איז שוין דער ברעג. ניט ווילענדיג האָב איך זיך אויפגעהויבען פון שיפעל, און אַוועק אַ פערטראַכטע אַהיים.

ווען מיין ברודער'ל איז געקומען פון חדר עסען וואַרמעס, האָב איך איהם שטילערהייד אַרויסגערופען אין גאָרטען און נייגעריג געפרעגט:

— דו ווייסט פון וואַנען די זון געהט אויף?

— יאָ, איך ווייס, — האָט ער געענטפערט ערנסט.

— נו, פון וואַנען?

— אַ, דו ווילסט, איך זאָל דיר טאַקע זאָגען? אַ מיידעל טאָר ניט וויסען פון אַזעלכע זאַכען.

— נהמניקע, טייערינקער, זאָג. איך וועל פאַר קיינעם ניט דערצעהלען — האָב איך זיך געבעטען.

ער האָט אַביסעל אַ טראַכט געטהון און געזאָגט שטילערהייד:

— נו, דו ווילסט וויסען פון וואַנען די זוהן געהט אויף? פון אַ פענסטער געהט זי אויף.

— פֿון אַ פֿענסטער?

— אַוודאי פֿון אַ פֿענסטער. אין עק וועלט צווישען הימעל און ערד איז פֿאַראַן אַ פֿענסטער, — איז אַט פֿון דאָרטען געהט אַלע פֿריהמאָרגען אויף די זון.

— וואוהין זשע פֿערגעהט זי?

— אויך אין דעם איינענעם פֿענסטער. פֿערשטעהסטו: די וועלט דרעהט זיך אַלע מעת־לעת. דאָס אייגענע פֿענסטער, וואָס איז אין דערפֿריה אויף מזרח, קומט פֿאַר־נאַכט קיין מערב.

— פֿון וואַנען ווייסטו דאָס אַלץ? — האָב איך איהם געפֿרעגט ערשטוינט.

— וואָס הייסט פֿון וואַנען? איך האָב געלייענט אין אַ ספֿר. דאָרטען שטעהט געשריבען, אַז הורך אַגיאָרימאַן האָט מען זיך דאָס דערוואוסט. אַ בעטלער איז אַזוי לאַנג געגאַנגען איבער דער וועלט, ביז ער איז געקומען אין עק הימעל, ערשט דאָרטען איז אַ פֿענסטער. נעהמט ער און לעגט אַוועק זיין טאָרבע מיט די ברויט דאָרטען. אין אַ ווײַלע אַרום, ער גיט זיך אַ כאַפּ, ערשט עס איז נעלם געוואָרען דאָס פֿענסטער. ער האָט נעבעך אָנגעהויבען ביטער צו וויינען, און טאַקע, וואָס טהוט מען אין עק וועלט אָהן ברויט? פּלוצלונג ענטפֿערט איהם אַ בת־קול פֿון הימעל, אַז מאָרגען אין דער צײַט, וועט צוריק־קומען אַהער דאָס פֿענסטער, ווײַל די וועלט דרעהט זיך. איז אַט פֿון דעמאָלט אָן, ווייס מען דאָס.

איך בין בײַ זיך שטאַרק אַראָבגעפֿאַלען געוואָרען געגען מײַן ברודער׳ל מיט מײַן פּראָסטקײַט. גליקליכע מענשען די יונגלעך — האָב איך געטראַכט: — פֿון אַלצדינג ווייסען זיי. אַ דערשלאָגענע האָב איך זיך קוים אין קאַמער אַוועקגערוקט און דאָרטען אָבגעוויינט אַ גאַנצע שעה נאָכאַנאַנד, אַליין ניט ווייסענדיג פֿאַרוואָס. די מאַמע האָט זיך פֿאַלד דערשראָקען, נאָר באַסיע־רייזעל האָט זי בערוהיגט, אַז דאָס איז צו גוטען, אַ סימן, דאָס דער שפּראָך האָט געהאָלפֿען. און אַזוי איז טאַקע געווען. איך מיט מײַן ברודער׳ל האָבען אויסגעטרונקען דאָס געלע וואַסער, וואָס שומלע האָט גע־געבען, און מיר זענען בײדע געזונד געוואָרען.

איך און מײַן ברודער׳ל האָבען שוין כמעט פֿערגעסען אָן די שרעק פֿון דעם ערשטען אַפּריל, נאָר די מאַמע איז וואָס ווײַטער אַלץ שוואַכער געוואָרען. דערצו האָט זי זיך נאָך אַביסעל צו־געקיהלט, פֿאָהרענדיג פֿון סעליץ, און האָט אָנגעהויבען שטאַרק

צו הוסטען. בּיסלעכווייז האָט זי אויך אָנגעוואָרען דעם אַפּעטיט פון עסען. אַז זי פלעגט פאָהרען נאָך סחורה קיין סעליץ, פלעגען איהר גוטע פריינד זאָגען, זי זאָל אַריינגעהן צו אַ דאָקטאָר. נאָר זי פלעגט אַלץ אָבּענטפערן, אַז זי האָט קיין צייט ניט זיך אָבּצוגעבּען מיט זיך, אַבּי די קינדער זענען דאַנקען גאָט געזונד. דאָס איז שוין געווען געגנוג פאַר איהרעטוועגען.

אַזוי זענען זיך אַריבּער עטליכע וואָכען, און די מאַמע איז וואָס ווייטער אַלץ קראַנקער געוואָרען. עס האָט שוין געהאַלטען אַזוי ווייט, אַז ערב-ראש-השנה האָט זי געמוזט אַוועקפאָהרען צו'ם דאָקטאָר קיין סעליץ. אַלע דאָקטוירים האָבּען ערקלערט, אַז די קראַנקהייט הייסט אַ קאַטאַר אויף די לונגען און אַז דאָס איז אַ קרענק אויף לאַנגע יאָהרען. זיי האָבּען אויך געזאָגט, אַז צו אַזאַ קרענק דאַרף מען נאָר האָבּען אַ רייכען בּייטעל מיט אַ פּאָר געזונדע מענשען, וועלכע זאָלען אַרומגעהן אַרום דער קראַנקער.

די מאַמע איז געזעסען אין סעליץ, אַרומגעשטעלט מיט פלעשלעך, מיט פושקעלעך און רעצעפּטען פון אַלערליי דאָקטוירים. אַלע טאָג איז געקומען אַנ'אַנדערער און האָט פערשריבּען אַנ'אַנדער פלעשעל. דאָ איז געקומען איין דאָקטאָר און האָט געגעבּען אויף איינצוהאַלטען דעם הוסט, האָט די אומגליקליכע בּעקומען אָבּער אַזאַ זאַדישקע, איז זי איז שיער נישט דערשטיקט געוואָרען. האָט מען געשיקט נאָך אַ צווייטען דאָקטאָר, האָט ער געגעבּען אַ רעצעפּט אויף צו הוסטען, כדי עס זאָל איהר זיין גרינגער צו עטעמען. האָט זי אָבּער אַזוי אָנגעהויבּען צו הוסטען, אַז זי האָט זיך אויפגעריסען די זייטען, און עס האָט איהר אָנגעהויבּען שטעכען. שיקט מען נאָך אַ דריטען דאָקטאָר, קומט דער דריטער און שטעלט זי אַרום מיט בּאַנקעס, מיט שפּאַנישע פליגען און מאַכט איהר דעם גאַנצען קערפּער אין וואונדען. שרייט זי גוואַלד, אַז די דאָקטוירים האָבּען זי דער'הרג'עט, איהר איז פריהער גאָר ניט געווען אַזוי שלעכט. בּלייבּט צו מאַכען אַ קאָנסיליום, און מען רופט אַלע דריי דאָקטוירים אינאיינעם. דאָ בּעשליסען זיי אַלע דריי, אַז אַלע זייערע פלעשלעך און פושקעלעך טויגען אויף גאָרניט. זי דאַרף ניט קיין

רעצעפטען, זי דארף נאר גוטע לופט, גוטע שפייז, זיין רוהיג און ניט טראכטען פון קיין זאך, נאר אלע טאג מוז איינער פון די דאק־טוירים קומען געוואהר ווערען. אזוי בלייבט דאס.

די מאמע זעהט, אז איהר קראנקהייט וועט זיך פערציהען, וויל זי ניט בלייבען אליין אין דער־פרעמד. זי שרייבט אן א טרויע־ריגען בריעף צו איהר אלטער מאמען, אז איהר טאכטער דארף צו אכט־און־דרייסיג יאהר האבען צו זיך א ניאנקע, און ביי אזא זאך, שרייבט זי, ווער איז בילכער ווי די מאמע?

דערווייל געפינט זיך די מאמע אין דער־פרעמד, האטש אין גוטע הענד, און די גוטע הענד הייסט — די טייערע, פרומע און גוטע אסתר־מושע, דער מאמעס אנ'אמאליגע חבר'טע, וועלכע האט ניט געהאט קיין קינדער און וועלכע פלעגט דערפאר שטענדיג זוכען מצוות צו פערדיענען. איך בין געווען אין דערהיים און האב פון קיין זאך ניט געוואוסט. איך האב געהאט פון דער מאמען בריעף, נאר זי האט מיר ניט געשריבען דעם אמת, ווי אזוי געפעהרליך זי איז. זי האט מיר נאר געשריבען, אז זי קארגט ניט מיט קיין געלד; זי קורירט זיך ביי די גרעסטע דאקטוירים; זיי קומען צו איהר דריי מאל א טאג און אמאל ביי־נאכט אויך. איך האב ניט פערשטאנען, וואס עס בעטייטען די אפטע וויזיטען. איך האב נאר געטראכט, אז עס איז זעהר גוט, וואס זיי קומען אפט, ווארום איך האב שטארק געגלויבט אין די דאקטוירים און האב געקלערט, אז וואס זיי וועלען געהן מעהר, וועט דאך אלץ זיין א גרעסערער נוצען.

איך האב דעמאלט געקוקט אויף דאקטוירים ווי אויף בע־זונדערע, עפעס העכערע מענשען, דעריבער האב איך זיך ניט שטארק געשראקען פאר מיין מאמעס קראנקהייט, איך האב פעסט געגלויבט, אז די דאקטוירים וועלען זי באלד אויסהיילען: זיי זענען דאך אלע שלוחים פון גאט. ווען דורך יעדערען וועט גאט שיקען א שטיקעלע רפואה, וועט דאך שוין די מאמע געזונד ווערען. אנדערש קאן גאר ניט זיין. איך האב נאר געבעטען גאט, אז דאס זאל זיין וואס גיכער, וויל אי גאט, אי לייט זעהען ווי אזוי איך מאטער זיך אליין אהן דער מאמען. איך ווייס ניט וואס פריהער צו טהון, איך בין אינגאנצען צוועלף יאהר אלט און איך דארף זיין א קרעמערין און א בעל־הבית'טע אין שטוב אויך. נאר מסתמא איז דאך מיר שוין בעשערט אזוי.

איך האף אבער, אז אויף סוכות וועט שוין די מאמע קומען

געזונטערהייד אַהיים, און דעמאָלט וועלען מיר שוין אַלצדינג דער=צעהלען אין פריידען. דערווייל האָב איך געמאַכט אַ שענעם יום=טוב ווי אַלע מאָל, ווייל די מאַמע האָט מיר געשריבען, איך זאָל דעם יום=טוב ניט פערשטערען. ראש=השנה בין איך געגאַנגען אין שוהל שופר הערען. איך בין צוגעגאַנגען אין מזרח=וואַנד צו דער מאַמעס שטאָדט, נאָר ווי איך האָב דערזעהן אַ פרעמדע יודענע אויף איהר אָרט, האָט עס מיר אַ שטאָך געטהון אין האַרצען: וואָס הייסט, אויף מיין מאַמעס אָרט זיצט אַ פרעמדע? די פרעמדע האָט מיך אַנידערגעזעצט אויף איהר אָרט, נאָר אַז זי האָט אויף מיר אַ קוק געטהון מיט אַ רחמנות=פנים און האָט מיר געזאָגט: בעט גאָט, מיין קינד, דיין מאַמע זאָל געזונד זיין! האָבען מיר איהרע ווערטער געגעבען אַ קלאַפ אין קאָפ ווי מיט אַ האַמער. איך בין געוואָרען שטאַרק בייז אויף די יודענע פאַר איהר רחמנות'דיגען קוק און אויך דערפאַר, וואָס זי האָט מיר געהייסען בעטען גאָט פאַר דער מאַמעס געזונד. וואָס האָט זי מיר צו זאָגען? אַליין ווייס איך דען ניט, אַז מען דאַרף בעטען גאָט? איך האָב זיך אומגעקוקט: ערשט איך זעה אַלע ווייבער קוקען אויף מיר מיט אַזאַ רחמנות'דיגען קוק, ווי די יודענע. איך בין געוואָרען בייז אויף אַלע ווייבער און האָב געהיט זיך מעהר ניט צו קוקען אין די אויגען קיינעם. איך האָב זיך געזעצט ליינען אַ תחינה מיט גרויס כונה.

ביידע טעג ראש=השנה האָב איך זעהר ערנסט געדאַווענט, און נאָך ראש=השנה האָב איך געפאַסט אַ טאָג. דאָס איז אַלץ געטהון געוואָרען גאָט צוליעב, ער זאָל שיקען דער מאַמען אַ רפואה. ערב יום=כפור האָבען מיר די בעלי=עגלות געבראַכט פון דער מאַמען אַ בריעף, זעהר ניט קיין פרעהליכען. די מאַמע האָט געשריבען, אַז זי איז נאָך אַלץ קראַנק ווי געווען. זי ליידט שרעקליכע וועהטאָגען. די דאָקטוירים האָבען איהר נאָך דערווייל גאָר ניט געהאָלפען. זיי גיבען איהר אַלץ האָפנונגען אויף ווייטער. דערווייל איז ניט גוט, נאָר דערצו שרייבט זי: קינדערלעך, שרעקט זיך ניט! גאָט וועט העלפען! און דו, מיין טאָכטער, שרייבט זי, היט אָב די שטוב און זיי אַ מענש אין קראָם. זאָלסט זיך ניט פערגעסען, אַז אויף דיר האָב איך איבערגעלאָזט אַלצדינג.

איבערלייענענדיג דעם בריעף, האָב איך זיך מיט מיין ברודערל גוט אויסגעוויינט, און מיר האָבען בעשלאָסען חול=המועד ביידע פאָהרען געוואָהר ווערען צו דער מאַמען. דערמיט האָב איך זיך אַביסעל

בערוהיגט ביז פארנאכט. דאן האָב איך זיך געשטעלט בענטשען ליכט, און אין קאַמער האָט געבענשט ליכט באַסיע=רײזעל מיט אַ גרויס געוויין. פריהער האָט זי אויסגעבעטען ביי גאָט אַלצדינג פאַר זיך און פאַר איהר מאַן מיט די קינדער. דערנאָך האָט זי גענומען בעטען גאָט פאַר מײַן מאַמען. אָט דאָ האָב איך זיך דערוואוסט דעם גאַנצען אמת, ווי אַזוי געפעהרליך די מאַמע איז. באַסיע=רײזעל האָט גערעדט וועגען דער מאַמעס לאַגע. זי האָט מיך מיט מײַן ברודער׳ל דערמאָהנט אויפ׳ן סוף און האָט געבעטען גאָט, מיר זאָלען ניט בלײַבען קיין אמת׳ע יתומים. איך האָב זיך שטילערהייד אַלצדינג אויסגעהערט, און דערהערענדיג מײַן נאָמען: אמת׳ע יתומה— בין איך אַרײַנגעלאָפען צו איהר מיט אַ געוויין, זי זאָל מיר זאָגען, צי די מאַמע לעבט נאָך. זי האָט באַלד פערשטאַנען, אַז איך האָב זיך אונטערגעהערט און איך ווייס שוין אַלץ. דאָך האָט זי מיך בערוהיגט, וויפיעל זי האָט געקאָנט, און איז אַוועקגעגאַנגען אין שוהל. איך האָב זיך געשטעלט דאַווענען מעריב ניט מיט אַ געוויין, נאָר מיט אַ געשריי. איך האָב ניט בעמערקט, ווי אַרום די פענסטער זענען געשטאַנען שיקסעס און האָבען פון מיר געלאַכט, ווי איך מאַך זיך משוגע. זיי האָבען מיר דערנאָך דערצעהלט, אַז איך האָב זיך געקײַקעלט אויף דער ערד, האָב פון זיך געריסען די האָר פון קאָפּ. איך האָב אויף זיך אַ פאַרטוך צעריסען, פערגעסענדיג, אַז עס איז יום=כפור. פאַר אַזאַ עברה האָב איך דערנאָך אַ טאָג געפאַסט, און האָב נאָך אַלץ געקלערט, אַז גאָט האָט מיר ניט מוחל געווען. איך האָב זיך גוט אָנגעשריען, ביז וואַנען מען איז אַרויס פון די שוהלען. דאַן האָט מען מיך ניט געלאָזט שרײַען, ווײַל נעבען מיר זענען שוין געזעסען עטליכע צעהנדליג מענשען, וועלכע האָבען מיך געטרייסט און געזאָגט, אַז איך זאָל ניט קוקען, וואָס די נאַרישע באַסיע=רײזעל באָלבעט, און זאָל בעסער הערען, וואָס האַצקעל דער לאַנגער דערצעהלט. האַצקעל האָט זי אַליין געזעהן און האָט געהערט, אַז דער דאָקטאָר האָט געזאָגט, דאָס אין אַ חודש אַרום וועט זי שוין זײַן געזונד. דעם דאָקטאָר׳ס רייד, וואָס האַצקעל האָט געהערט, האָבען מיך בערוהיגט און איך האָב אויפגעהערט צו וויינען. מײַן ברודער׳ל, וועלכער האָט זיך אויך גענוג אָנגעוויינט, איז אַנטשלאָפען געוואָרען. די ווײַבער האָבען זיך אָנגעהויבען שטילערהייד פונאַנדערצוגעהן. בלויז באַסיע=רײזעל אַליין איז געבליבען דרעמלען נעבען מיר אויפ׳ן

בענקעל. די ליכט אין די לײַכטער האָבען אויסגעברענט, נאָר איין גרויס װעקסען ליכט, װאָס איז געשטאַנען אין אַ קװאָרט מיט זאַמד, האָט געברענט. אויף דער װאַנד האָבען זיך אויסגעצויגען פיער שאָטענס פון די לײַכטער און אויף זיי איז געװען מוראדיג צו קוקען. מוראדיגער האָט אויסגעזעהן אונזער שפּיגעל, װאָס איז געהאַנגען אויף דער װאַנד און איז געװען צוברָאכען אין שטיקער. אין יעדען שטיק שפּיגעל האָב איך געזעהן אַנדערע בילדער. עפּעס אין איין שטיק שפּיגעל האָב איך, דאַכט זיך, דערזעהן די מאַמען אָנגעטהון אין װײַסען. איך האָב זיך שטאַרק דערשראָקען, האָב אויף גיך זיך איבערגעדעקט איבער'ן קאָפּ און גענומען לייענען קריאַת־שמע, נאָר לייענענדיג בין איך אַנטשלאָפען געװאָרען מיט אַ זיסען שלאָף פון אַ צװעלף־יעהריגען קינד.

אויף מאָרגען האָב איך זיך אויפגעהאַפּט שפּעט. אַלע זענען שוין געװען אין שוהל, מײַן ברודערל אויך. איך בין אויף גיך אויפגעשטאַנען און האָב באַלד גענומען דאַװנען, נאָר שוין אַ סך רוהיגער װי נעכטען. איך האָב אָבגעדאַװענט, האָב איך זיך גענומען טראַכטען, װאָס עס איז מיט מיר, און נאָך אַ פּאָר שעה קלערעניש האָב איך זיך בערעכענט, אַז עס איז טאַקי אַ נאַרישקײַט, װאָס איך האָב נעכטען אַזוי געװיינט, דאָס עס טהוט מיר נאָך איצט װעה דער קאָפּ. קאָן דען זײַן, טראַכט איך מיר, אַז די מאַמע זאָל ניט װערען געזונד? זי איז דאָך נאָך אַזאַ יונגע און װאָס האָט זי דען געזינדיגט ענטקעגען גאָט? זי איז דאָך אַזאַ פרומע. אָ, ניין, דאָס קאָן ניט זײַן! מיר װעלען אויסבעטען בײַ גאָט, — װער איך פעסט בײַ זיך, — זי זאָל זײַן געזונד. בײַ אונז איז דאָ, װער עס זאָל בעטען: די באָבע אַליין מיט אירע תּפלות שפּאַלט אַלע זיעבען הימלען; הײַנט איך, מײַן ברודערל, די מוהמע זלאַטע, די מוהמע ביילע, די מוהמע טויבע, באַסיע־רייזעל, הײַנט פרעמדע — דאָס גאַנצע שטעדטעל בעט דאָך גאָט פאַר די מאַמען. אַ חוץ דעם, האָבען מיר אויף יענער װעלט גוטע מליצים, װאָס װעלען בעטען: דער טאַטע אַליין, װעלכער איז געװען אַ גרויסער צדיק, װעט דאָך געװיס בעטען, און זײַן געבעט װעט מען דאָך אַודאי צוהערען. הײַנט די זיידעס און באָבעס, װאו װעלען זיי זײַן? אַלע אינאיינעם, די טויטע מיט די לעבעדיגע, װעלען מיר אויסבעטען, די מאַמע זאָל זײַן געזונד.

אויף סוכּות איז מיר געקומען פון דער מאַמען אַ בריעף,

אַז איהר איז בעסער, און מיר זאָלען ניט קומען חול-המועד, ווײַל מען דאַרף ניט איבערלאָזען אַלײן די קראַם. איך האָב זיך שטאַרק דערפרעהט מיט דער בשורה, וואָס איהר איז שוין בעסער, און האָב דערווײַל אַ טראַכט געטהון: מיר האָבען טאַקי אויסגעבעטען בײַ גאָט. אַ דאַנק דיר פאַר דײַן חסד!...

נאָך סוכות האָב איך געדאַרפט פאָהרען נאָך סחורה קײַן סעליץ און טאַקי זיך שוין זעהן מיט דער מאַמען. מיט מיר איז מיטגעפאָהרען דער מאַמע'ס יונגסטע שוועסטער, וועלכע האָט געוואוינט אין אַ דאָרף.

פאָהרען נאָך סוכות קײַן סעליץ איז געווען ניט פון די גרינגע זאַכען, ווײַל דאַן איז גראָד געווען די צײַט פון די גרויסע בלאָטעס. אַהין פאָהרען פון אונז אַלע וואָך דרײַ בעלי-עגלות: האַצקעל דער לאַנגער, איצע מאָטעל'ס און פײַוועקע מיט'ן ווײַסען פערד, אָדער דער שלים-מזל, ווי מען האָט איהם גערופען. אַזאַ נאָמען האָט ער געקראָגען דערפאַר, וואָס ער איז געווען אַ גרויסער אָרימאַן. ער האָט געהאַט אַ שטיבעלע אויף היהנערשע פיסלעך, וואָס איז געווען זײַן גאַנץ פערמעגען. דאָס ווײַסע פערד איז געווען ניט זײַנס, ווײַל ער איז פאַר איהם שולדיג געווען מעהר, ווי פיעל עס איז ווערט געווען. נאָר אין איין זאַך האָט איהם גאָט געבענשט מיט'ן פולען מויל — קינדער האָט ער איהם ניט געזשאַלעוועט. ער האָט, דאַכט מיר, געהאַט שוין דאָס דריטע ווײַב און אויך דרײַערלײַ קינדער, צוזאַמען, דאַכט מיר, אַ גאַנצען טוץ. מיט די קינדער האָט איהם שוין גאָט אָבגעגעבען אַלץ, ווײַל צו קײַן שום אַנדערע זאַכען האָט ער קײַן מזל ניט געהאַט. ער פלעגט, דאַכט זיך, פאָהרען קײַן סעליץ מיט די איבעריגע בעלי-עגלות צוגלײַך, נאָר אַלע פלעגען פערדינען, און ער ניט. עפּעס איידער ער פלעגט קומען צוריקצופאָהרען, פלעגט שוין ניט ווערען פון דעם געלד, וואָס ער פלעגט פערדינען. געוומען האָט זיך דאָס דערפון, וואָס ער איז געווען זעהר פויל. ער פלעגט אַוועקפאָהרען זונטאָג קײַן סעליץ, פלעגט ער זיך דאָרטען פערקלויבען בײַ בערע דעם חזן און דאָרט אָבזיצען די גאַנצע וואָך. פאַר אַזאַ צײַט פלעגען די איבעריגע בעלי-עגלות שוין פאָהרען דרײַ מאָל, און בײַ איהם פלעגט דערווײַל דאָס פערד אויפעסען דאָס ביסעל, וואָס ער האָט פערדינט, און דעם ווײַב מיט די קינדער בלײַבט גאָרניט. אומזיסט נעביך גרייט זי זיך און מאַכט

אַ שענעם שבת; זי לייהט, זי באָרגט און זאָגט אַלעמען צו, אַז מאָרגען וועט קומען דער מאַן, וועט זי שוין בעצאָהלען. און אַז דער מאַן קומט, דערצעהלט ער איהר ערשט, אַז מען דאַרף געהן באָרגען אַ פוד האָבער פאַר'ן פערד אויף שבת. אָט דאָס איז זיין פערדיענסט פון דער וואָך. אַלע פלעגען זיך וואונדערן, ווי אַזוי לעבט ער. נאָר זיין פערעל איז געווען אַ גרויסע בריה און האָט געהוסט, ווי גרינגער צו מאַכען און פערשענערן דאָס לעבען.

נישט קוקענדיג אויף דער גרויסער אָרימקייט, איז פייוועקע שטענדיג געווען פרעהליך. ער האָט אויסגעזעהן גליקליכער פון דעם גרעסטען גביר, וואָרום אונזער גרויסער גביר אהרן ראָכעס איז קיינמאָל נישט געווען אַזוי פרעהליך. אהרן ראָכעס פלעגט שטענדיג אומגעהן פערטראַכט, פערזאָרגט וועגען זיינע געשעפטען, אָבער פייוועקע האָט וועגען קיין זאַך נישט געזאָרגט, ער האָט שטענדיג געהאַט אַ צופריעדען פנים.

דער צווייטער בעל-עגלה איז געווען איצע מאָטעל'ס. דאָס איז שוין געווען גאָר אַנ'אַנדערער מין יוד, האָטש אויך אַ פרעהליכער, נאָר אַביסעל אַ בייזער און נישט קיין פוילער. אַלע פאַסאַזשירען האָבען געהאַט פאַר איהם דרך-ארץ, פונקט ווי פון פייוועקע'ן האָבען אַלע, פערקעהרט, חוזק געמאַכט. איצע האָט זיך מיט קיינעם נישט געצערעמאָניעט. ער האָט אַלעמען דעם אמת געזאָגט אין די אויגען, אפילו דעם גרעסטען. נאָך פרנסה האָט ער זיך נישט שטאַרק געיאָגט. כבוד איז ביי איהם געשטאַנען העכער פון געלד, דעריבער פלעגט ער זעהן צו פאָהרען מיט בכבודיגע מענשען, און אַז אַזוינע זענען נישט געווען, איז ער בעסער געזעסען אין דערהיים; בפרט נאָך, אַז קיין סך האָט ער טאַקי נישט געדאַרפט אויף צו לעבען. זיין ברודער פלעגט זאָגען, אַז איהם מיט זיין ראַשע'ן איז גענוג אויף אַ גאַנצע וואָך אַ טאָפ גערשטען מיט צוויי קעלבערנע פיסלעך.

דערפאַר דער דריטער בעל-עגלה איז שוין געווען אַ גביר און אַ אַריסטאָקראַט: דאָס איז געווען דער גראָטענער חיה ביילע'ס מאַן, האַצקעל דער לאַנגער. ער איז שוין ווייטער געווען אַנ'אַנדערער: נישט קיין פרעהליכער, נישט קיין בייזער, נאָר דערפאַר אַ שלעכטער און אַ גרויסער בעל גאוה. די גאוה, זאָגט מען, האָט זיך צו איהם גענומען, זינט ער האָט התונה געהאַט מיט חיה ביילע'ן.

אָט בײַ די דרײַ בעלי עגלות איז געווען דעמאָלט אין גלות דאָס גאַנצע שטעדטעל. דערהױפּט האָבען געליטען קרעמער, וועלכע האָבען געדאַרפט אָפט צו זײ אָנקומען. בעת מען פלעגט פאָהרען מיט זײ, פלעגט מען אױסגעריסען ווערען. זײ פלעגען אָנזעצען אַ פולע בױד מיט פּאַסאַזשירען, אַז מען פלעגט קױם עטהעמען. מען פלעגט צעבראָכען ווערען זיצענדיג. מען האָט ניט געפיהלט קײן פיס און קײן הענד. מען פלעגט אַוועקפאָהרען פון אונזער שטעדטעל פאַרנאַכט, איז מען געקומען צוועלף אַ זײגער בײַנאַכט קײן סורעצע און מען איז פערפאָהרען צו מאָטע׳ן אין דער גרױסער קרעטשמע אױף צו פּאַשען די פערד. דאָרטען האָט מען זיך געפיהלט װי אין דערהײם: מען האָט אױסגעשפּאַנט די פערד, מען האָט געשטעלט דעם סאַמאָוואַר, מען האָט אַרױסגעטראָגען אױפ׳ן טיש צװײ קרענץ בײגעל און מען האָט זיך אַלע אַרומגעזעצט וועטשערע עסען. די וועטשערע האָט געדױערט אַ דרײַ שעה, ווײַל דער עולם האָט נישט געשוויגען, מען האָט דערצעהלט מעשׂות פון גנבים, פון פערד, פון בעלי עגלות, פון רבנים, פון שוחטים, פון גוטע יודען, און יעדער האָט זיך געזאָגט זײַן ווײ׳ן. אַזױ האָט מען זיך צוגעבראַכט עטליכע שעה און דערנאָך איז מען ווײַטער געפאָהרען ביז אין דערפריה. אין דערפריה איז מען געקומען קײן קליװ. דאָס איז געווען אַ קרעטשמע אין מיטען פעלד, ניט ווײַט פון סעליץ. דאָ האָט מען געדאַווענט, געגעסען פריהשטיק, אַביסעל פערבראַכט מיט די בעלי בתים פון דער קרעטשמע, וועלכע עס זענען געווען אַ גאַנצע מאה, און דערנאָך האָט מען זיך ווײַטער צונױפגעשטיקט אין בױד און מען איז שױן געפאָהרען גלײַך ביז סעליץ. אַהין איז מען געקומען עלף אַ זײגער בײַטאָג. אַזױ פלעגט מען זעקס מײַל פאָהרען פערצעהן שעה, און אַז מען פלעגט פערפאָהרען אין סעליץ צו בערע דעם חזן, האָט מען שױן די פיס ניט געקאָנט אױסגלײַכען. בײַ בערען אָבער האָט מען זיך שױן אױסגערוהט אױף אַלע זײַטען, און בערע דער חזן מיט זײַן משפּחה זענען געווען אַזױנע טײַערע מענשען, אַז זײ האָבען קײן געלד אױך דערפאַר נישט גענומען. דאָס איז בײַ זײ געווען אַ מין צדקה=זאַך. פּײַװקע פלעגט זיך שױן באַלד דאָרט צולעגען אױף אַ גאַנצע וואָך.

װי אַזױ שלעכט די רײַזע איז ניט געווען, דאָך איז דאָס אין די גוטע צײַטען פאַר מיר געווען אַ פערגעניגען, ווײַל איך האָב

זיך געפרעהט, וואָס איך וועל זעהן די גרויסע שטאָדט. אָבער איצט, אַז איך בין געפאָהרען צו דער קראַנקער מאַמען, האָט מיך די רייזע שטאַרק געערגערט. קוים דערלעבט קומען צו דער מאַמען, — ערשט דאָרט האָט אונז ערוואַרט אַ נייער סיורפּריז: גראָד פריהער מיט אַ פּאָר שעה איז די באָבע געקומען צופאָהרען. עפּעס אַ קלייניגקייט — די באָבע פון אַזאַ ווייטעניש. אַלע מאָל ווען די באָבע פלעגט קומען, איז ביי אונז געווען אַ יום=טוב. האָטש די באָבע פלעגט זיך אָפט אויף אונז בייזערן. נאָר זי פלעגט אָנברענגען אַזוינע גוטע זאַכען, אַז מען האָט אָן אַלצדינג פערגעסען. איצט קוקענדיג אויף די מאַמען, האָב איך בעמערקט, אַז דער היינטיגער יום=טוב איז עפּעס ניט אַזאַ פרעהליכער, ווי אַלע מאָל. די באָבע האָט אפילו היינט אויך אָנגעבראַכט גוטע זאַכען, נאָר זיי אינטערעסירען מיך ניט. איך קוק אַלץ אויף דער מאַמען, ווי אַזוי מורא'דיג זי איז, גאָרניט דער מענש: דאָס פּנים געל, די ליפּען ווייס, די אויגען אַזוי ווי אויסגעלאָשען, דאָס האַרץ איז איהר איינגעפאַלען, די הענד אויסגעדאַרט — נישטאָ מיין אַמאָליגע שענע מאַמע! איך טרייסט זיך אָבער מיט דעם, וואָס די מאַמע זאָגט, אַז איהר איז בעסער און אַז עס איז אַ האָפנונג צו גאָט, אַז זי וועט אין גיכען צוריק ווערען אַזוי ווי שטענדיג. אַלע פרעהען מיר זיך מיט דער האָפנונג, נאָר די באָבע אַליין האָט זיך ניט געפרעהט. איהר אַלט פּראַקטיש אויג האָט בעסער פערשטאַנען, וואָס עס טהוט זיך מיט דער מאַמען. זי, ווייזט אויס, האָט ווייניג געגלויבט אין דער מאַמעס בעסערקייט, ווייל דער מאַמעס פּנים האָט איהר אַלץ אויסגעזאָגט. דעריבער האָט די באָבע באַלד אָנגעהויבען קלערען, וואָס צו טהון, און האָט טאַקע באַלד בעשלאָסען, אַז דאָס ערשטע, וואָס מען דאַרף טהון, איז — מיר זאָלען געהן אַלע אויפ'ן פעלד, דערמאָהנען די טויטע, דאָס זיי זאָלען אָן אונז ניט פערגעסען.

„מען דאַרף זיי געבען צו וויסען, האָט די באָבע געזאָגט צו מיר, אום וועמעס לעבען עס געהט. דאַנקען גאָט, מיין מאַמען קען מען דאָרטען! זי האָט גענוג מליצים. זי איז ביי איהר זיידען מיט איהר באָבען זעהר טייער געווען. אויך די מוהמע קריינע, וועלכע האָט איהר געהאָלפען האָדעווען די קינדער, וועט געוויס ניט שווייגען. זי וועט צוברעכען אַלע טויערן און וועט אַרויפגעהן גלייך צו גאָט'ס שטוהל און וועט איהם בעטען, ער זאָל שענקען דאָס

לעבען דער יונגער אלמנה, דער מוטער פון די קליינע קינדער. קיינער וועט ניט שווייגען! פאר איהר וועלען בעטען ניט אבי ווער, נאר צדיקים, וואס זייערע תפלות האבען עפעס א ווערט, אבער מען דארף זיי דערמאהנען. אסתר=מושע איז שוין אפילו געוועזען אויפ'ן בית=עולם און האט שוין א ביסעל דערמאהנט די טויטע צוזאמען מיט רבקה דער זאגערין, וואס האט געקאנט צושטעהן צום הארטעסטען מענשען, ווען זי האט געדארפט עפעס אויסבעטען, נאר דאס איז אבער נאך אלץ גאר ניט. עס איז פארט פרעמד. די טויטע האבען אויך ליעב כבוד. מען דארף טאקע צו זיי אליין געהן. קום דו אויך, מיין טאכטער, האט די באבע מיר געזאגט, מענסט אויך זיך אביסעל אויסוויינען אויפ'ן טאטענ'ס קבר. זאלסט איהם בעטען, ער זאל זיין א גוטער מליץ פאר דער מאמען, גאט זאל איהר שענקען געזונד".

איך האב דאס אלצדינג אויסגעהערט און געהאלטען דאס אין זינען איך זאל ניט פערגעסען דאס, וואס איך דארף דארטען זאגען דעם טאטען. קיין סך האב איך טאקע ניט געדארפט קלערען, ווייל באלד זענען מיר טאקע אלע אוועק אויפ'ן בית=עולם: איך, די באבע, די מוהמע זלאטע, די מוהמע ציפע. אסתר=מושע האט אפילו געזאגט, אז מען דארף מיטנעהמען רבקה די זאגערין אויך, ווייל אהן איהר האט דאס גאר קיין שום פנים ניט, נאר מיין באבע האט זיך אויסגעלאכט פון איהר. וואס הייסט, זאגט זי, מיר זענען עפעס באד=יונגען? מיר קאנען קיין עברי ניט? מיר קאנען אויך אזוי גוט לייענען דעם מענה=לשון, ווי אלע זאגערינס, — איז צו וואס דארפען מיר זי?

און מיט'ן אמת גערעדט, זענען מיר טאקע ניט פערשעמט געווארען אויפ'ן גוטען ארט. אזוי ווי מיר זענען נאר געקומען, האבען שוין די שמשים דערקענט אן אונז, אז מיר זענען ניט קיין פראסטע ווייבער, ווייל יעדערע פון אונז האט געהאלטען א בעזונדער מענה=לשון, האט מען דאך געזעהן, אז מיר זענען אלע געלערנטע. נאר כבוד האט מען אונז ערשט אבגעגעבען דעמאלט, אז מיר האבען געזאגט, צו וועמען מיר דארפען, ווייל מיר האבען דורכאויס געדארפט צו גרויסע מענשען. דערהויפט האט אויף זיי געווירקט מיין טאטענ'ס נאמען, און דעם ערשטען וויזיט האט מען טאקע איהם געמאכט. עס זענען אפילו דא געוועזען עלטערע פון איהם, נאר זיין גרויסקייט האט אלץ גובר געוועזען. איך האב קוים

דערלעבט די מינוט, מען זאל שוין צוגעהן צו דעם ארט, וואו מיין טאטע ליעגט. איך בין אויפ'ן טאטענס קבר קיינמאל ניט געוועזן, דעריבער האב איך געווארט צו זעהן דא עפעס וואונדערבארע זאכען. איך בין געגאנגען און געלייענט די נעמען פון די מצבות. צום סוף האב איך זיך אבגעשטעלט נעבען א פראסטער, הילצערנער מצבה, פון וועלכער עס האט מיר ארויסגעבלישטשעט דעם טאטענס גרויסער נאמען מיט זיינע אלע טיטלען. טיטלען זענען דארט געוועזן אזוי פיעל, אז דאס גאנצע ברעט איז געוועזן בעשריעבען. איך האב זיי אלע איבערגעלייענט פאמעליך און דערביי זיך געטראכט, וואס פאר א גרויסער מענש מיין טאטע איז געוועזן. איך האב געפיהלט, אז א ווינד איז מיר איבערגעגאנגען איבער די ביינער און פון דעם ווינד בין איך עפעס אויסגעוואקסען זעהר הויך. מיין קאפ האט זיך שטאלץ אויפגעהויבען און איך בין געבליבען שטעהן, ווי אנ'אמת'ע פירסטין. איך האב געפיהלט, אז איך שטעה העכער פון אנדערע מענשען. די אלע טיטלען פון מיין טאטען און פון זיינע זיידעס האב איך ארויפגענומען אויף זיך. וואס ווייטער, בין איך געווארען שטאלצער און צופריעדענער.

איך פערגלייך פרעמדע מצבות מיט דער מצבה פון טאטען. אויף יענע זענען אויפגעשריעבען נאר עטליכע קאלטע ווערטער, בעת אויף מיין טאטענס מצבה לייען איך: בן הרב הגאון, הצדיק, גדול בתורה, תפארת ישראל, און נאך, און נאך.... איך האב זיך אזוי פערטראכט וועגען דעם שענעם נאמען פון מיין טאטען, אז איך האב גאר פערגעסען, וואס ארום מיר טהוט זיך און וועגען וואס איך בין געקומען. איך וואלט נאך לאנג געשטאנען אזוי פערזונקען אין מיינע געדאנקען, ווען די באבע גיט מיר ניט א שלעפ פאר'ן האנד, פאר וואס איך שטעה אזוי פערטראכט. דעמאלט האב איך זיך ערשט אומגעקוקט, וואס ארום מיר טהוט זיך: די באבע מיט די מוהמעס גיסען מיט טרעהרען, זיי לייענען ניט דעם מענה-לשון, נאר ביי זיי אין מויל איז א גוטער מענה-לשון. זיי רעדען אזוי ווי פון א ספר, עפעס אזוי גלאט, אזוי גוט און דערצו אזוי קלאנגעדיג, אז שטיינער קאנען צופאלען ווערען. איך בין זיי שטארק מקנא, וואס זיי קאנען אזוי גוט רעדען, נאר איך ווייס ניט פון וואנען אנצוהויבען. איך הויב אן לייענען אין מענה-לשון, קומט דאס אבער ביי מיר אויס נאריש, איך זאג מיט אזא שטים, אזוי ווי מען זאגט די הגדה ביי א פרעהליכען סדר, און קיין טרעה-

רעדען זענען ניטאָ, סײַדען נעהם און שלאָג זיך אַלײן אָן. איך בין געװעזן אױסער זיך, איך האָב זיך געשעמט פאַר דער באָבען מיט די מוהמעס, װעלכע װעלען געװיס זאָגען, אַז איך בין אַזאַ גרױסער נאַר, װאָס איך פערשטעה ניט, אַז אין אַזאַ צײַט דאַרף מען װײנען. נאָר װאָס קאָן איך העלפען? איך װאָלט אױך געװאָלט װײנען, אָבער עס װײנט זיך ניט און עפּעס טענה'ן, אַזױ װי זײ, קאָן איך אױך ניט. איך האָב זיך גאָר קײן עצה ניט געקענט געבען, װאָס איך זאָל טהון, איך האָב שױן קױם דערלעבט די מינוט, זײ זאָלען אַװעקגעהן פון טאַטענס קבר. אױף די איבעריגע קברים בין איך שױן ניט געגאַנגען, איך בין געבליבען זיצען בײַ דעם קברות־מאַן אין שטוב, ביז װאַנען אַלע װעלען קומען. איך האָב געמוזט װאַרטען אַ היבש שטיקעל צײַט, װײַל ערשט אױף די אַנדערע קברים האָבען זײ זיך צורעדט, װי עס דאַרף צו זײַן, װאָרום דאָ מיט אַ מאַנסביל, און נאָך אַזאַ מאַנסביל, האָט מען נישט אַרױסגערעדט אינגאַנצען, װאָס מען האָט געװאָלט, אָבער דאָרטען, בײַ דער עלטער־באָבען אױפ'ן קבר, בײַ דער מוהמע קרײנע, דאָרט האָט מען שױן געקאָנט רעדען. דאָס זענען שױן מענשען, אַזױנע װי זײ, האָטש אפילו נשים צדקניות, נאָר דאָך װײַבער, און מיט זײ איז מען עפּעס נעהנטער אײנע מיט די אַנדערע, מען פערשטעהט די שפּראַך בעסער. זײ קאָנען מיטפיהלען בעסער, זײ אַלײן זענען אױך געװעזן אומגליקליכע מוטערס, בײַ זײ זענען אױך קינדער קראַנק געװען, און גלאַט איז מען דאָך געקומען בעטען פאַר דאָס ליעבסטע קינד פאַר זײערס. די עלטער־באָבע מיט דער מוהמע קרײנע געדענקען געװיס, װי אַזױ שװער מײַן מאַמע האָט זיך געהאָרעװעט. ניט אײן נאַכט האָבען זײ ניט דערשלאָפען, ניט אײן תענית געפאַסט, קױם מען האָט זי אױסגעהאָרעװעט, און זי איז דאָך אַזאַ שענע, גראָטענע, קלוגע!

„אָבער פאַרװאָס קומט איהר, שװיגער, — שרײַט מײַן באָבע, — קרח'ס יאָהרען? פאַרװאָס זאָל אַזאַ יונגער בױם אײַנגעבראָכען װערען? איהר זאָלט ניט שװײַגען. אײַער זכות זאָל איהר בײַשטעהן!“ די באָבע קלאַפּט איהר אָן אין מצבה, זי זאָל הערען גוט, װאָס זי זאָגט איהר, און זי פיהלט, אַז זי הערט זי און זי רעכענט, אַז זי מוז זי הערען, װײַל זײ האָבען זיך בײדע גלײַך געפּלאָגט, ביז זײ האָבען די טאָכטער אױסגעקװירט פון אַלע קינדערשע קראַנקהײטען. זי איז בײַ דער טוטער אַזױ טײַער, װי בײַ דער לעבעדיגער,

נאָר די טויטע ווייסט בעסער, וואָס צו טהון. זי ווייסט וואו צו בעטען. זי איז שוין אַ הייליגע נשמה און וואוהין זי קאָן קומען, קאָנען די לעבעדיגע ניט דערגרייכען, דעריבער, אַז זי קאָן, דאַרף זי העלפען!...

עס איז שוין געווען גוט שפּעט, אַז מיין באָבע מיט די מוהמעס האָבען געענדיגט זייערע וויזיטען אויפ'ן בית־עולם. מיר האָבען שוין צוריק ניט געקאָנט געהן, ווייל אַלע האָבען מיר געפאַסט און מיר האָבען זיך נאָך שטאַרק אָנגעמיהט פון וויינען, דעריבער האָבען מיר גענומען אַ דראָשקע. די באָבע האָט זיך געפיהלט זעהר שלעכט פאָהרענדיג, נאָר געוויס ניט פון תענית. דאָס פאַסטען איז ביי איהר בכלל ניט געווען קיין נייעס. מאָנטאָג און דאָנערשטאָג האָט זי כמעט תמיד געפאַסט. היינט די צעהן טעג האָט זי אויך געפאַסט, און אַחוץ דעם זענען דאָך נאָך דאָ עטליכע תעניתים אין יאָהר. און וואו זענען נדרים און גלאַט תעניתים, וואָס מאַכען זיך אין אַ פּראָסטען טאָג? אָט האָט מען עפּעס קיין צייט ניט צו דאַוונען, געהט מען זיך אַרום ביז צוויי אַ זייגער ניט געגעסען, און דערנאָך איז דאָך שוין ניט כדאי צו עסען, ווייל עס איז שוין באַלד נאַכט וועט מען זיך שוין קאָנען אָבפאַסטען. ווערדליג איך פלעג דערמאָלט אויסרעכענען, האָט די באָבע געפאַסט דריי טעג אין וואָך, און די איבעריגע טעג, ווען זי פלעגט שוין עסען, איז ביי איהר אויך אַלץ איינס געווען: יאָ געגעסען, ניט געגעסען. ווען זי קאָן אַריינ־האַפּען, אַז דאָס האַרץ זאָל איהר איבער'חלש'ן, איז דאָס ביי איהר ווי געפונען: האָטש מיט אַ קלייניגקייט נאָך אַ ביסעל פּייניגען דעם גוף. וואָס איז, אַז מען וועט שוין עסען אַ בעסערן מיטאָג? וואָס וועט זיין? וועט זיין פאַר די ווערים אין קבר נאָך אַ שטיקעל פלייש! אויף דער נאַרישער וועלט איז אַלצדינג גאָרנישט. אַזוי פלעגט שטענדיג זאָגען די באָבע, ווען די קינדער האָבען זי געבעטען, זי זאָל זיך ניט מאָרען. דערפאַר האָב איך פערשטאַנען, אַז ווען דער קאָפּ האָט דער באָבען וועה געטהון, פאָהרענדיג פון בית־עולם, איז עס געווען ניט פון דעם תענית. געוויס האָט די באָבע געהאַט גרעסערע צרות. גענוג איז איהר געווען צו קוקען מיט אָפענע אוי־גען אויף איהר קראַנקע טאָכטער.

אַז מיר זענען געקומען צופאָהרען, איז די באָבע אַריינגעגאַנגען מיט אַ פרעהליך פּנים צו דער מאַמען און האָט איהר געזאָגט, אַז איצט וועט זי שוין געוויס זיין געזונד: מיר האָבען שוין גענוג

געבעטען אַלעמען, זײ זאָלען גוטע מליצים זײַן פאַר איהר. די מאַמע האָט אַ שמײכעל געטהון, הערענדיג די ווערטער, און פון דעם שמײכעל איז אַלעמען געוואָרען גוט אויפ'ן האַרצען. יעדערער האָט געגלויבט, אַז פון הײַנט־אָן וועט זיך שוין אָנהויבען די גוטע צײַט. די מאַמע האָט זיך נאָכגעפרעגט, ווי אַזוי איך האָב זיך געהאַלטען אויפ'ן בית־עולם: צי איך האָב געוויינט, צי איך האָב ניט גערעדט קײן נאַרישקײַט? זי האָט אָבער קײן ריכטיגען ענטפער אויף די פראַגען ניט בעקומען. מען האָט איהר נאָר געזאָגט, אַז נאָך די יאָהרען נאָך איז גענוג דאָס ווײנען. איך האָב פערשטאַנען, אַז די מאַמע איז פון דעם ענטפער ניט געווען צופריעדען: וואָס הײסט, נאָך די יאָהרען? איהר טאָכטער דאַרף צו צוועלף יאָהר זײַן אַ פאָלקאָמער מענש.

עס האָט אָנגעהויבען צו ווערען פינסטער. די ווײַבער האָבען אָבגעדאַווענט מנחה, מען האָט אָבגעגעסען וועטשערע, און דערנאָך האָבען מיר זיך אַלע אַרומגעזעצט אַרום דער מאַמעס בעט, און די באָבע האָט אָנגעהויבען דערצעהלען נײַעס. פון דער אויסגעלאַסענער שטאָדט האָט זי אַלץ גערעדט, פון די קינדער, וואָס זענען אַראָב פון וועג. די טאָכטער געהט שבת מיט'ן זאָנטיק פראַנק און פרײַ און די זיהן נעהמען קײן גאָטס וואָרט אין מויל אַרײַן. די ווײַבער האָבען גערעדט מיט די קעפ, געזיפצט און בעקלאָגט דער באָבעס זיהן מיט די אָפענע מוהות, וואָס האָבען געקאָנט זײַן די גרסטע רבנים און זענען איצט גאָרנישטען. דער באָבען האָט דאָס אַ ביסעל פערקלעמט און זי האָט זיך אַ האַפ געטהון צוריק.

— נאָר זינדיגען טאָר מען ניט — האָט זי געזאָגט — ביטערע צײַטען אָנגעשטאַנען, לײַט זאָגען, אַז זײ זענען נאָך גאָלד. פאָרט גרויסע מענשען, אומעטום דאַנקען גאָט, מיט אַ נאָמען.

— איך וועל דיר זאָגען דעם אמת — האָט געענטפערט די מוהמע זלאַטע — איך בין דיר דעם כבוד ניט מקנא. צו ווײַט זענען זײ אָוועקגעגאַנגען. וואָס דאַרף מען זיך נאַרען, פאַר זײער קדיש וועט מען דיך שוין אויף דעם עולם האָמת ניט קרויגען.

בײַ דער באָבען האָט זיך געוויזען אַ טרעהר און די מאַמע האָט אָנגעהויבען רעדען פון אַנ'אַנדער זאַך.

אויף מאָרגען אין דער פריה זענען די מוהמעס אָוועקגעפאָהרען אַהײם. איך בין אָוועקגעגאַנגען אין שטאָדט קויפען סחורה אויף אַהײם צו פיהרען. צו יעדער קרעמער האָט מיר די מאַמע מיט־

געגעבען א קוויטעל, אין וועלכען זי האט זיי געבעטען מען זאל ביי מיר ניט איבערנעהמען די פרייזען. און די קוויטלעך האבען טאקע געווירקט. איך האב איינגעקויפט די בעסטע סחורה. אומעטום האט מען מיר אבגעגעבען כבוד. יעדערער האט מיך געפרעגט, וויפיעל איך בין אלט. יעדערער האט מיך געלויבט, אז איך בין א קלוגע, און איך בין דערווייל געוועזען אויפ'ן זיעבעטען הימעל. איך בין יענעם טאג געוועזען שטארק צופריעדען מיט זיך.

פארנאכט בין איך אוועקגעפאהרען אהיים, און די באבע איז געבליבען נעבען דער מאמען. די דאקטוירים האבען געזאגט, אז נאך אין א פאר וואכען ארום וועט זי שוין מעגען אהיים פאהרען, נאר אין דערהיים דארף זי זיך זעהר היטען. זי דארף האבען א הויכע דירה מיט א ווייסער, טרוקענער פאדלאגע אהן שטויב; אין מיטען ווינטער מוז מען עפענען די פענסטער אין איהר צימער, עס זאל אריינגעהן פרישע לופט, און דערנאך זאל מען הייצען, עס זאל זיין ווארים. איך האב דאס גארניט געקענט פערשטעהן: וואס הייסט, פריהער אויסקיהלען די שטוב, דערנאך דערווארימען זי, און אויפ'ן צווייטען טאג ווייטער אויסקיהלען און דערנאך ווארימען? נאר אז א דאקטאר הייסט, מסתמא ווייסט ער דאך. און מיט די געדאנקען, אז מען מוז אזוי טהון, האב איך גענומען צוגרייטען פאר דער מאמען די שטוב. די גאנצע צוויי וואכען האב איך געהארעוועט. איך האב געדונגען הארשע די וואסערטרעגערין אויף צו העלפען. זי האט געקאלכט, און מירביידע האבען אלץ געוואשען, פונקט ווי אויף פסח געמאכט ריין. אלע טאג האב איך געעפענט די פענסטער און דערנאך געהייצט, אזוי ווי דער דאקטאר האט געהייסען. אין דעם צימער האט קיינער ניט געטארט אריינגעהן, אפילו מיין ברודער'ל אויך ניט, נאר פאר'ן שלאפען פלעגען מיר ביידע אהין אריינגעהן און בעטראכטען דאס צימער, ווי אזוי ליכטיג און שען עס איז און ווי אזוי דער מאמען וועט דא זיין גוט. מיין ברודער'ל האט מיר אמאל געזאגט, ווען איך האב איהם געפרעגט, וואס ער טראכט אזוי פאר'ן שלאף, האט ער געזאגט, אז ער וואלט געוואלט וואוינען אין אזא צימער געזונטערהייד. איך האב איהם דאן געענטפערט, אז איך אליין האב געזעהן, ווי געזונדע מענשען וואוינען נאך אין שענערע צימערן.

— וואו האסט דו געזעהן? האט ער מיך געפרעגט.

— אין סעלץ, ביי קאזלאווסקי דעם דאקטאר.

— אָ, בײַ אַ דאָקטאָר, חכמה דו! איך מײן, בײַ פּראָסטע ייִדען צי האָסט דו געזעהן אַזאַ וואונדער?

— בײַ פּראָסטע ווײס איך ניט, — האָב איך געענטפערט.

אָט אַזוי פלעגען מיר אַלע אָװענד זיך אַביסעל דורכרעדען וועגען דער גוטסקייט פון דעם צימער.

די פּאָר וואָכען זענען אַוועק, און אין אַ שענעם, העלען, קאַלטען דאָנערשטאָג, איז די מאַמע געקומען צופאָהרען מיט דער באַבען. איך האָב באַלד אויפגעשלאָסען דעם פּסח׳דיגען חדר, וואָס מײַן ברודער׳ל האָט גערופען דער מאַמע׳ס צימער. די מאַמע האָט עס אַרומגעקוקט און איז געבליבען צופריעדען. באַלד נאָך איהר האָט מען אַרײַנגעטראָגען אַ גאַנצע אַפּטייק פון פלעשלעך מיט פושקעלעך און באַלד נאָכדעם האָבען אָנגעהויבען צו קומען מענשען. דאָס גאַנצע שטעדטעל האָט געקאָכט. עפּעס אַ קלײניגקײט: די מאַמע איז געקומען! יעדערער האָט זי געוואָלט זעהן. די ערשטע זענען געקומען די שכנים, קרובים און די פײנסטע בעלי־בתים. קודם־כל זענען אַרײַנגעלאָפען די שכנות הוה־איטע, און איהר מוהמע מלכה־רחל, און חוה־ביילע הים־דודס. די פרייד פון הוה־איטען מיט איהר מוהמען לאָזט זיך גאָרניט דערצעהלען. זיי האָבען אַלײן אויסגעפרעגט דער מאַמען, דערלאַנגט איהר אַלצדינג, געווינשעוועט איהר אַלדאָס גוטס. דערנאָך זענען געקומען צולויפען די מוהמעס מיט די שוועסטער־קינדער, די גבירטע פון שטעדטעל גאָלדע־לאה אהרן־ראָכעס און לייבע דער חזן מיט מענדעל קאַראָוויצער. מעהר האָט שוין די באַבע ניט אַרײַנגעלאָזען. מיט זיי האָט זיך פערמאַכט די טהיר. נאָר פונדעסטוועגען איז פון דעם ביסעלע אויך געוואָרען אין פּסח׳דיגען חדר אַזוי נאַס, אַז מען האָט זיך געקאָנט גליטשען, ווייל דער שניי איז געווען גרויס און קיין קאַלאָשען איז נאָך דעמאָלט בײַ אונז קיין מאָדע ניט געווען צו טראָגען. פון דעם שניי איז אין דעם וואַרימען צימער אַזוי קאַלט געוואָרען, אַז די מאַמע האָט זיך געמוזט אײַנוויקלען אין אַ וואַרים טוך. אַלע וואָס זענען געקומען, האָבען פשוט פערוואָרפען דער מאַמען מיט פראַגען, און זי האָט מיט יעדען געמוזט רעדען. אויב זי האָט איינעם ניט גלייך גע־

ענטפערט דערפאַר, וואָס דער הוסט האָט איהר ניט געלאָזט, האָט זיך יענער ניט געפוילט, און האָט נאָך אַמאָל איבערגעפרעגט, ביז וואַנען ער האָט בעקומען אַנ׳ענטפער, און אַזוי האָט מען געהאַלטען אין איין רעדען. די באָבע האָט דערזעהן, אַז דאָס איז אַ מעשה אָהן אַ סוף, קיינער טראַכט גאָר ניט אַוועקגעהן, און דער מאַמען זענען שוין פערטריקענט די ליפען ריידענדיג, האָט זי אָנגעהויבען בעטען יעדערן שטילערהייד, מען זאָל אַוועקגעהן. דער עולם האָט איהר טאַקע גלייך געפאָלגט און האָט זיך אָנגעהויבען ביסלעכווייז צוגעהן. די מאַמע האָט ניט געטאָרט וויסען, אַז די באָבע האָט געבעטען, מען זאָל אַוועקגעהן, און זי האָט טאַקע גאָר ניט בעמערקט. עס איז אָבגעגאַנגען גוט. די מאַמע האָט אויך קיינעם ניט געבעטען, מען זאָל נאָך זיצען. זי האָט נאָר געבעטען, מען זאָל אָפט אַריינקומען. לייבע דער חזן, וועלכער איז געוועזען זעהר אַ לעבעדיגער און פרעהליכער יוד, האָט איהר געענטפערט, אַז ער וועט שוין מעהר ניט קומען, ווייל זי איז שוין ניט אַזאַ שענע ווי אַמאָל. אַלע האָבען זיך צולאַכט פון דער חכמה. דאָס איז ניט געוועזען קיין נייעס, מען זאָל לאַכען פון לייבע דעם חזנ׳ס ווערטלעך, וואָרום זיינע ווערטלעך האָבען געהאַט אַ שם.

לייבע דער חזן איז געוועזען אַ הויכער דאַרער יוד, מיט שוואַרצע ברענענדיגע אויגען, מיט אַ געלען וואַקסענעם פנים. ער איז געוועזען אַנ׳אייביגער אָרימאַן און האָט שטענדיג געזאָרגט פאַר דאָס שטיקעל טרוקען ברויט. דאָס איז פאַר איהם געוועזען אַזאַ גרויסע דאגה, אַז ער האָט שוין פערשפאָרט פון עפּעס אַנדערש צו טראַכטען. קינדער האָט ער געהאַט אַ גאַנצען צעהנדליג, אַלערליי, קליינע און גרויסע. ער האָט געהאַט די צווייטע פרוי, אַ נידריגע, שוואַרצע יודענע, אויך מיט אַ געלבליך פנים ווי איהר מאַנ׳ס. ער און זי זענען ביידע געוועזען קראַנקע. זי האָט געהאַט אַ לונגען־פעהלער. אַז זי האָט געדאַרפט ציהען דעם אָטעם, פלעגט זי פערמאַכען די אויגען, מאַטערנדיג זיך. ער האָט געהאַט אַנ׳אַנדער קראַנקהייט: ער האָט געהאַט עפּעס אַ קאַטאַר אין האַלז און אין נאָז און פלעגט רעדען מיט אַ הייזעריגער שטים. ער איז שטענדיג אַרומגעגאַנגען ליידיג פון איין שטוב אין די אַנדערע און האָט געשריען, אַז ער האַלט ביים שטאַרבען, עס ווערגט איהם אין האַלז, ער וועט באַלד דערשטיקט ווערען, און דערביי פלעגט ער זיך זאָגען אַ גלייך־ווערטעל, אַז מען פלעגט בלייבען אָהן זייטען לאַכענדיג. אַלע

פלעגען לאַכען פון זײַן קרענק. קײנער האָט איהם ניט געוואָלט גלויבען. צו אונז פלעגט ער אָפט קומען דערצעהלען פון זײַנע צרות. אַזוי איז ער אומגעגאַנגען שענע עטליכע יאָהר און האָט געשריען, אַז ער שטאַרבט, און אַלע האָבען פון איהם געלאַכט, נאָר אין אַ שענעם העלען טאָג, איז ער אַרײַנגעגאַנגען צו דער מוהמע זלאַטע אין קראָם און האָט אָנגעהויבען זאָגען גלײַכווערטלעך ווי אַלע מאָל. פּלוצלונג האָט ער פערגלאָצט די אויגען, האָט אָנגעהויבען צו האָרכלען, און ער איז אומגעפאַלען אויף דער ערד. אַלע האָבען זיך שטאַרק דערשראָקען. פריהער האָט מען געמײנט, אַז דאָס מאַכט ער זיך, נאָר דערנאָך, אַז מען האָט דערזעהן, אַז ער ריהרט זיך ניט פון אָרט, איז מען געלאָפען און מען האָט געבראַכט האַנעדעם רופא. האַנע איז באַלד געקומען, נאָר לײבע איז שוין געלעגען טויט בײַ דער מוהמע זלאַטע אויף דער קאַנאַפּע. איצע האָט געהײסען לאָזען בלוט. אָבער עס האָט ניט געהאָלפען. מען האָט איהם געשטעלט געהאַקטע באַנקעס, מען האָט געשניטען זײַן הויט, אָבער קײן בלוט איז ניט געגאַנגען.

דאָס גאַנצע שטעדטעל איז צונויפגעלאָפען זעהן, ווי אַזוי לײבע דער חזן שטאַרבט אויף אַנ׳אֱמת. אַלע זענען אַרום איהם געשטאַנען און מען האָט געוואַרט. לײבע איז איצט טאַקע אויף אַנ׳אֱמת געשטאָרבען. באַלד זענען אויך געקומען צולויפען זײַן ווײַב מיט די קינדער. זי האָט אָנגעהויבען, ווי די מאָדע איז, בעווײנען איהם און אַלע ווײַבער נאָך איהר, נאָר קײן סך האָט זי ניט געקאָנט רעדען. באַלד האָט זיך בײַ איהר איבערגעהאַקט דער אָטעם, און האַנע דער רופא האָט זי גענומען מונטערן אויף דער אַנדערער קאַנאַפּע. וואָס עס האָט זיך געטהון בײַ דער מוהמע זלאַטע אין שטוב, איז ניט צו בעשרײַבען. עס איז אָבער גלײַך געקומען דער גבאי פון דער שוהל, האָט געדונגען פײַוועקע דעם בעל־עגלה און מען האָט אַוועקגעפיהרט לײבע דעם חזן קײן סעליץ, ווײַל קײן אײגענעם בית־עולם האָבען מיר ניט געהאַט בײַ אונז אין שטעדטעל. אויף מאָרגען האָט די מוהמע זלאַטע אויפגעמאַכט פאַר דער אַלמנה מיט די קינדער אויף אַ פוד ברויט, און אין אַכט טאָג אַרום האָט אַנ׳אַנדער יודענע אויפגעמאַכט. אַזוי האָט געדויערט אַ פּאָר חדשים, ביז לײבע דעם חזנ׳ס ווײַב האָט אָנגעוואָרען די גאַנצע כּחות, שלעפּענדיג דעם אָטעם, און איז געבליבען אין אײנעם אַ פריה־מאָרגען ליגען. פײַוועקע בעל־עגלה האָט זי אויך אַוועקגעפיהרט מיט דעם

אײגענעם װעג, אין װעלכען מען האָט פריהער געפירט איהר מאַן; די קלײנע קינדער האָט מען ערגעץ אַװעקגעשיקט צו די גרעסערע קינדער, און װאָס עס איז מיט זײ געװאָרען, האָט שױן מעהר קײנער ניט געװאוסט, נאָר לײבע'ן אַלײן האָט מען לאַנג, לאַנג געדענקט אין שטעדטעל. נאָך ביז הײנטיגען טאָג קען מען זיך נאָך איהם ניט צוקלײבען קײן חזן, ניט דערפאַר, װײל מען איז בײ אונז אַזוי מוזיקאַליש, נאָר מען איז פשוט געװען געװעהנט צו זײן דאַװענען. עפּעס אַ קלײניגקײט: 15 יאָהר איז ער געװען בײ אונז חזן! הײנט זײן פרעהליכקײט, זײנע גלײכװערטלעך. עפּעס אומעטום האָט ער געפעהלט: אויף אַ חתונה, אויף אַ ברית, אויף אַ בן־זכר. עס איז ניט געװען קײן אײן יום־טוב, קײן אײן שבת, קײן אײן פרעהליכער אָװענד אין שטעדטעל, מען זאָל זיך ניט דערמאָנען אָן לײבע דעם חזן.

אמת, מיט מענדעל קאַראָװיצער איז מען אויך ניט פערשעמט געװאָרען, נאָר דאָס איז שױן געװען אַ פּראָסטער יוד, ניט קײן חזן, און דערצו פלעגט ער ניט זײן אַזאַ אָפטער גאַסט בײ אַלעמען, װי יענער. מענדעל קאַראָװיצער איז געװען אַנ'אַלט, אײנגעבױגען פרעהליך ידעל. װאָס זײן פרנסה איז געװען אין דער יוגענד, האָב איך קײנמאָל ניט געװאוסט. עפּעס האָט ער אין די יונגע יאָהרען געהאַנדעלט אויף די דערפער, און אויף דער עלטער איז ער געװען בײ אַ זוהן, װעלכער האָט זיך נאָך קײנמאָל זאַט מיט ברויט ניט אָנגעגעסען. זײן װײב מיט די קינדער פלעגען הונגערן כמעט שטענדיג, אַחוץ שבת און יום־טוב, און װאו ער האָט גענומען אויף שבת און יום־טוב, האָט קײנער ניט געװאוסט. ער אַלײן פלעגט זאָגען, אַז גאָט העלפט איהם, און װי אַזוי גאָט האָט איהם געהאָלפען, האָט קײנער ניט געװאוסט. ער איז אפילו געװען אַ בעל־מלאכה, — ער איז געװען אַ גוטער אײנבינדער, נאָר ער האָט קײנמאָל קײן אַרבײט ניט געהאַט, װײל בײ אונז זענען בײ אַלעמען געװען אײנגעבונדענע ספרים, און קײן נײע האָט קײנער ניט צוגעקויפט. זינט מײן טאַטע איז געשטאָרבען, זענען קײן בעזונדערע למדנים בײ אונז ניט צוגעקומען, און דערפאַר איז ניט געװען, װער עס זאָל קויפען ספרים. קאַראָװיצער פלעגט שטאַרק בעװײנען מײן טאַטען, װײל פון מײן טאַטען האָט ער אָפט געהאַט אַרבײט. דער טאַטע איז געװען אַ גרויסער ליעבהאָבער פון אַלערלײ ספרים. ער פלעגט תמיד זיך אײנקויפען ניט נאָר אַלטע

זעלטענע ספרים, נאָר אויך נייע, און פלעגט זיי טאַקע באַלד געבען איינבינדען. די מאַמע האָט זיך שטענדיג געקלאָגט, אַז זי קאָן זיך קיינמאָל ניט אויסצאָהלען דעם איינבינדער, דערפאַר אָבער האָבען קאַראָוויצערס קינדער געהאַט וואָס צו עסען, האָטש עס קאָן זיין, אַז מיין מאַמע דורכדעם ניט דערעסען. נאָר ווי אַזוי דאָס איז, לעבט קאַראָוויצער פונדעסטוועגען איצט אויך און ער איז נאָך אַזוי צופריעדען, אַז איהם ליעגט נאָך אין זינען זאָגען ווערטלעך. אויף אַלצדינג האָט קאַראָוויצער געהאַט אַנ'אָנגעגרייטען משל, צו יעדער זאַך האָט ער דערצעהלט אַ מעשה. די מעשיות זיינע פלעגט ער דערצעהלען אין בית=המדרש, זיצענדיג הינטער'ן אויווען, וואו ער פלעגט שלאָפען, אָדער ביי אונז אין קראָם, ווען זי איז געווען פול ווייבער, אָדער ביי דער מוהמע זלאַטען אויפ'ן גאַניק, וואו עס זענען געזעסען יונגע לייט, וועלכע פלעגען קומען צו איהר זוהן. שענע מעשיות פלעגט ער דערצעהלען; דאַכט זיך גאָר פּראָסטע, נאָר אויף יעדערן האָבען זיי געמאַכט אַנ'איינדרוק, יעדער האָט געשלונגען זיינע ווערטער. מען פלעגט אַליך אַוועקוואַרפען, אַז ער פלעגט נעהמען דערצעהלען זיינע מעשיות, אפילו יונגלעך ווייסע=חברה'ניקעס, שטיפערס, פלעגען ווערען סטאַטנע, ווען מענדעל קאַ=ראָוויצער פלעגט אָנהויבען דערצעהלען אַ מעשה אין בית=המדרש. זיי פלעגען זיך אַוועקזעצען שטיל, ווי די קעצעלעך, און צוהערען זיך וואָרט ביי וואָרט. ביי איהם האָט זיך קיינמאָל קיין מאַטעריאַל ניט אויסגענומען אויף צו דערצעהלען. וואו, דאַכט זיך, האָט ער זיי אַזוי פיעל גענומען?

איך האָב שטענדיג געוואָלט געדענקען עפּעס פון מענדעלס מעשות, איך זאָל זיי דערנאָך קאָנען איבערדערצעהלען, אַזוי ווי ער, נאָר איך האָב זיי אַלע פערגעסען, אַ חוץ איינע, וועלכע איך געדענק נאָך ביז היינטיגען טאָג. דאָס איז אַ געשיכטע וועגען כבוד אָב. נטע דער שוחט האָט אַמאָל געזאָגט דעם קאַראָוויצער, אַז עס איז אַ גרויסע גוטסקייט פון זיין זוהן, וואָס ער גיט איהם אָב אַזוי כבוד. דערויף האָט ער געענטפערט, אַז דאָס איז גאָרניט אַזאַ גרויסע זאַך. ער האָט געזעהן נאָך בעסערע זיהן פון זיינעם אויך. ער איז אַמאָל געפאָהרען, דערצעהלט ער, קיין זאַמיר; איז ער פערפאָהרען אויף שבת אין אַ דאָרף. דאָרטען איז ער צוגעפאָהרען צו דער קרעטשמע און האָט געפרעגט ביי דעם אַרענדאַר, אַ יודען פון אַ יאָהר פופציג, צי מען קאָן דאָ האַל=

טען שבת. דער ארענדאר האט געענטפערט, אז ער ווייסט ניט; ער דארף פרעגען ביי זיין טאטען. און ער האט גלייך אויסגעשריען: „טאטע!" מענדיל האט זיך דערווייל אונטערגעשמייכעלט, וואס אזא יוד קאן זיך ניט בעגעהן אהן א טאטען. באלד איז ארויסגעגאנגען א יוד פון א יאהר פינפאונזעכציג און האט געפרעגט, וואס מען דארף איהם, און אז מען האט איהם געזאגט וואס, האט ער אויך געענטפערט אזוי ווי זיין זוהן: ער ווייסט ניט, ער דארף פרעגען ביים טאטען, און האט אויך א געשריי געטהון: „טאטע!" מענדיל קוועטשט מיט די פלייצעס און קלערט, ווער ווייסט, ביז וואנען עס קאן אזוי געדויערן; עס קאן אזוי דערגעהן ביז צו אדם הראשון. נאר באלד איז ארויסגעגאנגען אנ' איינגעבויגען יודעל פון א יאהר אכציג. דער זוהן מיט'ן אייניקעל האבען איהם ערקלערט, אויף וואס מען האט איהם גערופען, און ער האט גלייך א שאקעל געטהון מיט'ן קאפ, אז מען קאן דא בלייבען שבת, און איז זיך צוריק אוועקגעגאנגען. מענדיל האט דארט פערבראכט זעהר גוט יענעם שבת. דער טיש איז געוועזן שען געגרייט. ארום טיש זענען געזעסען א פאר מניינים מענשען, און דאס זענען אליץ געוועזן קינדער פון פיער דורות. דער אלטיטשקער האט געמאכט קדוש איבער א גרויסען בעכער, אין וועלכען עס איז אריין א קווארט וויין, און אלע האבען איהם געענטפערט אמן גאנץ הויך; דערנאך האבען אלע געטרונקען צו ביסלעך פון דעם בעכער, און אביסעלע האט דער אלטינקער אוועקגעטראגען אין דעם צווייטען צימער, און אזוי האט ער געטהון מיט אלע געריכטען א גאנצען שבת. מענדיל האט זיך געוואונדערט. ער האט גארניט געקאנט פערשטעהן, וואס איז דארטען אין דעם צווייטען צימער. ער האט קוים דערלעבט נאך הבדלה און האט געפרעגט דעם אלטען, וועמען טראגט ער דאס עסען אין דעם צווייטען צימער. דער אלטער האט גארניט געענטפערט, נאר ער האט איהם א ווינק געטהון, ער זאל געהן נאך איהם, און ער האט איהם אריינגעפיהרט אין יענעם צימער, וואוהין ער האט געטראגען עסען, און האט איהם אנגעוויזען אויף צוויי קליינע מענשעלעך, וועלכע זענען געזעסען אין א ווינקעל און האבען זיך געשפיעלט ווי צוויי קליינע קינדער, נאר נאך די גרויע קעפ זייערע האט מען געקאנט דערקענען, אז דאס זענען געוועזן דעם אלטען'ס טאטע-מאמע, און דער זוהן האט זיי דאס געטראגען עסען. דאס הייסט כבוד אב ואם!

מענדיל קאַראָוויצער און פריהער ליבע דער חזן פלעגען ביי אונז אָפט אַריינגעהן געוואָהר ווערען וועגען דער מאַמען, און מיט זייערע מעשׂות פלעגען זיי שטאַרק ווירקען אויף איהר. זי פלעגט ווערען רוהיגער, פרעהליכער און פלעגט בעסער עסען. דעריבער פלעגט די באָבע זיי בעטען, זיי זאָלען קומען וואָס אָפטער.

דער מאַמען איז וואָס הייטער בעסער געוואָרען אין געזונד. זי האָט זיך שוין גאָר גוט געפיהלט און איז שוין איין מאָל אַריין אין קראָם, מיר אַביסעל העלפען. נאָר באַלד איז אַריינגעלאָפען סטעפאַן דער שכור און האָט נאָך זיך געלאָזט אָפען די טהיר. אַ נאַסער ווינד מיט אַ קאַלטען רעגען האָט זיך אַריינגעריסען אין שטוב, גלייך צו דער מאַמען אין פנים. די מאַמע האָט זיך גלייך פערהוסט און איז אַוועק צוריק צו זיך אין צימער. זי האָט זיך אַזוי פערקיהלט, אַז דער הוסט האָט זי ניט אָבגעלאָזט; מען האָט געבראַכט אַ דאָקטאָר פון סעלץ, נאָר דער דאָקטאָר האָט נאָר געזאָגט, אַז זי האָט זיך געדאַרפט היטען, און איצט דאַרף זי זיך נאָך מעהר היטען. און דערמיט איז ער אַוועקגעפאָהרען.

פאַר מיר מיט דער באָבען האָט זיך נאָך דער מאַמעס פערקיהלונג אָנגעהויבען אַ שווערע צייט. די מאַמע האָט געהוסט גאַנצע נעכט, מען האָט ניט געקאָנט צוקוקען איהרע יסורים. איך מיט דער באָבען פלעגען זיך בייטען די נעכט: אַ נאַכט בין איך געזעסען, אַ נאַכט — זי. דער באָבען איז געווען נאָך ערגער פון מיר, ווייל מיין נאַכט האָט זי אויך געדאַרפט דערזיצען, וואָרום אַרום פיער אַ זייגער פלעג איך אַנידערפאַלען ווי אַ שטיין — מעהר פלעג איך ניט קאָנען זיצען. איך האָב געפרובט אַלערליי מיטלען, איך זאָל ניט שלאָפען. איך האָב זיך געלעגט אויף הוילע ברעטער, אָהן אַ קישען; אַלע שעה האָב איך געוואַשען מיט קלאָר וואַסער די אויגען, זיי זאָלען זיך ביי מיר ניט צונויפקלעפען. נאָר עס האָט אַליץ ניט געהאָלפען — זיי קלעפען זיך פאָרט צונויף. קוקענדיג אויף מיר, ווי איך זיץ, פלעגט די מאַמע זיך בעגיסען מיט טרעהרען און פלעגט מיך הייסען זיך לעגען שלאָפען. איך פלעג איהר גלייך פאָלגען, און עס געווערט ניט קיין צוויי מינוט, און איך שלאָף שוין גאַנץ געשמאַק, ניט פיהלענדיג, אַז איך ליעג אויף הוילע ברעטער, דעם קולאַק צו־קאָפּענס. נאָר מעהר פלעג איך ניט שלאָפען ווי צעהן

מינוט, ווייל פּאַלד דערהער איך, ווי די מאַמע שרייט. זי וועקט מיך מיט אַלע כּחות, זי רעדט צו מיר מיט גוטען און מיט בייזען. איך הער אַלצדינג, נאָר איך קאָן ניט אויפשטעהן, איך קאָן די אויגען ניט עפענען. צום סוף הויב איך זיך דאָך אויף און רייב פונאַנדער די אויגען: ערשט די מאַמע זיצט און וויינט. איך פרעג זי, וואָס איז איהר? ענטפערט זי מיר, אַז זי וויינט, ווייל איהר איז זעהר שלעכט, זי קאָן דעם אָטהעם ניט האַפּען, זי האָט מורא אַליין צו זיצען; איהר איז זעהר שלעכט, ווייל זי האָט אַזאַ טאָכטער ווי איך, וואָס איך האָב אויף איהר קיין רחמנות ניט און לאָז זי אַליין... „האָרעוועדיגע קינדער! — זאָגט זי — וויפיעל האָב איך פון דיר אויסגעליטען, ביז איך האָב דיך אויסגעהאָדעוועט, וויפיעל נעכט האָב איך ניט דערשלאָפען, און איצט בעצאָהלסט דו מיר אַזוי!"

איך זיץ און קוק אויף איהר און ווייס איהר ניט וואָס צו זאָגען, ווייל איך ווייס, אַז זי איז גערעכט. איך גיב אַ קוק אויפ'ן זייגער: עס איז ערשט האַלב צוויי, און די אויגען גיסען זיך מיר שוין ווייטער צונויף. אַ שטראָף פון גאָט! וואָס זאָל איך טהון דערצו? די מאַמע הייסט מיר זיך ווייטער לעגען שלאָפען, ווייל זי קאָן ניט זעהן, ווי אַזוי איך מאַטער זיך, נאָר איך פאָלג איהר שוין ניט און איך זיץ שוין אַזוי ביז די באָבע שטעהט אויף. אַזוי האָט געדויערט אַ חודש צייט, און איך האָב אַלץ געזוכט מיטלען ווי אַזוי צו פערטרייבען דעם שלאָף. צום סוף האָב איך טאַקע געפונען אַ מיטעל ניט ווילענדיג. איין מאָל בין איך געזעסען ביי־נאַכט און האָב זיך אײַנגעהערט, ווי אַזוי די מאַמע האָט געהוסט. דער הוסט האָט זיך אָבגערופען אין פאַלקען. איך האָב געצעהלט יעדעס מאָל און אַלץ געקלערט, אַז דער וועט שוין זיין דער לעצטער, און יעדעס מאָל האָט זיך אָבגעקלונגען אַ נייער הוסט. עס האָט אַזוי געדויערט אַ פּאָר שעה, און דער הוסט האָט ניט אויפגעהערט. דער מאַמעס אַמאָליג ווייס פנים איז געוואָרען בלאָה. קוקענדיג אויף איהר און הערענדיג איהר הוסט, האָט מיר אַזוי אָנגעהויבען וועה צו טהון דאָס האַרץ, אַז איך בין פאַרטיג געווען זיך אַליין צו צורייסען, און איך האָב טאַקע גענומען רייסען פון זיך שטיקער פליישׁ. איך האָב זיך אײַנגעקוועטשט איין האַנד אין דער אַנדערער און האָב זיך אַזוי לאַנג געקניפּען, ביז איך האָב געפיהלט, אַז עס געהט בלוט. עס האָט טאַקע גוט וועה געטהון, אָבער שלאָפען האָב איך שוין ניט געוואָלט.

די נעכט פלעגען זיך ציהען גאר אהן א סוף. אזוי פאמעליך פלעגט זיך רוקען דער ווייזער ביי־נאכט. גאר אנדערש איז געווען פריהער, ווען די מאמע איז געווען געזונד. דאן איז געווען פונקט פערקעהרט, מען פלעגט זיך ניט ארומקוקען, וואו די נאכט קומט אהין. עס איז קיינמאל קיין צייט ניט געווען זיך אויסצושלאפען. דער־הויפט פלעגט די מאמע זיך אנקוועלען פון ווינטערדיגע שבת׳דיגע נעכט. זי פלעגט זיך לעגען זיעבען א זייגער און פלעגט אויפשטעהן זיעבען. גאנצע צוועלף שעה האט זי געשלאפען. היינט דער שבת אליין האט געהאט גאר אנ׳אנדער טעם, בעת די מאמע איז געזונד געווען. עפעס האט מען איהם דאן מעהר געפיהלט. אז די מאמע פלעגט אויפשטעהן שבת ביי־טאג פון שלאף, פלעגט זי זאגען מיט׳ן פולען מויל: „א קלאג צו די אפיקורסים, וואס האלטען ניט פון שבת, אזא טייערער, הייליגער טאג!״ איצט אבער איז ער עפעס גארניט געווען אזוי טייער ווי אמאל, האטש מען האט חלילה ניט מחלל שבת געווען, ניט קוקענדיג וואס עס איז געווען א געפעהרליכע קראנקע אין שטוב, ווארום די קראנקע וואלט בעסער געשטארבען, איידער פערזוכען שבת א פריש־געקאכטע שפייז. נאר גלאט עס איז עפעס ניט געווען אין קאפ צו פרעהען זיך מיט׳ן שבת. איך מיט דער באבען האבען א גאנצען טאג שבת געדאווענט און געלייענט אזוי ווי אמאל; ווייבער פלעגען זיך אויפקלויבען צו אונז אזוי ווי אלע מאל, חלה האט מען געבאקען אויף שבת די אייגענע גרויס ווי אמאל, — אלצדינג ווי פריהער, נאר פארט איז דער שבת איצט געווען אנ׳אנדערער. מיט דער מאמעס קראנקהייט זענען אוועק אלע פרייד און אלע פערגעניגען.

נאך חנוכה איז די באבע אוועקגעפאהרען צוריק אהיים, און איך האב זיך שוין אליין געמאטערט און האב פערנומען דער באבעס ארט אויך. איך בין שוין געזעסען אלע נעכט פון א גאנץ יאהר אנגעלעהנט נאר אן א קישען. איך האב נאר פערגרעסערט די פארציע פון רייסען אויף זיך די שטיקער פלייש. איך בין ארומגעגאנגען מיט פערוואונדעטע הענד, נאר דערפאר פלעג איך זיצען די גאנצע נאכט ווי א האלץ. דער מאמעס הוסט האט מיך שוין ניט געארט, איך האב נאר געפיהלט דעם וועהטאג פון מיינע הענד, וועלכע איך האב זיך צוריסען. איך האב אינגאנצען געשלאפען צוויי שעה אין נאכט, פון פינף ביז זיעבען אין דער־פריה, און מיט דעם האב איך אויך געהאט צו דאנקען דער מוהמע זלאטען, וועלכע פלעגט פארטאג

מיך קומען איבערבייטען. די צוויי שעה שלאף זענען, פערשטעהט זיך, געוועזען גאַנץ ווייניג, און מיר פלעגט זיך דאַכטען, אַז איידער איך לעג זיך, וועקט מען מיך אויף. נאָר דאָך פלעג איך פיהלען, אַז די מוהמע זלאַטע דערהאַלט מיך ביי'ם לעבען. עס פלעגט נאָך זיין כמעט פינסטער אין דרויסען. דער מאָרגען־שטערען פלעגט נאָך קוקען אין פענסטער און ביי דער מוהמען אין פענסטער איז שוין פייער, און איידער איך קוק זיך אַרום, איז זי שוין דאָ מיט דער גרויסער פאַטשיילע אויף די אַקסלען און דעם גראָבען קרבן־מנחה אונטער'ן אָרעם. איך פלעג אָפט וועלען איהר אַרויסזאָגען מיינע דאַנקבאַרע געפיהלען. דאַכט זיך, אויפ'ן האַלז וואָלט איך איהר געפאַלען און היים, הייס געקושט זי אין איהר גוטען צוקנייטשטען פנים, נאָר איך פלעג זיך שעמען. וואָס עפּעס אין מיטען מיטוואָך פאַר אַ קושעניש, עס איז אַזוי גוט אויפ'ן האַרצען? ביי אונז פלעגט מען זיך בכלל ווייניג קושען. סיידען ערב־יום־כפור, אָדער אויף אַ חתונה.

מיט דעם היילען די מאַמען און מיט'ן אָבהיטען האָבען מיר גאָרניט אויפגעטהון. דער מאַמען איז איצט ערגער געוואָרען. גוטע פריינד האָבען אָנגעהויבען זאָגען, אַז זי וואָלט געדאַרפט פאָהרען קיין וואַרשא צו אַ פּראָפעסאָר. וואָס זענען, האָבען זיי געזאָגט, די היגע דאָקטוירים? זיי ווייסען גאָרניט; אָבער אַ פּראָפעסאָר, דאָס איז שוין גאָר עפּעס אַנדערש. אַז ער בעטראַכט אַ קראַנקען, ווייסט ער טאַקע וואָס מיט איהם טהוט זיך. די מאַמע האָט זיך געלאָזט איינרעדען און איז אַוועק קיין וואַרשא. צוויי וואָכען פאַר פסח איז דאָס געוועזען. איך בין געבליבען איינע אַליין ערב יום־טוב, אַ קרעמערין, אַ בעל־הבית'טע — אַלצדינג. שווער האָב איך געהאָרעוועט פערבלייבענדיג אַליין, נאָר איך האָב געהאַט גענוג כח אַלץ אַריבערצוטראָגען דורך די האָפנונג אויפ'ן וואַרשעווער פּראָפעסאָר.

איך האָב קוים דערלעבט אויפ'ן צעהנטען טאָג צו בעקומען אַ בריעף פון דער מאַמען. איבערלייענענדיג דעם בריעף, זענען מיינע האָפנונגען שוואַכער געוואָרען, נאָר אינגאַנצען האָב איך זיי נאָך איצט אויך ניט פערלאָרען. די מאַמע האָט מיר געשריבען, אַז זי איז געוועזען ביי דעם פּראָפעסאָר באַראַנאָווסקי, און ער האָט איהר נאָך דערווייל גאָרניט געזאָגט. ער האָט איהר געהייסען קומען נאָך אַמאָל. פאַר'ן וויזיט האָט ער גענומען צעהן רובל, און זיין אַסיסטענט אויך דריי רובל, נאָר דאָס איז נאָך אַלץ גאָרניט. ביז וואַנען

זי איז צו איהם געקומען, האט געדויערט דריי טעג. הײנט מיט וואס פאר א צרות! ווען מען בעט גאט, שרייבט זי, אזוי פיעל, וואלט ער געוויס רחמנות געהאט, נאר מיר זענען זינדיגע מענשען. מיר ווייסען ניט, ווי אזוי צו בעטען איהם. דעם פראפעסאר'ס רע־צעפט האט זי שוין באלד אויסגענומען און קיין בעסערקייט זעהט זי ניט. אפשר וועט זיך דאס ארויסווייזען ביים צווייטען וויזיט. זי רעכענט, שרייבט זי, פונדעסטוועגען אויף די אנדערע טעג פסח צו קומען אהיים. דער בריעף ענדיגט זיך מיט די דאזיגע ווערטער: „זייט געזונד, קינדערלעך, בעט גאט פאר אייער קראנקע מאמען"! איך בין אביסעל אבהענדיג געווארען, וואס דער פראפעסאר קאן איהר אויך ניט העלפען, און האב אנגעהויבען צו ווארטען אויפ'ן צווייטען וויזיט.

דערווייל האב איך זיך גענומען מאכען פסח אזוי ווי אלע יאהר, ווען די מאמע איז נאך געזונד געווען. איך האב אנגעגרייט אלץ, ווי אלע יאהר. איך האב געקאלכט, געוואשען, אנגעצויגען די געהעפטע ציכלעך אויף די קישענס, געלעגט אויפ'ן טיש דעם אויסגענייהטען טישטוך, וואס די באבע האט געבראכט פון ווייט, אװעקגעשטעלט אפילו אויפ'ן קאמאד דאס פארצעלייענע ענטיל, וואס די באבע האט געבראכט אויף צו האלטען צוקער. א גאנצען ווינטער האבען מיר געווארט אויפ'ן פסח. עפיס פלעגט ווערען פרעהליך אין יעדען ווינקעל, ווען די מאמע איז געווען, און הײנט איז געווען אין שטוב אומעטום פינסטער און טרויעריג. דעם סדר האבען מיר אבגעריכט אינאיינעם מיט דעם מלמד מיכאל'ן און מיט דעם הויכען פעטער אייזיק מאיר, וועלכער האט געוואוינט ביי אונז אין שטיבעל. אלע יאהר פלעגען מיר אזוי זיצען ביי'ם סדר. מיין ברודער'ל האט געפרעגט די פיער קשיות ביי'ם פעטער, און אונז אלעמען איז זעהר שווער געווען אויפ'ן הארצען.

אויף די אנדערע טעג איז געקומען די מאמע און ניט אליין, נאר מיט נאך א גאסט, מיט דער מוהמען פון דער גרויסער שטאדט מיט איהר קלענערער שוועסטער, מיט וועלכער זי האט זיך בעגעגענט אין וועג, און מיט איהר קליין יונגעלע. קיינער קאן זיך גאר ניט פארשטעלען די פרייד, וואס מיר האבען געהאט פון די געסט. עפיס א קלייניגקייט — די מוהמע פון די ווייטע קאנטען — דאס יונגעלע איז געווען זעהר א שענס און איז געגאנגען אנגעטהון ווי א פריציש קינד, אויך די מוהמע איז געווען שען אנגעטהון, ווי א פריצ'טע. עפיס גאר אנדערע מענשען, פון אנ'אנדער וועלט, האב

איך זיך געטראַכט. באַלד זענען געקומען צולויפען די מוהמעס מיט די שוועסטער־קינדער. מען האָט זיך אָנגעהויבען קושען. עס זענען אָנגעלאָפען בעקאַנטע און ניט בעקאַנטע. אויפ'ן צווייטען טאָג איז מיין מוהמע געגאַנגען מאַכען וויזיטען אין איהר ניידענעם שוואַרצען קלייד. אַלע זענען אַרויסגעלאָפען קוקען אויף איהר און אויף איהרע קליידער. און נאָך איהר יונגעלע זענען נאָכגעלאָפען אַ פּאָר צעהנדליג יונגלעך און מען האָט בעטראַכט זיין שענעם קאָסטיום מיט די גאָלדענע קנעפּ. די שמחה מיט דער מוהמען האָט אָבער נישט לאַנג געדויערט. עס זענען זיך אַריבער די עטליכע טעג, וואָס זי האָט פערבראַכט ביי אונז, און זי איז צוריק אַוועקגעפאָהרען. ביי אונז איז ווידער געוואָרען שטיל, און איך האָב זיך אַרומגעזעהן, אַז די מאַמע איז קראַנק ווי געווען. עס האָבען זיך ווידער אָנגעהויבען די גוטע נעכט מיט די שטענדיגע דאגות און שרעק.

אַזוי זענען אַריבער אַ פּאָר חדשים. די מאַמע האָט זיך אַליין געפיהלט שלעכט. די ווייבער האָבען אָנגעהויבען זאָגען, אַז אפשר איז דאָס איהר געקומען פון דעם שרעק, וואָס מען האָט זי אָבגענאַרט דעם ערשטען אַפּריל, און האָבען געגעבען די עצה, מען זאָל זיך ווענדען צו דער שפּרעכערין, וואָס וואוינט אין בערוז, אַ דאָרף. פיער מייל ווייט פון אונזער שטעדטעל. עס איז געבליבען מען זאָל פאָהרען אַהין. מען דינגט אַ פוהר, און די מאַמע פאָהרט אַוועק קיין בערוז מיט איהר אַלטער פריינדין אסתר־מושע. געקומען קיין בערוז, שטעלט זיך אַרויס, אַז דאָרט איז ניט קיין שפּרעכערין, נאָר אַ שפּרעכער, אַן אַלטער גוי פון ניינציג יאָהר, וואָס פלעגט גאַנצענע טעג אומגעהן אין וואַלד קלויבען גראָז אויף רפואות. ער האָט געגעבען דער מאַמען עפּעס אַ גראָז און האָט איהר געשפּראָכען. ער האָט געזאָגט, אַז איהר איז געקומען די קרענק פון אַ שרעק, און דעריבער דאַרף מען אויך שפּרעכען אין דעם אָרט, וואו זי האָט זיך דערשראָקען. נאָר אַזוי ווי ער אַליין קאָן אַהין ניט פאָהרען, וועט ער שיקען אַ גוי'ע, זיינע אַ הבר'טע. מען האָט געבראַכט די גוי'ע, און זי איז באַלד מושוה געוואָרען צו פאָהרען, אויב מען וועט איהר געבען צוויי רובל. עס פערשטעהט זיך, אַז מען האָט איהר געגעבען, וואָס זי האָט געוואָלט, און מען איז מיט איהר אַוועקגעפאָהרען.

די מאַמע, אסתר און די גוי'ע זענען געקומען צופאָהרען צו אונז אַהיים פאַרנאַכט. די מאַמע האָט מיר באַלד געהייסען, אַז איך זאָל געבען דער גוי'ע אַ גוטע וועטשערע און אַז איך זאָל איהר אָבגעבען

מײַן אָרט אויף צו שלאָפֿען. איך האָב דאָס אַלצדינג געטהון מיט פֿערגעניגען. איך האָב איהר אָבגעגעבען דאָס גאַנצע פֿלײש פֿון דער װעטשערע און האָב איהר גאַנץ שען אויסגעבעט. איך האָב גאָר ניט געװאוסט װאָס צו טהון מיט איהר, האָפֿענדיג, אַז פֿון איהר שפּרוך װעט די מאַמע געזונד װערען. די באָבע האָט אויף די גוי׳ע געקוקט קרום, ניט דערפֿאַר װאָס זי האָט ניט געגלױבט אין איהר שפּרוך, נאָר דערפֿאַר װאָס זי האָט גלאַט פֿײַנט געהאַט אַ גוי׳ע. זי האָט ניט געקאָנט קוקען, װי אַזױ די גוי׳ע צלם׳ט זיך בײַ אונז אין שטוב. באַלד איז געקומען דער זײדע געװאָהר װערען צו דער מאַמען, און אַז ער האָט דערזעהן די גוי׳ע, האָט ער אַ שמײכעל געטהון, די מאַמע זאָל ניט זעהן. עס װײַזט אויס, אַז ער האָט װעניג װאָס געגלױבט אין איהר הילף, נאָר ער האָט געמאַכט אַ שװײַג.

צװעלף אַ זײגער בײַ־נאַכט בין איך געגאַנגען מיט דער גוי׳ע צו דער שוהל, זי זאָל אָבשפּרעכען די שװעל מיט די טרעפּ פֿון דער װײַבערשער שוהל. די גוי׳ע האָט מיטגענומען אַ ביסעל גרויפּען, האָט דאָס אַנידערגעשטעלט אויף די אונטערשטע טרעפּ און האָט זיך געצלם׳ט איבער דעם אפשר אַ שעה נאָכאַנאַנד. איך בין געשטאַנען און האָב געציטערט װי אַ בלאַט. עפּעס אַ קלײניגקײט? שטעהן צװעלף אַ זײגער בײַ־נאַכט נעבען דער קאַלטער שוהל און נאָך מיט אַ גוי׳ע, און די גוי׳ע צלם׳ט זיך און צלם׳ט די שוהל! איך האָב דאָס פֿאַר קײנעם ניט אויסגעזאָגט, װײַל איך האָב מורא געהאַט, אַז מען װעט עס װיסען, װעט מען ניט װעלען געהן דאַװנען אין שוהל. איך האָב קוים דערלעבט די מינוט, די גוי׳ע זאָל שוין ענדיגען זיך צלמ׳ן און מיר זאָלען שוין אַהײם געהן. די נאַכט איז געװען זעהר אַ שענע, די לבנה האָט אַזױ געשײַנט, אַז מען האָט געקאָנט אַרבעס קלױבען. אין אַנ׳אַנדער צײַט װאָלט איך געװען צופֿריעדען, שטעהן אויפֿ׳ן גאַס און קוקען אויף אַזאַ שענע לבנה, נאָר הײנט האָט מיך געשראָקען די גוי׳ע מיט דער קאַלטער שוהל און מיט איהר צלמ׳ן זיך.

אויף מאָרגען אין דער־פֿריה האָט די גוי׳ע אָבגעקאָכט אַ זופּ פֿון די גרויפּען, װעלכע זי האָט גע׳צלמ׳ט, און האָט עס געגעבען דער מאַמען עסען. איך האָב געקוקט, װי די מאַמע עסט דעם זופּ, און האָב געטראַכט, װען די מאַמע װײסט, װאָס די גוי׳ע האָט געטהון מיט די גרויפּען, װאָלט זי געװיס דאָס ניט געװאָלט עסען.

פֿאַרנאַכט איז די גוי׳ע אַװעקגעפֿאָרען און האָט געזאָגט, אַז אין דרײַ טעג אַרום װעט זײַן אַ פֿערבעסערונג אין דער קראַנקהײַט.

יעדער טאָג האָט זיך געצויגען פאַר אונז, ווי אַ יאָהר. מען האָט קוים דערלעבט דעם פיערטען טאָג, אָבער קיין הילף איז אַליץ נישט געוועןן. די מאַמע האָט שוין געזאָגט, אַז אַלע טויערן פון הילף זענען צוגעשלאָסען געוואָרען — עס העלפט ניט קיין זאַך. ביי לייטען, האָט זי געזאָגט, קומט פון יענער וועלט צו חלום אַ באָבע, אַ זיידע, אַ מוהמע, און ברענגט עפּעס, זאָגט עפּעס, און דאָ איז גאָר נישטאָ קיינער. דאָ האָט זיך אַריינגעמישט די באָבע און דערצעהלט אַ מעשה, וואָס עס האָט געטראָפען אין ראַבינסק. עס איז דאָרט קראַנק געוואָרען אַ פרוי און מען איז מיט איהר אַרומגעפאָהרען צו אַלע דאָקטוירים, און עס האָט איהר גאָרניט געהאָלפען. זי האָט שוין די גאַנצע האָפנונג פערלאָרען אויף געזונד צו זיין. נאָר איין מאָל זעהט זי אין חלום איהרע אַ באָבען, און די באָבע ברענגט איהר אין אַ פאַפּיערעל אַ ביסעל גראָז און זאָגט איהר: „נאַ, מיין טאָכטער, אַז דו וועסט דאָס גראָז טרינקען, וועסטו געזונד ווערען“. די קראַנקע האָט זיך אין דערפריה דערמאָהנט אָן דעם־חלום און האָט אויפגעהויבען דעם קישען, אויף וועלכען זי איז געשלאָפען— ערשט עס ליעגט אַ פאַפּירעלע מיט גראָז. מען האָט דאָס גראָז געגעבען טרינקען דער קראַנקער, און זי איז באַלד געזונד געוואָרען“.

דער באָבעס מעשה האָט געמאַכט אויף מיר אַ שטאַרקען רושם. וואָלט גאָט אונז צושיקען אַזאַ נס, האָב איך געטראַכט,— און אפשר וועט ער טאַקי צושיקען? ווער ווייסט? פון דעמאָלט אָן פלעג איך אַלע אין דער-פריה קוקען ביי דער מאַמען אונטער׳ן קישען, טאָמער וועל איך געפינען אַ ביסעל גראָז. נאָר אומזיסט איז געווען מיין זוכען. איך האָב קיינמאָל גאָרניט געפונען. איך בין ביז געוואָרען אויף די עלטער-באָבען מיט די מוהמעס, וואָס זיי פערגעסען אויף יענער וועלט אָן דער מאַמען, און האָב אויפגעהערט צו זוכען אונטער׳ן קישען.

עס איז אַוועק דער זומער און עס איז געקומען די צייט פון די ערשטע סליחות. עס איז פאַר-טאָג. מאָשקע דער שמש וועקט שוין דאָס צווייטע מאָל, און די מאַמע זיצט נאָך אַליץ און הוסט. זי האָט נאָך ניט געפּרובט שלאָפען. די באָבע איז אַוועק צו סליחות אין שוהל, און איך האָב זיך בערעכענט, אַז עס וועט ניט שאָדען, איך זאָל אויך זיך נעהמען זאָגען סליחות און זיך אַ ביסעל אויסוויינען. איך זעץ זיך אַוועק זאָגען און טרעהרען הויבען זיך מיר אָן גיסען פון די אויגען אַזוי ווי פון אַ קוואַל. פון דעם וויינען איז מיר גע-

װאָרען גרינגער אויפ׳ן האַרצען. איך האָב געפֿיהלט, אַז איך האָב זיך דורכגערעדט מיט גאָט, און אַז ער האָט מיך אויסגעהערט. געװיס, טראַכט איך, װעט ער מיר אַרױסגעבען אַ בעסער קװיטעל װי פֿאַר־אַ־יאָהרען.

די באָבע איז פֿון ראש־חודש אלול אָן געװען פּערטהון אין פֿרומקייט, האָט אַלץ געדאַװענט, געלייענט תחינות און זעהר אָפֿט געפֿאַסט. אַלע טאָג איז בײ איהר אַ תענית געװען. ראש־השנה האָט מען געבראַכט דעם שופֿר צו אונז אַהיים, די מאַמע זאָל הערען. אַנדערש האָט זי ניט געװאָלט. עס איז געקומען ערב־יום־כּפּור, האָט די באָבע ניט געװאוסט װאָס פֿריהער צו טהון. אַ קלײניגקייט: אױף דעם ערב־יום־כּפּור׳דיגען טאָג איז דאָ אפשר צעהנערלײ תחנות. אַלע שעה דאַרף מען לײענען אַנ׳אַנדערע. הײנט כּפּרות שלאָגען און ליכט מאַכען. עפּעס אַ צעהן אָדער פֿופֿצעהן װײבער האָבען זיך אױפֿגעקלױבען צו מלכּה־רחל׳ען, און יעדערע האָט געבראַכט אַ שטיקעל װאַקס אָדער שטיקלעך געפֿלאָכטענע הבדלות, װאָס זענען איבערגעבליבען פֿון אַ גאַנץ יאָהר, און יעדערע האָט געמאַכט אַ גרױסע װעקסענע ליכט. בײ די ליכט מאַכען איז געװען אַזאַ יריד, אַז מען האָט געקאָנט מױב װערען פֿון די קולות. עטליכע װײבער האָבען געקנאָטען דעם װאַקס אין אַ מולטער, עטליכע האָבען געבראַכט דעם װאַקס אױפ׳ן דרײפֿוס און געזאָגט תחנות מיט אַ געװײן. מלכּה־רחל אַלײן האָט אַלעמען איבערגעשריען. מיט אַלעמען האָט זי געדאַרפֿט רײדען: די געפֿרעגט, װיפֿיעל עס קאָסט איהר װאַקס, די צװײטע,— צי דער צימעס איז געװען געראָטען אױף װאַרמעס, די דריטע,— צי האָט זי פֿעטע כּפּרות און נאָך אַזױנע זאַכען. הײנט בײ יעדער ליכט, װאָס עס איז פֿאַרטיג געװאָרען, האָט מען זיך צו־געװינשעװעט אײנע די אַנדערע אַל דאָס גוטס, האָטש האָט דאָס געזאָלט אָנגעהן אַ משוגע׳נעם הונד, װאָס מען האָט אין האַרצען זיך געװאונשען אײנע די אַנדערע. נאָר צו דער אַרבײט שאַדט עס ניט. די תחינות װערען געלײענט מיט אַ געװײן און דערװײל לעגט מען קנײטלעך פֿאַר יעדער נשמה פֿון די הײליגע אָבות.

קוים דערלעבט צו זעהן די באָבען מיט אַ גרױסער װעקסענער ליכט אין האַנד, װעלכע זי האָט אַרײנגעשטעלט אין אַ טאָפּ זאַמד, האָב איך מיט מײן ברודער׳ל זיך גענומען אָנטהון אין די יום־טוב׳דיגע קלײדער, װײל מיר האָבען געדאַרפֿט געהן צום זײדען, ער זאָל אונז בענשען אױפ׳ן נײעם יאָהר. אָט די ברכה דעם זײדענ׳ס

געדענק איך ביז איצט פון די קינדערשע יאהרען. איך קאן ניט איבערגעבען, ווי אזוי גליקליך איך האב זיך דעמאלט געפיהלט, קוקענדיג אויף איהם. ער איז אנגעטהון אין א ווייסען קיטעל, די באָרד און די ברעמען זיינע זענען אויך אזוי ווייס, ווי דער קיטעל. נאָר די אויגען זיינע זענען שווארץ. די ווייסע גרויסע ברעמען האבען זיי צוגעגעבען נאָך א שווארצערען גלאנץ. זיי האבען געקוקט ווייט. זיי האבען פערנומען אונטער זייער קוק אלע מענשען, וועלכע זענען געווען אין שטוב, און אונטער דעם קוק האט מען זיך געפיהלט בעשיצט פון אלע שלעכטסקייטען. זיינע אויגען האבען געשטראהלט מיט אמונה, אמת און גוטסקייט אהן א שיעור. דער מענש האט אלעמען ליעב געהאט, ער איז קיינעם ניט געווען קיין שונא, אבער ער האט קיין שונאים אויך ניט געהאט. מיט איין וואָרט, דאס איז געווען די גערעכטיגקייט אליין. אז ער האט אונז געבענשט, האט ער ארויפגעלעגט אויף אונז ביידע הענד אויפ'ן קאפ און האט עפעס געזאגט שטילערהייד פון א ספר. די אויגען זיינע האבען דעמאלט געלויכטען ווי א שפיגעל. די פיגור זיינע, וועלכע איז שוין געווען א ביסעל איינגעבויגען, פלעגט דעמאלט גלייך ווערען, דער קאפ פלעגט קוקען הויך און שטאלץ. אין יענער מינוט האט ער אויסגעזעהן, ווי א מלאך. דעם היינטיגען ערב-יום-כפור איז ער, דאכט זיך, נאָך שענער געווען ווי אלע מאל, וויל עס איז געווען א זעלטען-שענער טאג און אלץ ארום האט געשיינט. די זון האט זיך שוין אראבגעלאזט גאנץ נידעריג, נאָר עטליכע שטראהלען האבען געקוקט צום ווינדען אין פענסטער, בעת דער זיידע איז געשטאנען און האט אונז געבענשט. די שטראהלען האבען זיך אבגעשטעלט אויף זיין פנים און האבען זיך דורכגעלויכט דורך זיינע גלענצענדע אויגען. איך האב זיך אין איהם איינגעקוקט, געזעהן אין זיינע אויגען א ים פון ליכטיגקייט— די זון איז אין זיי געזעסען. איך האב זיך אזוי פערטראכט קוקענדיג אויף איהם, אז מיר האט זיך אויסגעדאכט, אז א ליכט ברענט איהם אויפ'ן קאפ. איך האב א ציטער געטהון פאר שרעק. די באבע איז געשטאנען אנגעטהון מיט איהר שענעם צעפיק, מיט די לאנגע בענדער, און האט געבענשט אכטצעהן ליכט מיט אמאל. די באבע האט אזוי געשיינט, אז מען האט אין איהר פנים ניט געקאנט קוקען. אין שטוב זענען געווען נאָך עטליכע קינדערלעך, א חוץ מיר מיט מיין ברודער'ל, און נאָך א הויכער יונגער-מאן. דאס איז געווען

מײַן זײדענ׳ס איצטיגער בן יחיד מיט אַלע זײַנע קינדער, װעלכע זענען אױך געקומען, דער זײדע זאָל זײ בענטשען.

דער זײדע האָט מיך געפרעגט, װאָס מאַכט די מאַמע. אַז איך האָב איהם דערצעהלט, אַז די מאַמע האָט געהאַט אַ שלעכטע נאַכט, האָט ער אַ ביסעל אַ טראַכט געטהון און האָט געזאָגט: „קומט, קינדער, איך װעל געהן בענשען אײער מאַמען, זי זאָל געזונד װערען, זי זאָל אײך קאָנען מגדל זײַן!“ דער זײדע איז געקומען צו אונז און האָט געבענשט די מאַמען. בײַם בענשען האָט ער אַרױפגעלעגט די הענד אױף איהר קאָפּ, נאָר די אױגען זײַנע זענען עפּעס געװאָרען װי פּערלאָשען, פינסטער. מען האָט אין זײ גאָרניט געזעהן, נאָר צװײ גרױסע טרעהרען האָבען זיך אַראָבגעקױקעלט איבער זײַן װײַסע באָרד. זײַן פיגור איז געװאָרען אײַנגעבױגען, און דער קאָפּ האָט זיך אַראָבגעלאָזען. װאו זענען אַהינגעקומען זײַן פריהערדיגער שטאָלץ און רוה, װעלכע ער האָט אונז נאָר װאָס אַרױסגעװיזען? ער האָט געפיהלט, װײַזט אױס, אַז ער בענשט זי צום לעצטען מאָל און אַז זי װעט איבער אַ יאָהר יום־כפּור שױן ניט דערלעבען. די מאַמע האָט אױך אַ רעכט ביסעל געװײנט בײַם בענשען. זי האָט בעדאַנקט דעם זײדען פאַר די ברכה, און דער זײדע האָט איהר פאַר׳ן אַװעקגעהן געגעבען נאָך עטליכע ברכות און איז אַװעקגעגאַנגען אין שוהל, װאו דער עולם האָט שױן געװאַרט אױף איהם.

אױף מאָרגען אין דער־פריה בין איך געגאַנגען אין שוהל פרעגען דעם זײדען אַ שאלה, װאָס זאָל די מאַמע עסען יום־כפּור? דער זײדע האָט מיר שטרענג אָנגעזאָגט, אַז מען זאָל רופען אַ גױ׳טע און די גױ׳טע זאָל אָפּקאָכען דער מאַמען אַ פרישע יוך, װײַל אַזאַ קראַנקע װי זי טאָר ניט פאַסטען. איך בין געקומען אַהײם און איך האָב דאָס געזאָגט דער מאַמע׳ן. בײַ מײַנע װערטער האָט זי זיך אַ האַפּ געטהון פאַר׳ן קאָפּ און האָט געזאָגט:

— װאָס הײסט, אַ פרישע יוך אום יום־כפּור? גאָט זאָל היטען פון אַזאַ זינד!

— נאָר פאַסטען טאָרסט דו אױך ניט, — האָב איך געפרובט זאָגען.

דאָ האָט די מאַמע מיר געענטפערט, אַז זי װעט טהון, װי דער סעלצער רב האָט איהר געהײסען פאַר־אַ־יאָהרען: אַלע האַלב שעה װעט זי אױפעסען אַ שטיקעל לעקעך, װי אַ האַלב אײ די גרױס. אַלע

ווײַבער, וועלכע זענען געקומען זי געוואָהר ווערען, איז געווען גע-פעלען דער מין עסען, וואָס דער סעלצער רב האָט אַרויסגעגעבען דער מאַמע'ן דעם יום-כפור'דיגען טאָג.

מען איז איבערגעקומען יום-כפור און סוכות און דערלעבט איך שמחת-תורה. דאָס גאַנצע שטעדטעל איז פרעהליך, נאָר בײַ אונז אין שטוב איז טרויעריג, די מאַמע ווינשט זיך, אַז איבער אַ יאָהר אין דער צײַט זאָל זי זײַן אַזוי אָרים, אַז זי זאָל ניט האָבען אויף קײַן שטיקעל ברויט, נאָר זי זאָל זײַן געזונד. איך ווינש מיר, אַז איבער אַ יאָהר אין דער צײַט זאָל איך שוין קײַן קישען ניט האָבען, אַבי די מאַמע זאָל געזונד זײַן, — איך וועל קאָנען דאַן געשמאַק שלאָפען די נאַכט אפילו אויף דער הייליגער ערד.

נאָך סוכות איז די מאַמע נאָך קראַנקער געוואָרען. עס איז בײַ איהר געבליבען צוריק אָנהויבען מיט דאָקטורים, און זי איז באַלד אַוועקגעפאָהרען מיט דער באָבע'ן קײַן סעלץ אויף אַ פּאָר חדשים. איצט בין איך געבליבען שוין ניט אַליין, נאָר מיט אַ דינסט, שיינע גיטעל האָט זי געהייסען, זי איז געווען אַ היגע געבאָרענע, די התונה געהאַט, נאָר דער מאַן איהרער איז געשטאָרבען יונגערהייד. איהרע קינדער האָט צוגענומען איהר שווער היים דער שמיעד, און זי האָט געדאַרפט זײַן בײַ פרעמדע לײַט, נאָר בײַ מיר זײַן האָט ניט געהייסען זײַן אין דער פרעמד, — איהר איז געווען כמעט ווי בײַ זיך אין דער-היים. איך בין געווען אַזאַ גוטע בעל-הבית'טע, אַז איך האָב שיינע גיטלען ניט געוואוסט וואו צו זעצען. איך האָב קיינמאָל ניט דערוועגט זיך איהר הייסען עפּעס טהון. עס איז געווען פּונקט פערקעהרט: זי האָט זיך נאָך מיט מיר געשאַפט. וואָס זי זאָל ניט טהון, איז בײַ מיר אַלצדינג געווען גוט, ווײַל איך האָב זי זעהר ליעב געהאַט און געגלויבט אין איהר עהרליכקייט, אַזוי ווי אין גאָט אַליין. זי איז טאַקע געווען אַ פרומע און אַ שטילע. די מוהמע זלאַטע, וועלכע איז געווען פּראַקטישער און קליגער פון מיר, האָט פערשטאַנען, אַז שיינע גיטעל נאַרט זיך ניט, האָבענדיג אַזאַ בעל-הבית'טע ווי איך. דעריבער האָט זי אָנגעהויבען נאָכקוקען נאָך איהר. זי האָט טאַקע באַלד דערזעהן, וואָס זי האָט געדאַרפט.

די מוהמע איז ניט געווען קיין נאר און האט באלד יעדער'ן שטילערהייד דערצעהלט דערפון, ווייל שרייען הויך האט ניט געפאסט. נאר שיינע גיטעל האט אזוי אויך באלד דערהערט דערפון.

שיינע גיטלען איז די מעשה שטארק ניט אנגעשטאנען. זי האט זיך געשעמט פאר איהר פאמיליע, דעריבער האט זי געמאכט א גרויסען גוואלד און האט זיך גוט צוקריעגט מיט דער מוהמע זלאטע'ן. איך האב עס ניט געקאנט דערטראגען. מיך האט פערדראסען, וואס מען האט בעליידיגט מיין ,שיינע גיטלען. וואס הייסט, שיינע גיטעל האט מיך בע'גנב'עט? איך האב דאס גאר ניט געוואלט גלויבען; איך האב 'זיך גאר ניט געקאנט פארשטעלען, אז פרומקייט מיט עהרליכקייט זענען צוויי בעזונדערע זאכען. איך האב נאר געציטערט, אז גאט זאל ניט שטראפען די מוהמע זלאטע'ן דערפאר, וואס זי האט אומזיסט בעליידיגט אזא כשר'ע נשמה, ווי שיינע גיטעל איז. איך האב זיך געשעמט איהר קוקען אין די אויגען און האב זיך געפונען שולדיג אנטקעגען איהר; איך האב געזוכט מיטלען, ווי אזוי צו בעצאהלען איהר פאר די בעליידיגונג; איך האב זיך געהאלטען אין איין פערענטפערן פאר איהר, אז איך גלויב ניט אין דעם, וואס די מוהמע זאגט. בעת איך האב זיך פערענטפערט, האט זי אנגעהויבען שילטען די מוהמען פאר מיר אין די אויגען. מיר איז דערפון נאך ערגער געווארען, און איך האב אנגעהויבען זוכען אנדערע מיטלען, ווי אזוי צופריעדען צו שטעלען מיין שיינע גיטלע'ן. איך האב טאקע געפונען באלד א מיטעל: איך בין געזעסען דורך די נאכט און האב אויסגענייהט עטליכע העמדלעך פאר שיינע גיטעל'ס יונגלעך. שיינע גיטעל איז מיט די העמדלעך שטארק צופריעדען געווען, און מיר האט עס הנאה געטהון, אז איך האב איינגעצאהלט א חוב, וואס איך בין איהר שולדיג געווען. דערמיט בין איך געווען זיכער, אז גאט וועט שוין ניט שטראפען די מוהמען פאר איהר גרויסע זינד. נאר שיינע גיטעל, ווייזט אויס, האט זיך ניט בענוגענט מיט דעם און זי האט זיך בעסער אליין געצאהלט, טאקע פון מיין קעשענע. נאך אלע זאכען איז זי געווען א וואויל ווייבעל. זי האט גוט געקאכט און האט א גאנצען טאג געארבייט פאר מיר מיט מיין ברודער'ל און פאר איהרע קינדערלעך.

איך האב דערווייל געלעבט ווי א פירשטין, איך בין נאר געווען א קרעמערין. אפילו עסען האט מיר דערלאנגט שיינע גיטעל. איך האב דעמאלט געהאט גענוג ליידיגע צייט און האב געקאנט לייענען

אַמאָל ביכעל. אַזוי לייענען איז אָבער ניט געווען וואָס. וואו עס איז נאָך געווען אַביכעל אין שטעדטעל, האָב איך עס שוין געלייענט דריי מאָל, און האָב שוין זיי אַלע געקענט אויסווענדיג. איך האָב אָנגעהויבען טראַכטען וואו צו נעהמען וואָס אויף לייענען? נאָך לאַנג טראַכטען האָב איך זיך בעשלאָסען אויף אַ שווערע זאַך. פריהער האָב איך אַליין זיך דערשראָקען פאַר דעם געדאַנק, נאָר דערנאָך איז ביי מיר געבליבען צו פרובען זיך און אָנצוקומען צו האַצקעל דעם לאַנגען, ווען ער האָט געזאָלט פאָהרען קיין סעליץ. דעמאָלט האָב איך מיך אָנגענומען מיט כח און האָב איהם געבעטען, ער זאָל מיר טהון אַ טובה און ברייננגען מיר אַ בוך פון סעליצער ביבליאָטעק. אויב מען וועט דאַרפען איינלעגען געלד, האָב איך איהם געזאָגט, זאָל ער געבען, און פאַר זיין טרחה האָב איך איהם אויך צוגעזאָגט צו בעצאָהלען. ער האָט זיך אַביסעל אַ קנייטש געטהון, אַז ער האָט קיין צייט ניט אָפצוגעבען זיך מיט אַזוינע נאַרישקייטען, נאָר דערנאָך האָט ער געזאָגט, אַז ער וועט מיר טהון צוליעב, און וועט זיך מאַכען צייט אויף אַריינגעהן אין ביבליאָטעק. איך האָב אָנגעהויבען צו ציטערן פאַר פרייד, און האָב גאָרניט געוואוסט, ווי אַזוי גאָט צו דאַנקען דערפאַר, וואָס ער האָט געשענקט האַצקעל דעם לאַנגען אַ גוטע מינוט, ער זאָל מיך אויסהערען. אויף די גוטע מינוטען ביי האַצקלען האָב איך לאַנג אַרויסגעקוקט, ווייל זינט ער איז רייך געוואָרען, זענען אַזוינע מינוטען געווען ביי איהם זעהר וועניג. דערהויפט פלעגען זיי זיין וועניג פאַר מיר, ווייל די גרויסע קרעמער, די בעלי־בתים, האָט ער געמוזט פערשווייגען, האָטש אין דער־היים האָט ער זיי געשאָלטען אַ פולען קאָפּ. דערפאַר צו מיר, קליינינקע קרעמערין, האָט ער שטענדיג אויסגעלאָזען זיין גאַנץ ביטער האַרץ. איך פלעג שווייגען, ווי אַ קעצעלע, און אויסהערען שטיל זיינע זידלערייען. אַז ער האָט געגעבען אויף מיר אַ קוק, פלעג איך ווערען אַ פערציטערטע.

ענטקעגען אַלעמען בין איך געווען שטאָלץ, נאָר פאַר נאָך איין מענשען פלעג איך ווערען געפאַלען אַזוי ווי פאַר האַצקלען. דאָס איז געווען דער אַקציזניק. פאַר'ן אַקציזניק האָב איך זיך שטענדיג געפיהלט שולדיג. ביי מיר אין קראָם איז געווען מעהר טרפ'ע זאַכען ווי כשר'ע, ווייל ווען מען זאָל וועלען אין די קליינ־שטעדטעלדיגע קראָמען האַנדלען, ווי דער אַקציזניק וויל, וואָלט מען פאַר דעם פאַטענט געדאַרפט מעהר בעצאָהלען, וויפיעל מען לייזט

א גאנץ יאהר. אזוי האב איך געמוזט מורא האבען פאר'ן אקציזניק. איך האב איהם קיינמאל ניט געזעהן, ווייל ווי איך פלעג נאר דערהערען קלינגען א גלעקעל, בין איך שוין געווען בלאס ווי די וואנד, האב געהאפט אלע טרפ'ע זאכען, ווי אויך דאס תהלים'ל, און האב זיך בעהאלטען אין קעלער. דארט האט מיר געציטערט יעדעס גליעד. איך בין דארט געזעסען, געזאגט תהלים און געבעטען גאט, אז דער אקציזניק זאל זיך אנשכור'ן ביי דעם גלה און זאל קיין כח ניט האבען צו געהן איבער די קראמען. מיין תהלים האט שטענדיג געהאלפען. דער אקציזניק פלעגט טאקי שכור'ן ביי דעם גלה עטליכע שעה און פלעגט אוועקפאהרען. ערשט אז איך פלעג דערהערען דאס גלעקעל ארויספאהרענדיג פון דעם גלה'ס הויף, פלעג איך ארויסקריכען פון קעלער מיט דער טרפ'ער סחורה און מיט'ן תהלים'ל. דעמאלט האב איך שוין פריי געעטהעמט און אליין פון זיך געלאכט, וואס איך האב זיך אזוי דערשראקען. איך האב געלאכט, ווייל איך האב געפיהלט, אז דער אקציזניק איז שוין ווייט. אז איך בין אריינגעקומען צוריק אין שטוב, האב איך שטענדיג געטראפען דעם ווידען, זיצענדיג אין קראם, ווייל ווי דער ייִדע האט נאר דערהערט דאס גלעקעל, איז ער באלד געקומען צו לויפען, אום מיך צו בערוהיגען און אכטונג צו געבען. באסיע־ריזעל האט געקענט א בעזונדער תחינה אויף אויסענווענינג, וואס זי פלעגט זאגען, ווען דער אקציזניק פלעגט דורכפאהרען. אויף איהר פלעג איך, געוועהנליך, איבערלאזען די קראם. זי האט געשעפטשעט די תחינה און די ציהן האבען זיך איהר געטרייסעלט אין מויל פאר שרעק. צו וואס, האב איך געטראכט, דארף דער אקציזניק פערגיסען אזוי פיעל בלוט איבער אזא נארישקייט? דער קייזער וועט דען ארימער ווערען, אז די קרעמער פון די קליינע שטעדטעלעך וועלען ניט צאהלען פאטענט פאר אלע סחורות? וואס זאלען נעבעך טהון די ארימע קרעמער, אז דאס געשעפט טראגט ניט אויף אזוינע הוצאות? וויפיעל מצוות, דאכט זיך, וואלט דער אקציזניק געקאנט פערדיענען, ווען ער איז א גוטער מענש! אלע וואלטען איהם געבענשט, געבעטען גאט פאר איהם; האטש מתנות שענקט מען איהם סיי־ווי, נאר וואס פאר א שענקען, מיט וואס פאר א הערצער! מיר פלעגט זיך דאכטען, אז ווען איך בין אויף זיין ארט, וואלט איך אריינגעגאנגען צו יעדען קרעמער און געזאגט: „פערקויפט איך, יודעלעך, וואס איהר

ווילט, איך וועל אַייך גאָרניט זאָגען!" אָט דעמאָלט וואָלט ער געוועזען אַ גוטער מענש, און ניט קומען מיט'ן גלעקעל און דערשרעקען דאָס גאַנצע שטעדטעל.

אָט פאַר דעם רעוויזאָר איז טאַקי געוועזען וואָס מורא צו האָבען, אָבער וואָס האָב איך געדאַרפט ציטערן פאַר האַצקלען דעם בעל-עגלה? אַז ער ברענגט עפּעס, בעצאָהלט מען איהם, דאַכט זיך, גוטע געלד דערפאַר, און צו'ם סוף בייזערט ער זיך נאָך. אַז ער האָט געדאַרפט אָוועקפאָהרען, איז נעבען איהם געשטאַנען אַ גאַנץ רעדעל קרעמער, און יעדער האָט געזעהן, ווי אַזוי בעסער צו בעטען איהם, ער זאָל ברענגען וואָס מען דאַרף. בעת איך האָב געפיהלט, אַז עס קומט אָן צו מיר, האָט מיר געקלאַפּט אין האַרצען ווי מיט אַ האַמער, און אַז איך האָב ניט בעגעגענט זיין בייזען קוק מיט זיינע שטעכעדיגע ווערטער, בין איך געוועזען אַ גליקליכער. היה ביילע איז געשטאַנען נעבען איהם, האָט בעטראַכט דעם עולם מיט אַ שטאָלצער מינע און האָט זיך וואָס ווייטער מעהר אָנגעבלאָזען. זי האָט אַלע מאָל אַ קוק געטהון אויפ'ן רעדעל נאַרישע מענשען און האָט זיך צופריעדען אונטערגעשמייכעלט, אַז קיינער זאָל ניט זעהן. מען האָט אַלצדינג פערטראָגען פון איהם: זידלערייען, קללות, אַבי שטעהן און בוקען זיך צו איהם. עפּעס אַ צוגעטהונענע זאַך איז דאָס געוועזען. דאַכט זיך, עס זענען דאָ אַנדערע בעלי-עגלות, וואָס הייסען אַזוי גוט די קאָמיסיע ווי האַצקעל, און דערצו זענען זיי נאָך ניט אַזוינע שלעכטע, אַזוינע בייזע ווי ער. זיי זענען דאַנקבאַר דעם, וואָס גיט זיי צו פערדיענען, און דאָך געהט קיינער ניט צו זיי. מען איז בעסער גרייט צו ליידען אַלצדינג און בויגען דעם קאָפּ פאַר איהם, אַבי האַנדלען מיט האַצקלען. פאַרוואָס איז דאָס אַזוי? פרעגען אַלע, און קיינער געהט ניט אַוועק. איידיל איז טאַקי גערעכט, וואָס זי זאָגט, אַז דאָס אַלץ איז היה ביילע'ס מזל גורם, ווייל פאַרוואָס איז פריהער האַצקעל געזעסען אָהן ברויט, און קיינער איז צו איהם ניט געגאַנגען?

עס פערשטעהט זיך, ווי מיר איז געוועזען, אַז איך האָב געדאַרפט צו איהם אָנקומען, און נאָך מיט אַזאַ דולעניש ווי אַ בוך ברענגען. נאָר מיר האָט אָבגעגליקט. גאָט האָט חייך געמאַכט אויף אַ מינוט האַצקעל'ס האַרץ, און ער האָט מיר צוגעזאָגט צו ברענגען אַ בוך. איך האָב איהם זעהר שעָן בעדאַנקט דערפאַר,

און וויפיעל איך האָב איהם בעדאַנקט, האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, אַז עס איז נאָך אַלץ וועניג. איך האָב גאָרניט געקאָנט אויסדריקען, וואָס איך האָב געפיהלט דעמאָלט צו האַצקלען. אין איין מינוט האָב איך פערגעסען אַלע בעליידיגונגען, וואָס איך פלעג אויסשטעהן פון איהם, און בין איהם פלוצלונג געוואָרען דער בעסטער גוטער פריינד. ער איז מיר געוואָרען טייערער ווי אַנ'אייגענער ברודער. ווען איך האָב ניט מורא פאַר חיה ביילע'ן, וואָלט איך איהם אַ קוש געטהון — אַזוי ליעב האָב איך איהם דעמאָלט געהאַט.

די צייט, וואָס האַצקעל איז געווען אין וועג, האָב איך נאָר געבעטען גאָט, ער זאָל קומען אַהיים בשלום, עס זאָל זיך איהם אין וועג ניט טרעפען עפּעס אַנ'אונגליק. איך האָב געצעהלט די מינוטען, ביז איך האָב דערלעבט, ער זאָל שוין קומען, אָבער — דערלעבט! איך האָב דערזעהן האַצקלען, האָב איך זיך אַזוי דערפרעהט, פונקט ווי איך וואָלט דערזעהן דעם טאַטען פון יענער וועלט. דאָס בוך אָבער האָב איך נאָך אַלץ ניט געהאַט. איך האָב נאָך געדאַרפט גענוג וואַרטען דערויף, ווייל באַלד ווי האַצקעל איז געקומען, האָט מען מיט איהם ניט געטאָרט רעדען — אַזוי בייז איז ער געווען. מען האָט געדאַרפט וואַרטען, ביז ער האָט אָבגעגעסען און זיך גוט אויסגעשלאָפען, דערנאָך איז ערשט געווען אַ האָפנונג צוצוקומען צו איהם. איך האָב אַלצדינג איבערגעוואַרט, נאָך מעהר וויפיעל מען האָט געדאַרפט — אַ דאגה, זאָל מיינס איבערגעהן. איך האָב קוים דערלעבט צו דערזעהן האַצקלען אַנ'אויסגעשלאָפענעם, נאָר איך שעם זיך אַלץ צו פרעגען וועגען אַ בוך, ווייל איך האָב מורא פאַר חיה ביילע'ן, זי זאָל מיך ניט בערעדען פאַר לייטען, וואָס איך האָב אַ פוסטען קאָפּ: די מאַמע ליעגט אַ קראַנקע אין סעליץ, און איך האָב גאָר אין זינען ביכער! דערפאַר שוויג איך שוין און וואַרט, וואָס האַצקעל וועט זאָגען. פלוצלונג גיט מיר אַ בלישטשע עפּעס אויפ'ן פענסטער, אַיינגעבונדען אין אַ פּאַפּיר. איך נעהם עס און פרעג האַצקלען, צי מען מעג אַ קוק טהון, וואָס דאָס איז. ענטפערט ער מיר, אַז דאָס איז טאַקי פאַר מיר, און דערווייל דערצעהלט ער מיר, אַז ער האָט געהאַט גרויס מיה, ביז ער האָט געקראָגען דאָס בוך, ווייל איך האָב געשריבען, מען זאָל שיקען נאָר שמר'ס ראָמאַן „דער קאַטאָרזשניק". ער האָט איינגעלעגט אַ רובל

פאַר איהם. נאָר איך האָב שוין ניט געהערט די לעצטע ווערטער זיינע. איך האָב באַלד צעריסען דאָס פּאַפּיר, האָב אויפגעעפענט אַ גראָב בוך פון פיערהונדערט בלעטלעך, — אַזוי פיעל צו לייענען! אַ שטיק געזונד! די גרויסע ווערטער אויפ'ן ערשטען בלעטעל: „דער קאַטאָרזשניק" האָבען מיר אַ לייכט געטהון אין די אויגען. איך האָב באַלד געהאַפּט דאָס בוך און בין ענטלאָפען אַהיים, אפילו ניט געזאָגט קיין גוט־נאַכט.

ביי'ם אַרויסלויפען האָב איך בעמערקט, אַז חיהביילע האָט מיך בעגלייט מיט אַ קרומען קוק. איך האָב פערשטאַנען נאָך דעם קוק, אַז זי וויל עפּעס זאָגען. איך בין אַרויסגעגאַנגען פון איהר שטיבעלע, האָב זיך בעהאַלטען אין אַ ווינקעלע און האָב זיך געוואָלט איינהערען, צי חיה ביילע וועט עפּעס רעדען וועגען מיר. און איך האָב טאַקי געטראָפען. ווי איך האָב נאָר פערמאַכט די טהיר, האָט זי זיך שוין אָנגערופען צו בעריל דעם מלמד: „וואָס זאָגט איהר אויף שרה'ס בת יהודה? און וואָס איהר קאָפּ ליעגט! זי האָט שוין די מאַמען אַ סך אין זינען! זי קאָן שוין אויסקומען אָהן איהר. זי וואָלט שוין געוויס געוואָלט, אַז זי זאָל וואָס גיכער שטאַרבען, וועט זי שוין ווערען פריי, וועט קאָנען לייענען ביכלעך און נאָך אַזוינע זאַכען. וואָס וועט שוין זיין שפּעטער מיט איהר, אַז צו פערצעהן יאָהר ברענט זי אַזוי די וועלט?" בעריל דער מלמד האָט זי אויסגעהערט ביז'ן סוף און האָט איהר געענטפערט אַזוי גוט, אַז איך האָב געטאַנצט הינטער דער טהיר פאַר פרייד. ער האָט איהר געזאָגט, אַז דאָס נעהמט זיך דערפון, וואָס איך האָב אַ גוטען קאָפּ, וואָס איך בין אַ קלוגע און אַ פערשטענדליכע. „ווען זי איז אַ יונגעל, וואָלט זי אויסגעוואַקסען אַזאַ למדן ווי איהר טאַטע".

איך האָב דאָס אַלצדינג אויסגעהערט, שטעהענדיג הינטער דער טהיר, און דערנאָך האָב איך זיך געלאָזט געהן אַהיים. געהענדיג האָב איך געטראַכט, ווי אַזוי וועט מאָרגען חיה ביילע מיר קאָנען קוקען אין די אויגען, ווען זי האָט נעכטען אַזוי גערעדט אויף מיר? נאָר באַלד האָב איך אָן דעם פערגעסען, ווייל איך האָב געהאַט דאָס בוך מיט זיך. איך האָב אָבגעטהון אַלע נויטיגע אַרבייט און האָב זיך געזעצט לייענען. אין שטוב איז געווען שטיל. מיין ברודערל איז שוין געשלאָפען. שיינע גיטעל איז געזעסען און האָט געדרעמעלט נעבען דער פּראָשניצע. דער

שפינדעל איז איהר אַלע מאָל געפאַלען פון די הענד, און צום סוף איז זי טאַקי איינגעשלאָפען מיט אַ זיסען שלאָף, וועלכער האָט זיך געלאָזט הערען איבער'ן גאַנצען הדר. ווייטער האָט מען גאָרניט געהערט. איך בין געווען צופריעדען, וואָס קיינער שטערט מיר ניט, און איך קאָן זיך רוהיג לייענען. איך האָב אפילו פערגעסען, אַז איך דאַרף מאָרגען אויפשטעהן פריה. דער זייגער האָט שוין געשלאָגען צוויי, און איך זיץ נאָך אַלץ. איך האָב ניט ווילענדיג אַ קוק געטהון אין פענסטער, און עס האָט מיך אָנגעהויבען צו שוידערן. אין גאַנצען שטעדטעל איז געווען פינסטער, אין ערגעץ איז ניט געווען קיין פונק פייער — שטיל אַזוי ווי אויף אַ בית-עולם, מען הערט נאָר דעם זייגער קלאַפען און שייגע גיטעל'ס הראָפען. עס איז מיר אַביסעל געוואָרען מורא'דיג. איך האָב זיך דערשראָקען פאַר מיין שאָטען, וועלכען איך האָב דערזעהן אין פענסטער. איך האָב אָנגעהויבען וועקען שיינגע גיטלען. קוים האָב איך זי אויפגעוועקט, האָט זי זיך דערשראָקען, וואָס איך וועק זי, איז צוגעלאָפען צו מיר און האָט מיך אָנגעהויבען פרעגען, וואָס איז מיט מיר. איך האָב איהר געענטפערט, אַז איך האָב געזעהן אַ מענשען שטעהן הינטער'ן פענסטער. זי האָט אַ קוק געטהון אויף מיין בלייך דערשראָקען פנים, אויף אויפ'ן זייגער, וועלכער האָט ניט לאַנג געשלאָגען האַלב דריי און צום סוף — אויפ'ן אָפענעם בוך. אָט דאָ האָט זי פערשטאַנען, וואָס דאָ טהוט זיך. זי האָט אויף מיר אויסגעשפיגען עטליכע מאָל און האָט מיך גענומען שטראָפען, וואָס איך האָב אַזאַ פוסטען קאָפּ: „דיר ליעגט אין זינען אַזעלכע נאַרישקייטען, ווי ביכלעך לייענען. קוק זיך אַרום, וועסט דו זעהן, ווי דו האַלטסט: האָסט ניט קיין טאַטען, דיין מאַמע איז אַ קראַנקע, און דו ביזט שוין ניט קיין קינד; דאַרפסט שוין פערשטעהן דיין לאַגע, און דו האָסט גאָר אין זינען ביכלעך צו לייענען, זיצען דורך די נעכט און אין דערפריה דעם קאָפּ ניט קאָנען אויפהויבען! שעמען מעגסטו זיך! האַלטסט זיך נאָך פאַר אַ קלוגע. ניט אומזיסט זאָגען לייט, אַז דיין גאַנצע געראָטענקייט האָט קיין מאַכט ניט, תורה און הכמה אין אַ פוסטען פאַס. געה, לעג זיך שלאָפען! מעגסט זיך שוין צושיידען מיט דיין ספר!"

איך האָב זי געלייך געפאָלגט און האָב מיין ספר אונטערגעלעגט אונטער'ן קישען, שיינע גיטעל זאָל ניט זעהן, וואָרום

איך האָב שטאַרק געציטערט, זי זאָל עס ניט פערברענגען. איך האָב זיך געלעגט שלאָפען און דאָס ערשטע מאָל אויף מיין לעבען פערגעסען לייענען קריאת=שמע פאַר'ן שלאָף.

אויף מאָרגען אין דערפריה האָב איך זיך ערשט דערמאָהנט, אַז איך האָב פערגעסען קריאת=שמע לייענען. עס האָט מיר אַזש אַ שטאָך געטהון אין האַרצען פאַר פערדרוס. היה ביילע איז טאַקי גערעכט, וואָס זי זאָגט, אַז איך בין אַ צוטראָגענע. איז דאָס טאַקי אמת, אַז די ביכלעך פיהרען אַראָב פון וועג? ניין! איך גלויב ניט. וואָס איז שייך איינס צו'ם אַנדערן? מען קאָן זיין פרום לייענענדיג ביכלעך אויך. דאָס, וואָס איך האָב נעכטען פערגעסען לייענען קריאת=שמע, איז דאָס זיך גלאַט אַזוי. עס טרעפט זיך, אַז מען פערגעסט. איך בין געוועזען זיכער, אַז דאָס וועט זיך מיט מיר שוין מעהר ניט טרעפען. אַ גאַנצען טאָג בין איך אַרומגעגאַנגען ווי צוטומעלט. די העלדען פון דעם „קאַטאָרזשניק" זענען מיר געשטאַנען פאַר די אויגען. וואוהין איך בין געגאַנגען, זענען זיי מיר אָנגעקומען ענטקעגען. זיי זענען מיר געוועזען אַזוי ליעב און טייער, אַזוי ווי אייגענע, אַזוי ווי איך וואָלט זיי שוין געקענט פון יאָהרען לאַנג. איך האָב געוואָלט שוין דערלעבען די מינוט, איך זאָל שוין ווייטער קאָנען לייענען, ווייל דער עיקר=אינטערעס האָט נאָך ערשט געדאַרפט זיין שפּעטער. נאָר עס איז נאָך געוועזען גאַנץ ווייט צו דער גליקליכער מינוט, ווייל היינט איז דאָנערשטאָג און איך האָב נאָך אַ סך אַרבייט. עס איז פול די קלייט, איך ווייס ניט ווען פריהער צו ענטפערן, און אויף דער נאַכט, ווען עס וועט ווערען שטיל, וועל איך זיך גלאַט ניט פערגינען אין מיטען דאָנערשטאָג זיך אַוועקזעצען איבער'ן בוך. וואָסער יודישע טאָכטער קאָן זיך דאָס ערלויבען? און וועגען פרייטאָג איז שוין געווים ניטאָ וואָס צו רעדען, — וואָרום ווער האָט פרייטאָג צייט? אָבער דערפאַר פרייטאָג=צו=נאַכט — אַזאַ לאַנגער אָבענד! אפילו זומער איז אויך דאָ גענוג צייט אין איהם, און מען קאָן טאַקי זיצען שפּעטער, ווייל מאָרגען דאַרפען מען דאָך ניט פריה אויפשטעהן. און דאָס פערגניגען פון מאָרגענדיגען טאָג לאָזט זיך גאָר ניט בעשרייבען. היינט שבת=צו=נאַכט איז דאָך עפּעס אויך ניט קיין פּראָסטער אָבענד, מען קאָן אויך אַביסעל אַ לייען טהון. אָבער דערפאַר דער זונטאָג! אָ, דער זונטאָג, ווי פיינד האָב איך איהם מיט זיינע שכּור'ע גוים!

דערלעבט, דאַנקען גאָט, דעם שבת, אָבגעבענשט ליכט און איך גער שוין נעהמען דאָס בוך אין אַלמער. פּלוצלונג דערמאָהן איך זיך אָן דעם קבלת שבת. ניט ווילענדיג מאַך איך אַ קרומע מינע און גיב אַ קוק בייז אויף דעם קרבן מנחה, נאָר איך האָב מורא וועגען דעם צו טראַכטען. איך פיהל, אַז עס געלוסט זיך מיר ניט דאַוונען. נאָר איך נעהם זיך אָן מיט כח, עפען אויף דעם קרבן מנחה און הויב אָן צו זאָגען לכה דודי מיט דעם זיסען ניגון, וואָס די מאַמע פלעגט זאָגען. איך האָב ליעב געהאַט די עברי פון קבלת שבת מיט זייער שענעם ניגון! עפּעס אין יעדען וואָרט פיהלט זיך אַ זיסע מוזיק. יעדעס וואָרט דריקט אויס אַנ׳אַנדער געזאַנג, און אינאיינעם גיסען זיך צונויף אַלע ווערטער מיט אַלע געזאַנגען, און עס קלינגט אין די אויערן אַזאַ זיסע מעלאָדיע, אַז זי צעגעהט איבער אַלע גליעדער. עפּעס הויבט מען זיך אָן פיהלען נעהענטער צו גאָט, מען פיהלט זיך העכער, שענער, גליקליכער ווי אַלע מאָל. אַלע מאָל פלעג איך בעת׳ן זאָגען די תּפילה אַוועקשוועבען גאַנץ הויך, נאָר היינטיגען פרייטאָג־צונאַכט בין איך שטאַרק הויך ניט געפלויגען. איך האָב אפילו געפיהלט אין דעם געזאַנג דאָס אייגענע פערגניגען וואָס פריהער, נאָר דאָך האָב איך געזעהן ניט ווילענדיג אָבצוזאָגען די תפילה וואָס גיכער, ווייל אַלע ווייַלע האָט זיך מיר געוואָלט אַ קוק טהון אויפ׳ן אַלמער, וועלכער איז געווען דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבען פערשלאָסען.

מיט׳ן פערשליסען האָב איך אייגענטליך אַביסעל אַ שאָדען געטהון דער פרומער שיינע גיטעל, נאָר איך האָב דערפון ניט געוואוסט. איך בין געווען איינגעטרויט אין איהר, ווי אין אַנ׳אייגענער שוועסטער. אַלץ האָב איך איהר געטרויט, נאָר אויסער דעם בוך, ווייל אַנ׳אייגענער שוועסטער וואָלט איך עס אויך ניט געטרויט. איך היט דעם שליסעל פון אַלמער און האַלט איהם שטענדיג אין קעשענע. ווען שיינע גיטעל דאַרף צום אַלמער, שרייט זי אויף מיר, וואָס איך פערשליס זיך. וואָס האָט זי ביי מיר גע׳גנב׳עט? — פרעגט זי. איך ווער רויט און ווייס איהר ניט וואָס צו ענטפערן. נאָר דעם שליסעל גיב איך איהר אַלץ ניט.

איך האָב קוים זיך דערוואַרט, עס זאָל שוין זיין נאָך ווערשערע, און האָב זיך אַוועקגעזעצט לייענען. מיין ברודערל האָט אויך אַריינגעקוקט עפּעס אין אַ ספר — ער האָט אויך ליעב גע-

האט צו לייענען. ער פלעגט פון מיינע ביכלעך אליין לאכען: אויך א מענש, א מיידעל לייענט! זי וויים דען וואס זי לייענט? איך פלעג זיך פיהלען שטארק בעליידיגט פון אזוינע ווערטער, און מיר פלעגען גאנץ אפט זיך צושלאגען וועגען דעם. דערזעהענדיג איצט, אז איך לייען שמר׳ס א ראמאן, האט ער אויך א שמייכעל געטהון, נאר ער האט אבגעשוויגען דערוויל. איך האב זיך ווייניג איצט אינטערעסירט מיט זיין מיינונג. מיך האט איין זאך אינטערעסירט: וואס האט זיך ווייטער פאסירט מיט די העלדען פון שמר׳ס ראמאן. איך בין געזעסען יענעם פרייטאג־צו־נאכט זעהר שפעט; איך וואלט אפשר געזעסען ביז טאג, נאר א גליק, וואס אין לאמפ איז אויסגעגאנגען דער קעראסין. איך האב זיך אויסגעטהון, צוגעמאכט די אויגען, ווייל די דריי שאטענס פון די לייכטער אויף דער וואנד האבען מיך געשראקען. איך האב שוין אבגעלייענט קריאת־שמע, ליעגענדיג אין בעט. איך האב ארויסגעזאגט די ווערטער גלאט פון דעם מויל, ווייל איך בין שוין געווען געוואוינהנט צו זיי, אבער מיינע געדאנקען זענען געווען פערנומען מיט עפעס אנדערש. דורך די צוגעמאכטע אויגען האב איך געזעהן שמר׳ס העלדען ווי לעבעדיג. איך האב אליין געטראכט, וואס וועט מיט זיי ווייטער זיין. זייער לעבען האט מיך שטארק אינטערעסירט. מיר דאכט, אז איך האב געפיהלט זייערע ליידען און פריידען; די ליידענדע — בעדויערט, די גליקליכע — מקנא געווען. נאר דעם סוף פון דעם בוך האב איך פארט ניט געטראפען. איך האב געציטערט, אז ער וועט זיין א שלעכטער, און צו מיין גרויסער פרייד האט ער זיך אויסגעלאזט גוט. א, ווי אזוי האב איך אנגעקוואלען פון דעם טייערן סוף! די אומגליקליכע, די גערעכטע זענען גליקליך געווארען, און די פאלשע, די פערברעכער זענען בעשטראפט געווארען נאך זייער פערדיענסט, און עס איז געווארען א וועלט פון אמת. דאס בוך האט מיר אינגאנצען מיינע געדאנקען איבערגעקעהרט. איך האב זיך דארט דערוואוסט פון א סך זאכען, וואס איך האב פריהער דאס קיינמאל ניט פארגעשטעלט. איך האב דארט געלייענט, אז א יונגעל, וואס זיצט טאג ווי נאכט איבער דער גמרא אין בית־המדרש, קאן דערנאך אויסשטודירען אויף א דאקטאר. עס האט זיך גארניט געגלויבט, אז פון א פראסטען ישיבה־בחור זאל ווערען א דאקטאר. נאר אז שמר שרייבט, מסתמא וויסט ער דאך.

געװיס האָט ער דאָס אַלײן געזעהן מיט זײַנע אױגען. אין אַ בריװעל, האָב איך מיר געטראַכט, קאָן מען אַמאָל שרײַבען אַ ליגען אױך, אָבער אין אַ בוך קאָן דאָך דאָס ניט זײַן — דאָס איז שױן דער אמת אַלײן. נאָר אײן זאַך האָב איך זיך ניט געקאָנט פֿאָרשטעלען: װאָס הײסט אַ יודישער באַראָן מיט אַזאַ גרױס עשירות, װי עס איז פֿאָרגעשטעלט אין דעם בוך? אפשר אין די גרױסע שטעדט זענען פֿאַראַן אַזױנע, װער װײסט? איך װאָלט זײ געװאָלט זעהן, — טראַכט איך מיר. — דאָס זענען געװיס ניט קײן געװעהנליכע מענשען. װי אַזױ פֿיהלען זײ זיך בײַ אַזאַ לעבען, װען שטענדיג איז בײַ זײ יום־טוב, נאָר מען עסט, מען טרינקט, מען שפּאַצירט אַרום אין זײַדענע קלײדער און מען שלאָפֿט ביז צװעלף אַ זײגער. הײַנט זײערע קינדער! יעדעס פֿון זײ האָט אַנ׳אַנדער דיענסט, באָנעס, גוװערנאַנטקעס, זײ קאָנען רעדען אױף אַלערלײ שפּראַכען; אַ סטודענט, אַ דאָקטאָר, אַנ׳אַדװאָקאַט זענען בײַ זײ הײמישע מענשען, זײ זענען דאָרט הײמישע געסט. אַלע טאָג ברענגען זײ מתנות די קינדער, און ניט אַבי־װאָס אױך. עפּעס די קינדער זענען דאָרט אַזױ טײַער, קײנער זאָגט זײ קײן שלעכט װאָרט ניט, נאָר מיט גוטען, נאָר מיט אײדעלקײַט. אפילו אַז זײ טהוען דעם גרעסטען שאָדען, טהוט מען זײ אױך גאָרניט. מען זאָגט זײ קײן װאָרט ניט, די מאַמע גיט נאָך זײ אַ קוש דערפֿאַר, כדי דאָס קינד זאָל זײַן רוהיג. גליקליכע קינדער! װאָס װאָלט, דאַכט זיך, גאָט געאַרט, װען איך בין דעם יודישען באַראָנ׳ס אַ טאָכטער? דער באַראָן, פֿון װעלכען איך לײען בײַ שמר׳ן, האָט אינגאַנצען צװײ קינדער, איך װאָלט דאָך אױך געקאָנט זײַן אַ באַראָנעסין גלײַך מיט זײ. איך װאָלט, דאַכט מיר, געװען אַ בעסערע פֿון זײ. איך װאָלט ניט ענטלאָפֿען פֿון אָרימע לײט, אַזױ װי זײ. הײַנט װאָלט איך געװען אַ סך פֿרימער פֿון זײ. מיר דאַכט, אַז ערשט אין אַזאַ רײַכטום איז שען, אַז מען איז פֿרום. דאַכט זיך, װאָס פֿאַר אַ שענער שבת װאָלט בײַ זײ געװען, װען זײ האַלטען פֿון איהם, װאָס פֿאַר אַ שענער, פּסח, שבועות, סוכות! איך שטעל מיר פֿאָר אַ סוכּה אין זעהר אַ שענעם גאָרטען. נאָר זײ האַלטען גאָרניט דערפֿון. װאָס איז בײַ זײ אַ סוכּה? זײ האָבען שענע גאָרטען־בײדלעך, אין װעלכע זײ טרינקען אַ גאַנצען זומער טהײ מיט פּוטער־קיכלעך. פּוטער־קיכלעך איז בײַ זײ אַ װאָכעדיגער גאַנג, הײַנט װאָס דאַרפֿען זײ שבועות? פּסח איז בײַ

זיי אויך ניט אַזאַ גרויסער אַנטיק, ווייל וויין טרינקען זיי אַ גאַנץ יאָהר, און גענוג. אַלזאָ וואָס טויגען זיי די ימים-טובים, אַז ביי זיי איז אַ גאַנץ יאָהר יום-טוב? און דאָך, טראַכט איך מיר, וואָלט איך געוואָלט וויסען, צי זיי טראַכטען אַמאָל פון טויט? דאָס שטיקעל זיסע וועלטעל וועט אַוועקלויפען ווי אַ חלום, און דערנאָך וואָס וועלען זיי ענטפערן דעם בית-דין של מעלה פאַר אַלע זייערע אַפּיקורסישע שטיק? דאָרט וועט מען זיי צאָהלען פאַר אַלץ! — טראַכט איך און נעהם שוין נקמה אָן זיי, און דאָ דערמאָהן איך מיר אָן די ערצעהלונגען פון שבט-מוסר, ווי אַזוי מען שטראָפט די רשעים אין גהינום. דאָס אָבער בערוהיגט מיך ניט און איך קאָן אַלץ ניט אויפהערען זיי מקנא צו זיין פאַר זייער עולם הזה און פאַר זייער גוט לעבען. איך בעשליס ביי מיר דערפאַר בעסער גאָר אויפהערען צו קלערען וועגען זיי.

אָן איין פערזאָן פון בוך האָב איך אָבער ניט געקאָנט פערגעסען. זי איז מיר נאָכגעגאַנגען ווי אַ שאָטען וואוהין איך בין געגאַנגען און וואו איך בין געשטאַנען. דאָס איז געווען דער הויפּט-העלד פון דעם ראָמאַן, אַן אָרימער ישיבה-בחור, אַ גרויסער למדן, אַ פרומער און אַ שענער דערביי, מיט ברענענדיגע אויגען. ער האָט געהאַט זעהר אַ שאַרפען מוח. צו אַכטצעהן יאָהר האָט ער געהאַט סמיכות אויף רבנות. דער ראש-ישיבה האָט זיך זעהר גרויס געהאַלטען מיט איהם. דער דוד'ל איז געזעסען טאָג און נאַכט ביי דער גמרא. ער האָט קיינמאָל קיין ליכטיגע וועלט ניט געזעהן. פּלוצלונג, דורך אַ זעלטענעם צופאַל, פאַלט אַריין דער דוד'ל אין דעם באַראָנס אַריסטאָקראַטיש הויז. ער פערליעבט זיך אין דעם באַראָנ'ס טאָכטער, די שענע, געבילדעטע, רייכע מאַריעטע, און זי אויך אין איהם. ער דערשרעקט זיך פאַר זיין ליעבע און וויל אַנטלויפען פון מאַריעטען מיט איהר שענקייט און רייכקייט, ווייל אויף יעדען טריט, דאַכט זיך איהם אויס, אַז זי לאַכט פון זיינע לאַנגע פּאות מיט דער לאַנגער קאַפּאָטע. ער קלערט זיך, ווי אַזוי זי קען קוקען אויף איהם, אַז זי איז געליעבט פון אַזאַ העלד, ווי דער רייכער סטודענט זאַנענפלאַם. ווי אַזוי קליין איז ער קעגען זאַנענפלאַמען! ווי אַזוי פיינט האָט ער זאַנענפלאַמען פאַר זיין געלעכטער, ווען ער מאַכט חוזק פון איהם פאַר מאַריעטען אין די אויגען. נאָר מאַריעטע קוקט אויף קיין זאַך ניט. זי בינדט צו צו זיך דוד'לס האַרץ דורך די שענע מוזיק, וועלכע דוד'ל פערשטעהט

צו פֿיהלען. זי גיט דודי'לען געלד, און ער גנב'עט זיך אַרוים פֿון דער ישיבה, פֿון ר' צמח'ן, װעלכער האָט איהם שוין פֿער'קנס'ט פֿון אַ פּאָר יאָהר מיט זײן טאָכטער, װאָס איז געװען אַ גרויסער שלאַק. דודי'ל לערנט זיך אין אַ גרויסער שטאָדט אַ סך צײט, װערט אַ סטודענט און געהט אַנגעטהון אין אַ סורדוט מיט גילדענע קנעפּ. ער קומט צופֿאָהרען אויף די פֿרײע זומער־צײט צום באַראָן, און ער איז שוין אַזאַ גרויסער פֿרײַן, װי זאַנענפֿלאַם, נאָך אַ גרעסערער, מיט אַ לשון, און ער רעדט זעהר שען פֿון זײן טיעפֿער ליעבע צו מאַריעטען. זײן נצחון איבער זאַנענפֿלאַמען איז אַ גאַנצער. ער האָט התונה פֿאַר מאַריעטען און בלײבט אויף אײביג אַ רײַכער דאָקטאָר. איך בין שטאַרק מקנא מאַריעטען מיט אַזאַ חתן, האָטש די ערשטע צײט האָב איך זי געהאַלטען פֿאַר אַ משוגענע. איך האָב זיך ניט געקענט פֿאָרשטעלען, װי אַזוי זאָגט מען זיך אָב פֿון אַזאַ שענעם, רײַכען זאַנענפֿלאַמען און מען פֿערליעבט זיך אין אַנ'אָרימען, פֿראָסטען ישיבה־בחור. נאָר דערנאָך װײַזט זיך אַרויס, אַז האָטש זאַנענפֿלאַם איז אַנ'אַריסטאָקראַט, דאָך איז ער אַ פֿער־דאָרבענער מענש, אָבער דודי'ל הערענדיג אַנ'אַריסטאָקראַט, בלײבט אַלין מיט אַ גוטען האַראַקטער. אַ קלוג פֿרײַלין, װײַזט אויס, איז מאַריעטע געװען, דאָס זי האָט דאָס פֿריהער פֿערשטאַנען, דאָס פֿון אַזאַ פֿראָסטען מענשען זאָל אויסװאַקסען אַזאַ שענער, אײדעלער סטודענט. איך קלער מיר: פֿונדעסטװעגען װאָלט איך געװאָלט האָבען אַזאַ חתן, װי זאַנענפֿלאַם. עס מאַכט ניט אויס, װאָס זײן האַ־ראַקטער איז פֿערדאָרבען. קײנער װעט דאָך ניט זעהן, װי אַזוי ער בעגעהט זיך אין שטוב, אָבער דערפֿאַר פֿאַר לײַטען — װאָס פֿאַר אַ כבוד איז אַזאַ שענער, רײַכער, געבילדעטער מאַן! הײַנט, אַז ער געהט נאָך אַנגעטהון אין מונדיר, דעמאָלט איז דאָך אַ פֿרייד אויף איהם צו קוקען. דער מונדיר האָט בײַ מיר געשפּיעלט אַ גרויסע ראָליע. װען מען טהוט אויס זאַנענפֿלאַמען דעם מונדיר, װאָלט ער מיר שוין ניט געפֿעלען. ער װאָלט שוין, דאַכט זיך, געװען אויס סטודנעט, נאָר אַ מענש, װי אַלע מענשען. װאו איך בין געגאַנגען און געשטאַנען, איז ער מיר נאָכגעגאַנגען מיט זײַנע גילדענע קנעפּ. אויף דודי'לען האָב איך מורא געהאַט צו קוקען, װײַל ער איז שוין געװען מאַריעטעס חתן. מיר האָט זיך אויס־געדאַכט, אַז אויב איך װעל טראַכטען פֿון איהם, װעט דאָס שאַדען מאַריעטען. אַ רחמנות, זי האָט גענוג צרות געהאַט, אײדער זי

האָט איהם דערגרייכט. איך וויל איהם ביי איהר ניט אָבנעהמען, טראַכט איך מיר. אָבער זאָנענפלאַם איז אַ פרייער פויגעל. פון איהם מעג מען טראַכטען וויפיעל מען וויל. אַ שטייגער, ווען אין מיר פערליעבט זיך פלוצלונג אַ סטודענט, — וואָס וואָלט געווען? איך וואָלט משוגע געוואָרען פאַר נחת, און דאָס גאַנצע שטעדטעל וואָלט צופיקעט געוואָרען, קוקענדיג אויף זיין שענעם מונדיר. אַלע מיידלעך וואָלטען מיר מקנא געווען. אמת, די מאַמע מיט'ן זיידען וואָלטען ניט געוואָלט, איך זאָל נעהמען אַ גוי, נאָר מען וואָלט זיך שוין אויסגעמיטעלט. פאַרוואָס זאָל זיך דאָס טאַקע ניט טרעפען? אָט האָט זיך דאָך אַ פרינץ פערליעבט אין דאָס וואַלדקינד, אָדער דעם יודישען באַראָנ'ס זוהן יאָזעף האָט זיך אויך פערליעבט אין אַ פראָסטע נייטאָרין. אָבער איך בין דאָך אויך ניט אַבי ווער, נאָך אַ ביסעל ווייט פון אַ נייטאָרין, וואָס האָט אַ מאַמע אַ קעכין. אַ שענער פערגלייך! מען מעג זאָגען להבדיל. דער סטודענט וואָלט זיך נאָך ביי אונז געמעגט בעטען, האָטש ניט ביי מיר, נאָר ביי דעם זיידען מיט דער מאַמען. געוויס וואָלט זיי ניט אָנגעשטאַנען אַזאַ שדוך פאַר מיר. אַזוי וואָלט דאָס געווען כמעט גלייך, און אַ טראַכט טהוענדיג וועגען דעם, האָבען מיר העגד און פיס געציטערט פאַר פרייד. אָבער ווי אַזוי, טראַכט איך ווייטער, קאָן ער קומען צו מיר, אַז ביי אונז אין שטעדטעל האָט מען קיין שום בעגריף ניט פון קיין סטודענט, קיינער פון אונזער שטעדטעל האָט קיינמאָל אין די אויגען ניט געזעהן קיין סטודענט. עס בלייבט מיר דעריבער נאָך אַ טראַכט צו טהון וועגען דער פראַגע. איך האָב אָנגעהויבען בעקלערען, וואו איך קאָן געפינען אַ סטודענט, און עס איז ביי מיר אויסגעקומען, אַז אין סעלץ קאָן איך איהם געפינען, ווייל אין אַזאַ גרויסער שטאָדט איז מסתמא דאָ די סחורה. קיין אוניווערזיטעט אין אין סעלץ נישטאָ, נאָר דאָרט זענען פאַראַן געגווג גבירים, וועלכע האָבען שכל צו שיקען זייערע קינדער לערנען זיך ווייט — אין מאָסקווע, אין פעטערבורג, אין קיעוו, און אויף זומער, פערשטעהט זיך, קומען זיי זיך אַהיים, און איך פאָהר דאָך אָפט אַהין, וועל איך זיי מסתמא אַמאָל זעהן, בעגעגענען אפשר אין גאַס.

נאָר אומזיסט איז געווען מיין אַרבייט, אַז איך בין געקומען קיין סעלץ. וויפיעל איך האָב געזוכט, האָב איך קיין אָמת'ן סטודענט ניט געזעהן. וועגען יעדען קנעפיל, וואָס איך האָב בעגעגענט,

האב איך געמיינט, אז דאס איז א סטודענט, נאר נארען האב איך זיך ניט געלאזט. איך האב שטענדיג געפרעגט, ווער דאס איז, האט מען מיר געזאגט, אז דאס זענען טשינאווניקעס. נאר איין מאל, בעת איך בין געגאנגען אין גאס מיט מיינעם א שוועסטער=קינד, וועלכער האט געלערנט אין סעלץ אין דער ישיבה, האבען מיר בעגעגענט א הויכען בלאנדען יונגען=מאן, וואס איז געגאנגען זעהר שטאלץ. מיין שוועסטער=קינד האט מיר אנגעוויזען אויף איהם, אז דאס איז א היגען גבירים א זוהן, א סטודענט, וועלכער שטודירט ערגעץ וויט. איך האב זיך אזש פערטרייסעלט, אז ער האט מיר דאס אויסגערעדט, און האב איהם גוט בעטראכט און האב א פרעג געטהון מיין שוועסטער=קינד פערוואונדערט: פארוואס געהט ער ניט מיט גילדענע קנעפ, ווי אלע סטודענטען? האט ער מיר געענטפערט, אז אין דער=היים וויל דער סטודענט ניט טראגען זיינע סטודענטישע קליידער. א פראסטער קאסטיום געפעלט איהם בעסער. איך האב זיך דאס גארניט פארגעשטעלט, אז א מענש זאל זיך אבזאגען פון אזוינע שענע קליידער. די גבירים וויסען טאקע ניט, וואס זיי ווילען! דער יונגער=מאן איז מיר אפילו געפעלען געווארען, נאר דאך האב איך ערווארטעט עפעס צו זעהן שענערס. ווען דער אייגענער יונגער=מאן וואלט געוועזען אין א מונדיר, וואלט ער געוועזען, טראכט איך, טויזענד מאל שענער ווי איצט. ניין, דאס הייסט נאך ניט קיין אמת'ער סטודענט, אין א מונדיר מיט גילדענע קנעפ וויל איך זעהן א סטודענט. אבער וואו זעהט מען איהם? דאס איז די פראגע. מיין האפנונג האב איך פונדעסטוועגען ניט פערלארען. מסתמא וועט מיר גאט צושיקען אזוינס אויך. אפשר גאר אומגעריכטערהייד. ווער ווייסט?

דערווייל האב איך א סך געלייענט, איבערהויפט גראבע ביכער, פול מיט ליעבע. איך האב איבערגעלייענט פיעל ווערק פון שמר'ן און אויך פון אנדערע שרייבער, פון וועלכע איך געדענק אפילו ניט די נעמען, ווייל א הוץ שמר'ן האבען אנדערע מיך ווענגיג אינטערעסירט. הוץ שמר'ס ווערק האבען נאר נאך עטליכע שטארק געווירקט אויף מיר. דאס זענען „די בלינדע יתומה“, „א שטיין אין וועג“, „די פערקעהרטע וועלט“. אויך דינענזאהנ'ס „דעם שווארצען יונגערמאנטשיק“ געדענק איך גוט, ווייל איך האב איהם עטליכע מאל איבערדערצעהלט פאר אונזערע מיידלעך. זיי האבען גגאסען מיט טרעהרען, הערענדיג „דעם שווארצען יונגערמאנטשיק“, און איך בין געוועזען אויס'ן

זיעבעטען הימעל פאַר פרייד, וואָס מיין ערצעהלונג האָט זיי געבראַכט צו אַזוינע הייסע טרעהרען.

דאָס לייענען די אַלע גראָבע ביכער האָט מיר צומישט מיין קאָפּ. איך בין געוואָרען ווי משוגע. איך האָב נאָר געוואָלט זיך איינמיצען פערליעבען, און נאָך אין וועמען! נאָר אין אַ סטודענט, אָדער אַ דאָקטאָר וואָלט אויך געווען ביי'ם וועג. פון קיין אַנדערע האָב איך גאָרניט געוואָלט טראַכטען. ווען איך האָב געהאַט ליידיגע צייט, בין איך געשטאַנען ביי אונזער צובראָכענעם שפּיגעל און האָב זיך בעטראַכט, ווי הויך איך בין שוין, צי איך קאָן שוין שפּיעלען אַ ליעבע, אַזוי ווי מען פלעגט ביי אונז זאָגען. איך האָב מיר אָנגעהויבען אַיינציהען ביי דער טאַליע. איך האָב מיר אָבגעשאָרען אַ גריוועקע, וועלכע האָט מיר, דאַכט זיך, געפּאַסט און האָב אָנגעהויבען זיך אָנצוטהון אַלצדינג, וואָס עס פּאַסט צום פּנים. דערהויפּט פלעגען מיר געפעלען ליכטיגע קאָלירען. אַז קיינער פלעגט ניט זיין, פלעג איך אָבשטעהן שעה'ן-לאַנג ביי דעם שפּיגעל און פּרובען מאַכען אַ זיס שמייכעלע, אַזוי ווי אַ געוויסע העלדין פון אַ ראָמאַן האָט געמאַכט, ווען זי האָט זיך געגריסט מיט איהר געליעבטען.

וואָס איך האָב מעהר געלייענט, בין איך אַלץ מעהר צומישט געוואָרען. איך האָב גאָר פערגעסען, וואו איך האַלט. איך האָב נאָר געלעבט מיט דער פאַנטאַזיע. איך האָב אַלץ פאַנטאַזירט, אַז פלוצלונג וועט קומען אַ רייכער סטודענט און וועט זיך אין מיר פערליעבען און מאַקע באַלד וועלען מיר אַוועקפאָהרען ווייט אין אַ גרויסע שטאָדט. דאָרט וועלען מיר חתונה האָבען און מיין מאַן וועט מיך אַריינפיהרען אין טייערע פּאַלאַצען מיט שענע שפּיגלען און מעבעל. אויף רעזינעווע רעדער וועל איך פאָהרען שפּאַצירען. אַלע נאַכט וועל איך געהן אין טעאַטער. דערנאָך וועל איך שלאָפען ביז 12 אַ זייגער. דיענסטען וועל איך האַלטען אַ גאַנצען שטאַט, אַ לאָקיי מיט אַ שווייצאַר מוזען ביי מיר זיין. אַנדערש וועל איך זיך ניט קאָנען בעגעהן. און אַז עס וועט זיך מיר געלוסטען, וועל איך גאָר אַוועקפאָהרען קיין איטאַליען אויף עטליכע חדשים. דאָרט איז דאָך טאַקע דער אמת'ער גן-עדן! אַז איך האָב געלייענט די בעשרייבונג פון יענעם לאַנד, האָט מיך געוואָרפען אין היץ און אין קעלט. אַלע שענע פעלדער, וועלדער און טייכען האָב איך געזעהן ווי לעבעדיג. דער מאַמען האָב איך גערעכענט קויפען אַ זומער-הויז אין וואָלינער גובערניע, ערגעץ אין אַ סאָסנאָווען וואַלד. מיין ברו-

דער'ל וועל איך אַוועקשיקען אין אַ גרויסע שטאָדט לערנען, און איך אַליין וועל צום סוף זיין די רייכע דאָקטאָרין. ביי מיין מאַן אין אויפנאַהמע־צימער וועלען זיצען אַ סך פּאַציענטען און וואַרטען ביז ער וועט זיי אויפנעהמען, און איך וועל אַלע מאָל דורכגעהן מיט שטאָלץ, אַלע זאָלען זעהן, ווי גליקליך איך בין. איך וועל בעטען מיין מאַן, אַז אָרימע־לייט זאָל ער היילען אומזיסט. איך אַליין וועל זיין שטאַרק פרום. אָט אין די שענע זאַלען וועל איך מאַכען שענע שבתים און ימים־טובים. אין מיין מאַנ'ס גרויסער ביבליאָטעק וועל איך אַריינשטעלען גמרות מיט שענע איינבונדען. פרייטאָג־צו־נאַכט וועל איך בענשען ליכט אין גרויסע זילבערנע לייכטער; איך וועל זעהן, אַז מיין מאַן זאָל האַלטען שבת, ער זאָל מאַכען קידוש אין אַ גרויסען זילבערנעם בעכער. מילא, פאָהרען צו אַ קראַנקען אום שבת מוז ער, אָבער אַזוי קאָן ער דען ניט זיין קיין פרומער יוד? מיינע קינדער וועל איך אויך ערציהען אין פרומקייט. ווייטער, וואָס קאָן איך נאָך טהון? סיידען צדקה טיילען.

אָט אַזוי האָב איך מיר אָבגעפּלאַנעוועט מיין וועלטעל אין כבוד און אין רייכקייט אויף דור דורות, וואָרום אַ דאָקטאָר'ס קינדער קאָנען דען זיין פּראָסטע און אָרימע? אַלצדינג גוט, אָבער קיין סטודענט איז אַליין נישטאָ. און אַזוי בלייב איך ביי דער פאַנטאַזיע און אַלע מאָל טראַכט איך אויס נייע זאַכען אינ'ם קינפטיגען פרומען אינטעליגענט־געם לעבען. נאָר וועגען אַ פּאַרוק האָב איך מורא געהאַט צו טראַכטען. ניט אָנטהון קיין פּאַרוק, וועט מען מיך אויף יענער וועלט אויפ־העגגען פאַר די האָר און אַזוי וועל איך מוזען הענגען יאָהרען־לאַנג. דאָס איז גאָרניט פון די גוטע זאַכען. איז אָבער יאָ אָנטהון, אויך ניט גוט, — עפּיס גלאַט ניט שען אַ דאָקטאָר'ס אַ פרוי אין אַ פּאַרוק. אַ שען פּנים וועל איך האָבען צווישען די בעקאַנטע, די אינטעליגענטע, — אַ שענע דאָקטאָרין מיט אַ פּאַרוק! איך ווייס טאָקע ניט, וואָס איך וועל טהון, איך וועל זיך אַנ'עצה האַלטען מיט מיין הערר דאָקטאָר. ווי אַזוי ער וועט הייסען, וועט זיין רעכט. טאָמער וועט ער זאָגען, אַז מען דאַרף ניט קיין פּאַרוק, וועל איך אַרויפלע־גען די עבירה אויף איהם. וועניג וועט ער האָבען? וועט זיין נאָך איינע צווישען די אַלע. זעהר אַ גוטער פּלאַן טאַקע, טראַכט איך מיר. קיין סטודענט איז אָבער אַליין נישטאָ. נאָר גאָט האָט מיך ניט פערלאָזט. „ער" איז געקומען אין אַ שענעם העלען טאָג. חאָטש מיינע אויגען האָבען איהם ניט געזעהן, נאָר דערפאַר האָב איך גע־

טראַכט שטאַרק פון איהם. מיר האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז איך האָב איהם שוין ליעב, און ער האָט מיך געוויס ליעב. פון דעם דאַרף מען גאָר ניט רעדען, דאָס איז געוויס. ווער־זשע איז דער סטודענט? טאַקע מיינער אַ נאָהענטער קרוב פון דעם טאַטענ'ס צד, וועלכער האָט געוואוינט אין סעליץ.

מיין זיידע האָט געהאַט אַ סך פלעמעניקעס און פלעמעניצעס אין סעליץ, וועלכע זענען געווען אַלע זעהר רייך. דער זיידע פלעגט אָפט צו זיי פאָהרען און איז ביי זיי געווען אַ טייערער גאַסט. אַז ער פלעגט קומען פון דאָרטען, האָט ער געהאַלטען אין איין קלאָגען זיך אויף זיי, וואָס זיי ערציהען ניט די קינדער אין יודישקייט, אויך וואָס זיי אַליין זענען שוין אויך ניט אַזוי פרום, ווי זייערע טאַטע'ס, די צדיקים. אָט צווישען די דאָזיגע קרובים מיינע האָט זיך געפונען אַ סטודענט, וועלכער האָט אין מאָסקווע שטודירט אויף דאָקטאָר, און וועלכער פלעגט קומען צו זיינע עלטערן אויף זומער. מיין זיידע האָט מיט איהם זיך געזעהן, און ער איז איהם זעהר געפעלען געוואָרען. איך האָב געהערט, ווי דער זיידע האָט דערצעהלט דער באָבע'ן פון דעם סטודענט, ווי אַזוי קלוג און געבילדעט ער איז. האָטש ער איז ניט פרום, האָט ער געזאָגט, דאָך האָט ער שטאַרק ליעב יודען. ער האָט אפילו ליעב ארץ=ישראל, ער דענקט גאָר אַהין פאָהרען. אַ שענע געשיכטע, טראַכט איך, אַ סטודענט און ארץ־ישראל. איך טראַכט מיר, אַז דאָס האָט פונקט אַזאַ פנים, ווי אַ דאָקטאָרין אין אַ פאַרוק. נאָר מילא אַ דאגה, איז ער אַ שטיקעל משוגע'נער, אָבער פאָרט אַ סטודענט. און פאַרוואָס איז ער שלעכט מיר פאַר אַ חתן? דער יחוס איז דאָך איינער: מיין טאַטע איז נאָך געווען אַ גרעסערער למדן פון זיינעם. ווייטער, וואָס איך בין ניט געבילדעט? וואָס הייסט געבילדעט? געלייענט האָב איך זעהר אַ סך און ניט אַבי וואָס: אויך שמר'ס אַלע ווערק איבערגעלייענט. נאָר וואָס איך קאָן קיין רוסיש ניט, וועל איך זיך אַ ביסעל צולערנען. אַ גרויסע זאַך גוי'יש קאָנען! וואָס איז דאָס גמרא לערנען? איך וועל זיך אַביסעל צולערנען, וועל איך קאָנען. ווייטער בין איך נאָך אַ ביסעל צו־קליין, איז אויך אָהן אַנ'אומגליק. איך בין שוין אַלט 14 יאָהר און אויסזעהן זעה איך אויס ווי פון 20. היינט אַז איך טהו נאָך אָן דאָס שוואַרצע קלייד מיט'ן שלייף, בין איך שוין גאָר אַ גרויסע, און ביז ער וועט ענדיגען די אוניווערזיטעט, וועל איך שוין טאַקע אַלט זיין 18 יאָהר. פונקט גוט. ווי אין דער-

תורה שטעהט, צו 18 יאהר דארף מען התונה האבען. ווייטער וועגען שענקייט — זארג איך זיך אויך נ׳ט. איך בין נישט קיין שענהייט, אבער קיין מאוסע אויך נ׳ט. איך וועל איהם געוויס געפעלען.

אט אזוי האב איך בעקומען פון וועמען צו טראכטען, און וואס מעהר איך האב געטראכט פון מיין קרוב דעם סטודענט, איז ער מיר געווארען אלץ מעהר איינגעבאקען אין הארצען. איך האב איהם אמת ליעב בעקומען. איך האב מיר איהם פארגעשטעלט, ווי יענעם בלאנדען יונגען־מאן, וועלכען איך האב געזעהן אין סעליץ אין גאס, נאר פערשטעהט זיך, אנגעטהון אין א מונדיר. ער איז געווארען מיין אידעאל; איך האב נ׳ט געקאנט שלאפען: גאנצענע נעכט פלעג איך טראכטען פון איהם. אז איך פלעג אנטשלאפען ווערען, פלעגט ער זיך מיר חלום׳ן. טייערע, זיסע חלומות פלעג איך זעהן. מיט די חלומות פלעג איך לעבען ביי טאג. דערהויפט קלאר געדענק איך איין חלום, ווי אזוי עס האט זיך מיר אויסגעדאכט, אז איך געה געארעמט מיט מיין סטודענט, וועלכען איך האב שוין גערופען „מיין טייערער יאזעף“ (א נאמען פון שמר׳ס א העלד). איך האב מיט איהם שפאצירט איבער דאס גאנץ שטעדטעל און אלע האבען מיר מקנא געווען, וואס איך האב אזא חתן. איך בין געגאנגען אזוי שטאלץ, אז איך בין פון בעט אראבגעפאלען און האב זיך גוט צושלאגען.

נאך דעם געוויסען ליעבען חלום האב איך בעקומען א שלעכטען בריעף פון דער מאמע׳ן. זי האט געשריבען, אז זי ווערט וואס ווייטער שוואכער, און אין בריעף רעדט זי נאר פון טוידט. איך האב א גאנצען טאג זעהר געוויינט. מיין הארץ איז מיר געווען פערביטערט. איך האב זיך געפיהלט זעהר עלענד. איך וואלט, דאכט מיר, געוואלט עמיצען דערצעהלען מיינע צרות, נאר וועמען, טראכט איך, וועל איך דערצעהלען? אז ווען עס זענען פאראן ביי מיר אזוינע גוטע פריינד, וואס זאגען, אז איך וויל פון דער מאמען שוין פטור ווערען, היינט וואס פאר א פנים וועל איך פאר זיי האבען? בעסער וועל איך מיינע צרות פערשליסען ביי זיך אין הארצען. איך וועל זיך אויסוויינען, וועט מיר ווערען גרינגער. קיין בעסערס פון טרעהרען איז גאר נישטא. אויף דער נאכט, ווען מיין ברודערל איז געזעסען און האט געלייענט עפעס א העברעאיש ביכעל, בין איך געזעסען איבער א גרויסען זשארגאנישען ראמאן פון פיער טיילען. איך האב געוואלט מיט׳ן לייענען אביסעל

פערטרייבען די צרות פון האַרצען, נאָר איך האָב ניט געקאָנט לייענען. דער מאַמע'ס בריעף, וואָס האָט געשמעקט מיט'ן טויט, האָט מיך ניט געלאָזט רוהען. איך מיט מיין ברודערל האָבען איהם נאָך אַמאָל איבערגעלייענט און מיר האָבען זיך ביידע ווייטער גוט אויסגעוויינט. קיין איין וואָרט האָבען מיר ניט גערעדט. ס'ווייזט אויס, אַז מיר האָבען ביידע געפיהלט גוט אונזער וועהטאָג. מיר האָבען זיך פערשטאַנען אָהן ווערטער. ער האָט אַוועקגעוואָרפען לייענען און האָט זיך באַלד געלעגט שלאָפען. איך בין געבליבען זיצען אַליין. איך האָב געפיהלט אַזוינע שמערצען, אַזאַ עלענדקייט, אַז אַ פראָסט איז מיר געגאַנגען איבער די ביינער. ווער וועט מיך טרייסטען? ווער וועט מיר זאָגען אַ גוט וואָרט? פאַר וועמען גיסט מען אויס דאָס האַרץ? דאָ האָב איך זיך דערמאָהנט אין דעם העלד פון מיין אייגענעם ראָמאַן, וואָס איך אַליין האָב בעשאַפען. עפעס אַ ליכטיגקייט, אַ וואַרימקייט האָב איך דערפיהלט אין האַרצען. אָ, ווי גוט וואָלט מיר געווען, ווען עס איז טאַקי אַזוי! ווי אַזוי וואָלט ער מיך געטרייסט אין זיינע בריעף! ער וואָלט דאָך אמת פערשטאַנען מיינע שמערצען!

אין מיינע מחשבות וועגען איהם בין איך שוין ווייט אַוועקגעפלויגען, ניט אַליין, נאָר דורך בריעף. און איך נעהם טאַקי באַלד אַ שען בויגעלע פּאַפּיר און גיס אויס אויפ'ן פּאַפּיר מיין ביטער האַרץ. איך דערצעהל מיין טייערן יוזעפ'ן, ווי אַזוי שלעכט עס איז מיר, און דערביי שרייב איך, ווי אַזוי איך האָב איהם ליעב. איך האָב געענדיגט דעם בריעף און האָב זיך אַליין דערשראָקען פאַר איהם. די ווערטער „ליעבער יוזעף" זענען מיר געשטאַנען אין די אויגען, נאָר דער בריעף איז פאָרט געווען גוט אויפגעשריבען. איך וואָלט וועלען, קלער איך, האָבען אַנ'ענטפער אויף איהם. און נישט לאַנג געטראַכט, נעהם איך באַלד נאָך אַ בויגען פּאַפּיר און שרייב באַלד אַנ'ענטפער אויף מיין בריעף. דאָס איז געווען אַ בריעף פול מיט טרייסט און מיט ליעבע. איך האָב זיך אַליין געוואונדערט, וואָס ער איז אַזוי גוט אויסגעקומען. איך טראַכט מיר, וואָס וואָלט געזאָגט מלכה, ווען זי לייענט דעם בריעף? פאַרוואָס זאָל איך טאַקי איהר איהם נישט ווייזען? איך וועל פרובען זי אָפּנאַרען. איך וועל זעהן, צי זי וועט ניט דערקענען. מיט דעם געדאַנק בין איך אַנטשלאָפען געוואָרען יענע נאַכט.

אויף מאָרגען האָב איך פערבעטען מלכה'ן צו מיר נעכטיגען, ווייל איך דאַרף איהר עפּעס דערצעהלען. מלכה האָט קוים דערלעבט די מינוט, אַלע זאָלען זיך לעגען שלאָפען, ווייל איך האָב איהר געזאָגט, אַז דאָס איז אַ גרויסער סוד. צום סוף זענען מיר געבליבען אַליין. איך בעשווער זי מיט אַלץ וואָס הייליג איז, אַז זי זאָל דאָס פאַר קיינעם ניט דערצעהלען. זי שווערט מיר ביי גאָט אַליין, און איך ווייז איהר מיין יוזעפ'ס ענטפער צו מיר. זי לייענט איבער דעם בריעף און בלייבט שטעהן מיט אַנ'אָפענעם מויל, מיט אויסגעגלאָצטע אויגען. איך זעה, אַז דאָס מויל וויל עפּעס פרעגען און קאָן ניט, און די אויגען זענען איהר איבערגעקעהרט פאַר וואונדער. איך האָב זי לאַנג ניט געלאָזט טראַכטען און האָב איהר דערצעהלט, אַז ווען איך בין געווען מיט מיין זיידען אין סעליץ, האָט ער מיך בעקענט מיט דעם סטודענט, ווייל דאָס איז מיין זיידענ'ס אַ פלעמעניק. ער איז זעהר שעהן, ער שטודירט אין מאָסקווע אויף דאָקטאָר; אין אַ פּאָר יאָהר אַרום וועט ער ענדיגען, וועט ער דעמאָלט פאַר מיר התונה האָבען. הערענדיג די ווערטער, האָט מלכה נאָך מעהר פערגלאָצט די אויגען. צו'ם סוף איז זי געקומען צו זיך און האָט מיך אָנגעהויבען צו פרעגען, פון ווען אָן האָב איך פון איהם בריעף? צי ער האָט מיר שוין עפּעס געשיקט פּרעזענטען? צי נאָך דער התונה וועל איך טאַקי וואוינען אין סעליץ? דאָס איז, ווייזט אויס, געווען פאַר איהר דאָס ערגסטע. זי האָט מיר שטאַרק ניט פערגינען דאָס גליק, איך זאָל זיין אַ דאָקטאָרין און נאָך וואוינען אַזוי נאָהענט, ווי אין סעליץ, וואו אַלע, פון דעם קלענסטען ביז'ן גרעסטען, וועלען זעהן, ווי גליקליך איך בין. זי, מלכה, וועט אָנקומען מיט האַצקעל דעם לאַנגען אין דער ענגער בויד מיט די זעקלעך, מיט די פעקלעך, און פּלוצלונג קום איך איהר אָן ענטקעגען מיט אַ טייערן פאַעטאָן, מיט'ן דאָקטאָר ביי דער זייט, פערפּוצט אין עסיג און אין האָניג. איך מאַך אַ קרומע מינע און וויל ניט קוקען אויף האַצקעל'ס ביידעל. איך וויל גאָרניט וויסען, ווי איך בין אויך אַמאָל געפאָהרען אין דעם אייגענעם ביידעל. — אַ גאַנצע נאַכט האָבען מיר גערעדט דערפון. מיר האָבען אָבגערעדט, אַז מאָרגען זאָל זי ווייטער קומען נעכטיגען, וועל איך איהר ווייזען דעם ענטפער, וואָס איך וועל אָנשרייבען צו איהם. זי איז אַוועק מיט אַנ'אַראָבגעלאָזטען קאָפּ. געקומען אַהיים, האָט

זי גלייך דאָס דערצעהלט דער מאַמען איהרער. די מאַמע האָט זיך אויך אַזוי געוואונדערט ווי זי און האָט מיר ניט פערגינגען דאָס גליק, אויך אַזוי ווי זי, נאָר מלכה האָט דאָס אָבגעשווי־גען, און די מאַמע איהרע האָט דאָס אַרויסגעזאָגט מיט די ווער־טער: „לייט האָבען מזל! גליקליכע מענשען, גאָט וואַרפט זיי אַלצדינג אַראָב פון הימעל! וואָס, אַ קינד פון פיערצעהן יאָהר? נאָך אַ גאַלע גאָרנישט, נאָר אַ שטיקעל משוגע'נע באַלבעטע־כע, מאַכט זיך איהר אַזאַ גליק! אויך מיר אַ מענש, ווער עס וועט דאָ ווערען אַ דאָקטאָרין!"

דערווייל אין די רייד איז אָנגעקומען מערע די נייהטאָרין, אַ הויך, דאַר מיידעל, וואָס האָט זיך געלערנט נייהען אין ראַ־בינסק עטליכע יאָהר, און וואָס פלעגט דערצעהלען נסים פון דער גרויסער שטאָדט. דערהויפט האָט זי געוואוסט אַ סך ליעבעס־געשיכטען פון מאָדיסטקעס מיט אַפטייקערס, מיט דאָקטוירים און אַדוואָקאַטען. איהרע מעשות זענען געווען עהנליך צו שמר'ס ראָ־מאַנען. זי האָט זיך שטאַרק איבערגענומען מיט דער גרויס־שטאָד־טיגער וועלט. זי איז געווען אַנ'אָפטע איינגעהערין צו אידלען און האָט פרעהליך געמאַכט דעם עולם דאָרטען. דורך מלכה'ן בין איך מיט איהר אויך געווען בעפריינדעט, האָטש מיין מוהמע זלאַ־טען איז שטאַרק ניט אָנגעשטאַנען, אַז מענדיל דעם קירזשנער'ס אַנ'איינִיקעל זאָל זיין מיין חבר'טע. נאָר מילא, וואָס טהוט מען מיט אַזאַ ביטער קינד ווי איך? עס פערשטעהט זיך דעריבער, אַז מערע איז איצט געקומען פונקט צו אַ גוטער צייט, וויל ווער קאָן נאָך אַזוי גוט דערקלערען אַזאַ זאַך ווי מערע? ווער ווייסט נאָך אַזוי גוט די ליעבע פון די גרויסע שטעדט ווי זי? דער־פאַר האָט מען איהר טאַקי גלייך דערצעהלט וועגען מיין ליע־בע. מערע האָט דאָס גוט אויסגעהערט אַלצדינג און האָט באַלד לאָגיש ערקלערט, אַז דאָס קאָן זעהר זיין, און וואָס איז דאָ אַזוי דער געוואַלד? דער יהום איז דאָך איינער, זי אַליין געפעלט אויך; אַי וואָס, אָהן געלד? איז אויך אָהן אַנ'אומגליק. געוויס וואָלט ער גענומען צעהן טויזענד רובל נדן. רעכענט ער מסתמא: וואָס איז צעהן טויזענד רובל ביי אַזאַ מענשען ווי ער? ווי מיט זיי, אַזוי אָהן זיי. גאָט וועט איהם צושיקען עטליכע גוטע פריצים, אָט האָט ער די צעהן טויזענד רובל נדן. אַזוי איז אַרום און אַרום גלייך. „איהר וועט זעהן, — האָט זי געזאָגט, — ווי דאָס קליינ־

שטערטעלדיגע מיידעל וועט ווערען אַנ'אַריסטאָקראַטישע מאַדאַם. דאָס לערנט מען זיך גיך אויס. איך האָב שוין געזעהן אַזוינע זאַכען אַ סך, דעריבער וואונדער איך זיך גאָרניט".

איידעל מיט מלכה'ן, ווי מערע האָט מיר דערצעהלט, האָבען אַראָבגעלאָזען די קעפּ, הערענדיג פון איהר אַליין אַזוינע ווערטער. ניט ווילענדיג האָבען זיי געמוזט מסכים זיין דערויף. נאָר איידעל האָט פאָרט ניט געקענט אַנטשוויגען ווערען און האָט אַ פרעג געטהון ביי גאָט אַ קשיא: „איז דען מלכה נישט שענער פון איהר? מלכה'ן וואָלט, דאַכט זיך, בעסער געפּאַסט, אין איהר זאָל זיך פערליעבען אַ דאָקטאָר. וואָס האָט ער אויף איהר אַזוינס דערזעהן?"

מערע האָט געהאַלטען פאַר מיר. נאָר זי האָט ניט געקאָנט איינהאַלטען ביי זיך דעם סוד. זי האָט עס גלייך דערצעהלט איהר שוועסטער, וועלכע האָט אויך מסכים געווען מיט איהר, אַז עס איז אַ גלייכער שדוך, ווייל זי איז אויך געווען עטליכע יאָהר אין אַ גרויסער שטאָדט. אין עטליכע טעג אַרום האָבען נאָך עטליכע מיידלעך שוין געוואוסט דערפון, און אַלע האָבען גערעדט שטילערהייד פון מיין גליק=שדוך, אַז איך בין אַ גליקליכע כלה צו 14 יאָהר.

מיט מיין חתן האָב איך זיך דורכגעשריבען צוויי מאָל אין חודש, אַמאָל עפטער. מלכה האָט זיך געוואונדערט, ווי ליעב ער האָט מיך, אַז ער ענטפערט מיר צו דער מינוט. איין מאָל האָט זי מיך געבעטען, איך זאָל איהם אָנשרייבען עטליכע ווערטער וועגען איהר, אַז זי האָט מיך אַזוי ליעב, אַז זי גערישט איהם. איך האָב באַלד איהר געפאָלגט, און דערנאָך איז איהר אָנגעקומען זעהר אַ שענער דאַנק פאַר דעם גערוס. אויך האָט ער זי געבעטען, אַז זי זאָל מיך טרייסטען אין די שלעכטע מינוטען, זי זאָל געהן אָפט צו מיר, זי זאָל מיר ניט לאָזען זיצען פערטרויערט, ווייל דאָסווירקט שלעכט אויף דעם געזונד. דערפאַר האָט ער איהר צוגעזאָגט אָבדיענען ביי אַ גוטער צייט. מלכה האָט זיך שטאַרק געפרעהט מיט דעם. זי האָט איהם געפאָלגט און האָט אָנגעהויבען מיך אָבהיטען פון אַלע צרות. דערווייל איז מיר אַריין אין קאָפּ אַ געדאַנק, דערצעהלען איהר, אַז מיין יאָזעף האָט אַזאַ מין שפּאַקטיוו=גלאָז, אַז דורך איהם זעהט ער מיך, ווען ער וויל. „דאָס איז קיין נייעס ניט, אַזוינע גלעזלעך זענען פאַרהאַן ביי אַלע דאָק=

טוירים״, — האָט מערע׳ס שוועסטער געזאָגט. ביי מלכּה׳ן איז גאָר קיין ספק ניט געווען, אַז דאָס איז אפשר ניט אֱמת. זי האָט גלייך געגלויבט אין דעם, ווי אין גאָט אַליין.

איין מאָל וויז איך איהר אַ בריעף פון יאָזעפ׳ן, אין וועל־כען ער שרייבט, אַז ער האָט געקוקט אויף מיר דורך דאָס גלאָז. האָט ער געזעהן מיין חבר׳טע אויך. ער האָט פערשטאַנען, אַז דאָס איז זי, ווייל איהרע טייערע אויגען, וועלכע האָבען געקוקט מיט ליעבע אויף מיר, האָבען איהם געזאָגט, אַז דאָס איז זי. ער האָט געהייסען אַ קוק טהון אויף אונז זיינעם אַ גוטען פריינד, אויך אַ סטודענט, וועלכער האָט געהייסען געאָרג און האָט שטודירט אויף אַ יוריסט. יענער האָט אַ קוק געטהון אויף אונז און האָט זיך גלייך פערליעבט אין מלכּה׳ן. איך בין איהם אפילו אויך געפעלען, נאָר אויף איהר האָט ער געקוקט מיט אַנדערע אויגען, ווייל איך בין שוין אַ כּלה. וואָס האָט מען זיך מיט מיר צו אינטערעסירען? אָבער זי איז עפּעס אַנדערש. מלכּה האָט דאָס גלייך דערצעהלט דער מאַמען איהרער. די מאַמע האָט באַלד געשריעבען דעם טאַטען קיין אַמעריקאַ פון דער טאָכטער׳ס גליק, אַז עס וועט אָבגילטען, וועט זי נאָך האָבען אַ מאַן אַ יוריסט. אַ יוריסט, האָב איך דערקלערט, איז אַ מענש, וואָס קוקט אויף דער ערד און פערשטעהט וואָס אין דער ערד געפינט זיך. אַזוי האָב איך פערשטאַנען, וואָס הייסט אַ יוריסט. מלכּה האָט דאָס ניט גוט בענומען. זי וואָלט בעסער גע־וואָלט אַ דאָקטאָר. דאָס איז אַ זאַך, וואָס יעדער פערשטעהט, וואָס דאָס איז: אויפ׳ן אָרט פערדיענט מען טויזענדער, אָבער אַ יוריסט — ווער ווייסט, וואָס דאָס איז? נאָר גאָרניטש, מסתּמא האָב איך אַ בעסערן מזל פון איהר.

געאָרג האָט מלכּה׳ן פערוואָרפען מיט בריעף. ער האָט געשריע־בען, אַז יאָזעף וועט קומען אויף זומער, וועט ער אויך מיט איהם קומען. דעמאָלט וועלען זיי זיך מעהר בעקאָנען. מלכּה איז געווען אויפ׳ן זיבעטען הימעל. די מאַמע איהרע האָט מיך געטראָגען אויף די הענד פאַר נחת. אַלע אויף דער נאַכט פלעג איך געהן אַהין, און יאָזעף מיט געאָרגען פלעגען קוקען אויף אונז דורכ׳ן שפּאַקטיוו. איידעל האָט אַלע טאָג אויסגעפּוצט די שטוב, ווי אויף פּסח. צוליעב די מאָסקווער סטודענטען האָט מען געקויפט אַ נייע לאָמפּ, מען האָט אָנגעצויגען ווייסע ציכען אויף די קישענס. די שטוב האָט אָבגעלעבט. מלכּה איז אַרומגעגאַנגען פערפּוצט יום־

טוב'דיג און האָט אַלע מינוט געמאַכט הנ'דלעך, עס זאָל איהר פּאַסען. אָבער דערפאַר פלעגט געאָרג שרייבען, אַז ער שלאָפט ניט קיין נעכט דורך איהר. זי שטעהט איהם שטענדיג פאַר די אויגען. מלכה האָט שוין געוואָלט דערלעבען די גליקליכע צייט, עס זאָל קומען דער ליעבער זומער און זאָל ברייגגען אויך מיט זיך די סטודענטען. איך האָב נאָך ניט געטראַכט פון דעם, וואָס איך וועל איהר זאָגען זומער. גיכער פון אַלץ, האָב איך גערעכענט, וועט יאָזעף מיט געאָרג'ען אַוועקפאָהרען קיין איטאַליען. מלכה האָט דערווייל געשריבען געאָרג'ען גרויסע פילאָזאָפישע בריעף, וועלכע איך האָב איהר געהאָלפען אויפקלערען, ווייל עס האָט איהר אויסגעפעהלט געדאַנקען אויף צו שרייבען. דערפאַר האָט זי געהאַט אַ שענע האַנדשריפט, מיט וועלכער איהר מאַמע האָט זיך בערי'המט פאַר אַלע ווייבער.

אַזוי האָבען מיר איבערגעלעבט דעם ווינטער, בריעף שרייבענדיג; יעדען ביטערן בריעף, וואָס איך האָב ערהאַלטען פון דער מאַמען, האָב איך דערנאָך בעשריבען יאָזעפ'ן. איך האָב איהם געשריבען, וואָס פאַר אַ שמערצען איך פיהל. אָט די אַלע בריעף מיט מלכה'ס אינאַיינעם, פלעג איך וואַרפען אין אייוען. דערפאַר געאָרג'ס מיט יאָזעפ'ס' פלעג איך גוט אָבהיטען. איך האָב שוין געהאַט אַ גאַנצען פּאַק בריעף, אַלץ זיין אַרבייט. איך האָב געמאַטערט זיך ווי ווייט איך האָב געקענט, איבערגעמאַכט דעם כתב: יאָזעפ'ס אַנ'אַנדערער, געאָרג'ס — אַנ'אַנדערער, מיינע — ווייטער אַנ'אַנדערער. דורך די בריעף האָט יענעם ווינטער מיין קלייט געהאַט אַ גוטען היזק. זי איז גוט ליידיג געוואָרען. שיינע גיטעל האָט געשלעפט פון איין זייט, די גוים האָבען גע'גנב'עט פון דער אַנדערער זייט, און איך האָב נאָר פאַנטאַזירט פון יאָזעפ'ן דעם סטודענט. מיינע מוהמעס האָבען אָנגעהויבען בעמערקען, אַז איך געה אַראָב פון וועג. מען האָט מיך אָנגעהויבען שטראָפען. איך האָב געוויינט, געקלאָגט זיך אויף מיין ביטער מזל, און דערנאָך אויסגעקלאָגט מיין ביטער האַרץ פאַר יאָזעפען.

איך האָב קוים דערלעבט פאַר פסח, ווען די מאַמע האָט געדאַרפט קומען אַהיים. איך האָב איהר ווייטער צוגעגרייט דעם פסח'דיגען

הדר, אַזוי ווי פאַר=אַ=יאָהרען, און שוין דערלעבט די מינוט, ווען עס איז געקומען האַצקעל און האָט געבראַכט די מאַמען, מען מעג זאָגען, ניט די מאַמען, נאַר דער מאַמעס שאָטען, — אַנ'אויסגעדאַרטען סקעלעט, מיט אויסגעלאָשענע אויגען; אין האַרצען האָט געזעגט און געהריפעט פון אַלערליי קולות; אַלע מינוט האָט מען געהערט אַני=אַנדער קול. אַז איך האָב זי דערזעהן, איז מיר געוואָרען אַזוי ביטער אויפ'ן האַרצען, אַז איך האָב אפילו אָן יוזעפ'ן פערגעסען. איך זעה, זי קוקט אויף מיר ביזז. אָ, איך פיהל שוין פאַרוואָס; האַצקעל האָט שוין מסתמא איהר דערצעהלט, אַז איך בין אַראָב פון וועג. צו וואָס האָט מען דאָס געדאַרפט איהר דערצעהלען, דער אומגליקליכער קראַנקער? נאָר דערויף איז דאָך דאָס האַצקעל דער מערדער. מיין ברודער'ל איז געקומען פון הדר. די מאַמע האָט איהם אַריינגערופען צו זיך און האָט איהם אויסגעפרעגט, וואָס ער לערנט, און האָט איהם געהייסען געהן רופען דעם זיידען. דער זיידע איז באַלד געקומען צולויפען גאָרניט ווי אַנ'אַלטער יוד. ער האָט איהר אָפגעגעבען דעם ברייטען גוט אָוועַנד, נאָר זי האָט אויף איהם געענטפערט מיט אַ הריפ. זי האָט געהייסען זיך זעצען דעם זיידען נעבען איהר בעט אויף אַ בענקעל. אויפ'ן צווייטען בענקעל איז געזעסען מיין ברודער'ל. די מאַמע האָט געבעטען ער זאָל מיר אויך אַריינרופען. איך האָב זיך שטאַרק דערשראָקען פאַר אַזאַ רוף. איך האָב געמיינט, אַז דאָ וועט זיין עפעס שרעקליכעס. איך בין שטיל אַריינגעגאַנגען, ווי אַני=עהרליכער גנב אויפ'ן סוד, און האָב זיך געשטעלט נעבען דעם זיידען און האָב געזעהן ניט צו קוקען אויף דער מאַמע'ס אויסגעלאָשענע אויגען מיט איהרע איינגעפאַלענע באַקען.

מיר אַלע זענען געזעסען שטיל און מיר האָבען געוואַרט, וואָס זי וועט אונז זאָגען. זי האָט עטליכע מאָל אַ הריפ געטהון און האָט אַ וואונק געטהון, מיין ברודער'ל זאָל אויפשטעהן. ער איז אויפגעשטאַנען. זי האָט איהם גענומען פאַר ביידע הענד און האָט איהם געזאָגט מיט אַ הריפענדיגער שטים: „איך בעט דיך, מיין זוהן, פאַר דעם אַלטען זיידען אין די אויגען, זאָלסט זיין אַ כשר'ער, פרומער יוד, זאָלסט זיך היטען פון שלעכטע חברים, זאָלסט היטען שבת, זאָלסט עהרליך זיין, זאָלסט רחמנות האָבען אויפ'ן אָרימאַן און זאָלסט ניט פערגעסען דיינע עלטערן, וואָס זענען יונגערהייד גע=שטאָרבען". ביי די ווערטער האָט מיין ברודער'ל אַ געשריי געטהון: „מאַמע! וואָס רעדסטו? דער טאַטע איז נאָר געשטאָרבען. דו

לעבסט. איך וויל ניט, מאַמע, דו זאָלסט שטאַרבען! ניין, איך וועל ניט לאָזען, דו זאָלסט שטאַרבען!" די לעצטע ווערטער האָט ער שוין געזאָגט ווייענדיגערהייד. גלייך האָט ער אויפגעהערט צו ריידען, ער האָט זיך נאָר געוואָרגען מיט די טרעהרען. די מאַמע האָט נאָך מעהר אָנגעהויבען הריפּען, קוקענדיג אויף איהם. איך בין געשטאַנען פערקריצט די ציינהן און געקניפּען די הענד, אַזוי ווי אַלע מאָל אין אַזוינע מאָמענטען. מיין האַרץ איז געווען פערשטיינערט, נאָר די טרעהרען האָבען זיך בעהאַלטען. די מאַמע האָט געזעהן, אַז מיין ברודער'ל האָט זיך בערוהיגט, האָט זי אַ קוק געטהון אויף מיר און זיך געווענדעט צום זיידען, ער זאָל זאָגען, וואָס וועט זיין מיט מיר, פאַרוואָס האָט ער אַ גאַנץ ווינטער ניט געזעהן, וואָס מיט מיר טהוט זיך: איך האָב די קלייט אַוועקגעוואָרפען און האָב נאָר אין זינגען די חבר'טעס מיט די ביכלעך, איך פערגעס זיך, וואו איך האַלט אין דער וועלט. „געדענק, מיין טאָכטער, האָט זי זיך געווענדעט צו מיר, האָסט שוין נישט מעהר קיין מאַמען, איך שטעה שוין מיט איין פוס אין קבר. וויפיעל וועל איך זיך נאָך מאַטערן? דריי יאָהר, גענוג; געזונד וועל איך ניט ווערען. איך פיהל שוין, אַז דער טויט איז מיר נאָהענט. בעט נאָר, קינדערלעך, איך זאָל שטאַרבען מיט אַ גרינגען טויט, ווייל איך האָב שוין קיין קרעפטען ניט צו מאַטערן זיך". דערהערענדיג די ווערטער, האָב איך געפיהלט, ווי די טרעהרען האָבען זיך אַרויסגעוויזען פון זייער בעהעלטעניש און האָבען זיך אָנגעהויבען קייקלען ביז צו דער ערד. צום סוף האָט מיך אָנגעהויבען וואַרפען אין אַ געוויין און אין געלעכטער. ביי אונז האָט מען נאָך ניט געוואוסט, אַז דאָס איז היסטעריע. מען האָט פּראָסט געמיינט, אַז איך בין משוגע געוואָרען, איך האָב אַזוי געשריען, אַז דאָס גאַנצע שטעדטעל איז זיך צונויפגעלאָפען. מען האָט געמיינט, אַז די מאַמע איז שוין געשטאָרבען. הערענדיג מיינע געוואַלדען האָט טאַקע די מאַמע געהריפּעט, ווי פאַר'ן טויט. מיין ברודער'ל איז געזעסען און האָט שטילערהייד געוויינט. מען האָט געבראַכט האַנע דעם רופא. ער האָט מיר מיט דער מאַמען פערשריבען אַ פלאַש מאַנדעל-מילך און איז זיך רוהיג אַוועק אַהיים; מיך האָט מען איינגעדעקט אין קישענס און אַזוי בין איך אָבגעשלאָפען אַ פּאָר שעה.

אויפגעשטאַנען בין איך שוין שפּעט אין דער נאַכט. מיין ברודער'ל האָט געדרעמעלט איבער'ן תהלים, געבעטען מסתמא פאַר דער

מאַמעס געזונד. די מוהמע זלאַטע מיט בתיה־ריזעלען האָבען עפּעס דערצעהלט דער מאַמען, איך געדענק ניט וואָס. איך בין צוגעגאַנגען צום אַלמער, גענומען אַ סדור און זיך אויך געזעצט זאָגען תהלים; נאָר ניט פּראָסט געזאָגט, טאַקע מיט אַ נגון, אַזוי ווי אָרע דער מלמד האָט מיך געלערנט. מיין ברודער'ל האָט דערהערט מיין זינגען אַזוי שען דעם תהלים, האָט ער אויך אָנגעהויבען צו זאָגען ווי איך. די וויבער זענען געבליבען זיצען, ווי געלעהמטע. זיי האָבען ניט געקאָנט ריהרען מיט קיין גליעד. אונזער זאָגען תהלים אין מיטען נאַכט, האָט זיי פּערוויעגט און אַזוי האָבען זיי איינגעדרעמעלט זיצענדיג. די מאַמע איז געזעסען און האָט אַלץ געהריפּעט, האָטש מיר האָבען שוין אָבגעזאָגט באַלד האַלב תהלים, נאָר די אויגען האָבען איהר ווייטער אָנגעהויבען צו גלאַנצען ווי אַמאָל. די איינגעפאַלענע באַקען זענען איהר געוועזען רויטליך, דער קערפּער איז צוריק געוואָרען גלייך. זי האָט זיך שטאָלץ אויפגעהויבען, און איז צוגעגאַנגען צו אונז און האָט אונז ביידע געגעבען עטליכע קושען און האָט דערביי געזאָגט: „קינדערלעך, איך קוש אייך אפשר דאָס לעצטע מאָל, דעריבער זאָלט איהר זיי געדענקען. איהר זאָלט זיך דערמאָנען, אַז אייער מאַמע האָט אייך אָנגעזאָגט, איהר זאָלט געהן אין רעכטען וועג.״ וואָס מעהר זי האָט גערעדט, האָבען מיר זיך אַלץ מעהר געפליסט זאָגען העכער דעם תהלים. עס ווייזט אויס, מיר האָבען געוואָלט, אַז גאָט אַליין זאָל אונז טאַקע דערהערען. די מאַמע האָט זיך צוגעלעגט שלאָפען. אין האַרצען ביי איהר איז געוועזען אַ גאַנצער אָרקעסטער, וואָס האָט אונז געשניטען, ווי מיט אַ מעסער איבער די הערצער. מיר זענען ביז געוואָרען, וואָס אונזער תהלים זאָגען העלפט ניט, האָבען אַוועקגעוואָרפען די תהלים'ס, זיך אין דער גיך געלעגט שלאָפען און באַלד טאַקע האָבען מיר שוין געשלאָפען מיט אַ קינדערשען געשמאַקען שלאָף.

גאַנץ פריה האָט מיך אויפגעוועקט די מוהמע זלאַטע, ווייל זי האָט שוין געדאַרפט אַוועקגעהן. די מאַמע איז געשלאָפען שטיל, רוהיג. די מוהמע האָט געזאָגט, אַז עס איז איהר בעסער. בתיה־רייזעל האָט געזאָגט, אַז גאָט האָט דערהערט אונזער תהלים. „וואָס דען — קלער איך מיר — גאָט איז דען אַ שלעכטער? נאָר מיר זענען זינדיגע, אָבער ער איז אַ גוטער, און אַ גוטע תפלה פון טיעפען האַרצען דערהערט ער. אַבי, קלער איך מיר, איך ווייס

שוין, וואָס איהם געפעלט, — וועל איך שוין שטענדיג זאָגען תהלים, — אַ גרויסע זאַך תהלים זאָגען! איך האָב פון אַלע מאָל ליעב תהלים זאָגען, טאַקע וועהר אַ זיסע תפלה. ניט אומזיסט האָט דאָס גאָט ליעב״.

פון דעמאָלט אָן, ווען איך האָב נאָר געהאַט צײַט, האָב איך געזאָגט תהלים, איך האָב געפיהלט דערבײַ אַזאַ פערגעניגען, וואָס איך האָב דאָס קיינעם ניט געקאָנט אַרויסגעבען. איך האָב געפיהלט, אַז גאָט הערט מיך צו. אויף מײַן האַרצען ווערט מיר גרינגער, מײַן קאָפּ רוהט זיך אָב פון אַלע שווערע געדאַנקען. אויך שפּעטער מיט אַ סך יאָהרען, ווען מײַן מאַמע׳ס ביינער האָבען שוין פון לאַנג געפוילט אין קבר, און איך בין שוין געווען ווײַט פערוואָרפען פון מײַן קליינעם געבורטס־שטעדטעל, מײַנע געדאַנקען האָבען זיך שוין אַ סך איבערגעביטען, און איך האָב שוין לאַנג אַוועקגעוואָרפען דעם שבט־מוסר מיט דער סדרה, מיט׳ן דאַווענען, — אפילו דאַן פלעג איך זיך אין די שלעכטע מינוטען נאָך אַלץ נעהמען צום תהלים און זאָגען איהם מיט אָרע׳ס נגון, — נאָר איך האָב שוין ניט געפיהלט דאָס, וואָס אַמאָל. דער היינטיגער תהלים האָט מיך שוין ניט געקאָנט אַזוי בערוהיגען ווי פריהער. מיך פלעגט דאָס שטאַרק ערגערן. איך בין אַנדערש געוואָרען, צי דער תהלים איז אַנ׳אַנדערער? איך פיהל, אַז איינער פון אונז איז שוואַכער געוואָרען. געוויס איך. דער תהלים איז דער אייגענער און וועט בלייבען אַזעלכער ביז אייביג. דער דאָרנדיגער וועג, וואָס איך בין דורכגעגאַנגען, האָט, אַ פּנים, פראָסט געמאַכט מײַן נשמה, צובראָכען איז זי געוואָרען. מײַן מאַמעס גרויסער גאָט, וואָס זי האָט מיר איינגעפלאַנצט אין האַרצען, איז צובראָכען געוואָרען אויף שטיקלעך און עס זענען געוואָרען בײַ מיר אַ סך קליינע געטער. דעם תהלים האָב איך פערביטען אויף נײַערע זאַכען, וועלכע זענען אפשר אַזוי גוט ווי ער, נאָר דאָך דאַכט זיך מיר אָפט, דאָס איך האָב אויף אייביג אַ טײַערן אוצר פערלאָרען. די נײַע תורות האָבען מיר קיינמאָל ניט געגעבען אַזעלכע גוטע מינוטען, ווי דער אַלטער תהלים פון מײַנע קינדערשע יאָהרען.

בײַ׳ם אָפענעם פענסטער פלעג איך זיצען און זינגען די הייליגע פסוקים אויפ׳ן קול. מײַנע אויגען פלעגען קוקען צו׳ם הימעל און מײַן נשמה האָט אין בלאָהען דורכזיכטיגען נעבעל געשוועבט. פּעסט האָב איך געגלויבט, אַז דורך די תפלות פון תהלים

וועט מיין מאַמע געזונד ווערען. אַ גרויסע קראַפט האָט געהאַט יענער גלויבען. איך געדענק זעהר גוט, אַז אפילו דעמאָלט פאַר פסח, ווען איך האָב גאָר קיין צייט ניט געהאַט, פלעג איך אויך אַלע טאָג אָבזאָגען אַ קאַפּיטעל תהלים.

וואָס פאַר אַ שטילקייט און רוהיגקייט איך האָב דערזעהן! אין אַלע פענסטער איז געווען ליכטיג, און אויף דער גאַס האָט מען קיין לעבעדיגען מענשען ניט געזעהן. די לבנה האָט העל געלויכטען און פון איהר האָבען אַרויסגעקוקט צוויי פנים'ער, ס'ווייזט אויס — משה רבינו מיט אליהו הנביא, וועלכער האָט שוין צייט געהאַט אַרויפצופליהען אויפ'ן הימעל. איך האָב זיי דעמאָלט ביידען שטאַרק מקנא געווען. איך האָב געטראַכט: ווען איך וויים, וואָס אַ מענש דאַרף טהון אויף דער וועלט, כדי ער זאָל דערנאָך זיצען אין אַזאַ ליכטיגקייט, וואָלט איך, דאַכט זיך, אַלצדינג געטהון, אַבי איך זאָל זוכה זיין דערצו. „אַ זינדיגער מענש! — פאַלט מיר אַריין אַ געדאַנק — ווי דערוועג איך מיר גאָר צו טראַכטען פון אַזוינע זאַכען? צו וועמען גלייכסטו זיך? קוק און שווייג; מעהר ביזטו ניט ווערט!" אַזוי טראַכטענדיג, האָב איך דערהערט פון גאַנץ ווייט אַ געזאַנג. איך האָב זיך נאָך אַביסעל צוגעהערט — ערשט, אַהאַ! אַ בעקאַנטער מאָטיוו: איוואַן דער שייגעץ זינגט מיין געליבטעם ליעדעל. דאָס געזאַנג צעגיסט זיך מיר אין אַלע גליעדער. איך בלייב פערשטיינערט אויפ'ן אָרט. קיין פנים'ער אין דער לבנה זעה איך שוין ניט, איך זעה נאָר אַ ים ליכטיגקייט און הער נאָר אַ שטילען געזאַנג. עס האָבען זיך מיר אָנגעהויבען גיסען טרעהרען פון די אויגען. עפּעס גאָר אומגעריכט שטעלט זיך מיר פאָר יוזעף פאַר מיינע אויגען, מיין אַלטער בעקאַנטער, טייערער יוזעף, וועלכער פערשטעהט מיך אַזוי גוט מיט מיינע פריידען און ליידען! איך וויל צו איהם צוגעהן, דערצעהלען איהם, וואָס איך טראַכט. איך לויף אַראָב פון גאַניק, און ער ווערט דערוויל פערשוואונדען. איך זוך איהם אין אַלע זייטען, נאָר איך זעה איהם שוין מעהר ניט. מיין האַרץ צעגעהט מיר פאַר וועהטאָג. מיר ווערט פינסטער אין די אויגען. דאָס פייפעלע הער איך שוין מעהר ניט. איך דערמאָהן זיך, אַז עס איז שוין נאָך צוועלף אַ זייגער, און איך שטעה איינע אַליין אַזוי נאָהענט פון דער קאַלטער שוהל. איך שטעל מיר פאָר די קליינע מענשעלעך מיט די לאַנגע צינגער, וועלכע די שמש'טע בליומקע האָט גע-

זעהן. איך ענטלויף אין דער גיך אין שטוב, פערשפאר האסטיג די טהיר, אזוי ווי עמיצער וואלט מיך נאכגעיאגט. איך בין אריין אין שטוב, האב איך זיך נאך מעהר דערשראקען: מײן ברודערל איז געשלאפען, זיצענדיג אויפ'ן הסב־בעט, אנגעלענט דעם קאפ אויף די הגדה. אליהו'ס כוס איז געשטאנען א פולער, אזוי ווי איך האב איהם אנגעגאסען. די מאמע איז געשלאפען מיט א חריפ אין הארצען, די ליכט האבען געהאלטען בײ'ם אויסגעהן, די שאטענס פון די לײכטער זענען שוין ווײט געשטאנען אויף דער וואנד, די לאמפ האט ליכטיג געברענט, און אין צובראכענעם שפיעגעל האב איך געזעהן אפשר צוואנציג אזוינע בילדער. איך האב אנגעהויבען צו ציטערן, בין שטילערהייד צוגענאנגען צום טיש און האב זיך אויך צוגעשפארט, ווי מײן ברודערל, אויף דער הגדה, האב צוגעמאכט די אויגען און בין ענטשלאפען געווארען גאנץ געשמאק. אזוי זענען מיר געשלאפען ביז פיער א זײגער פארטאג.

די מאמע האט אונז קוים אויפגעוועקט. אז מיר האבען זיך אויסגעריבען די אויגען, האבען מיר געזעהן, אז די מאמע זיצט און ווײנט. איך האב זי געפרעגט, וואס זי ווײנט, האט זי מיר געענטפערט, אז זי ווײנט, קוקענדיג אויף אונזער פרעהליכען סדר. נאר דאך וואלט זי געוואלט איבער־א־יאהר דערלעבען און זיצען ווײטער נעבען אונז אזוי ווי הײנט. „נאר אומזיסט, קינדערלעך, מײן האפנונג!" — האט זי אויסגערעדט, חריפענדיג, און איז אומגעפאלען אויפ'ן קישען...

איך האב קוים אויפגעמונטערט די מאמען. עס האט איהר געשטאכען אין די זײטען, אין הארצען, אין פלײצע. איך האב פונאנדערגעלעגט א פײער אויפ'ן פריפעטשיק און האב איהר אנגעהויבען ווארימען קלײען אויף צו דערווארימען זי. זי איז געלעגען קאלט ווי אײז, יעדעס זעקעלע קלײען האט מיר געברענט די פינגער, און זי האט ניט געפיהלט. טרעהרען האבען זיך מיר געגאסען פון די אויגען. גאט מײנער! האב איך אויסגעשריען, וואס האסטו צו מיר, וואס מאטערסטו מיך אזוי? אלע האפנונגען פערלארען! אומזיסט האב איך געווארט אויף אליהו הנביא'ס הילף! נײן, איך וועל שוין מעהר ניט גלויבען אין נסים. נאריש איז די וועלט מיט די האפנונגען. איך בין מיעד צו לײדען די צרות, איך וויל שטארבען, פטור ווערען פון אלץ. וואס טויג מיר מײן לעבען, אז מיר איז אזוי שלעכט?

נײַן, איך װעל מיר אַלײן נעהמען דעם טױט. מיר אַרט ניט, זאָל די מאַמע װײנען, װיפיעל זי װיל. אַז מען האָט ניט קײן מזל דאַרף מען ניט לעבען. אָבער מיט װאָס פערסמ'ט מען זיך און װאו נעהמט מען סם? איך האָב זיך דערמאָנט, אַז מען קאָן זיך מיט שװעבעל אויך פערסמ'ען. און אַזױ בלײַבט בײַ מיר דאָס צו טהון, און טאַקע בײַ טאָג דעם ערשטען טאָג פסח, — אַ לײדיגע צײַט, איך װעל פריהער אַ קוש טהון די מאַמע מיט'ן ברודערל, אָבזאָגען ה״ו, װעל פערברענגען יאָזעפ'ס בריעף, און דערנאָך װעל איך זיך רוהיג שטאַרבען. װי גוט װעט מיר זײַן! איך װעל הערען, װי אַזױ אַלע װעלען װײנען נאָך מיר, — איך האָב געװאוסט, אַז דער מת הערט יעדעס װאָרט, ביז דער דריטער לאָפּעטקע זאַמד.

איך האָב אָנגעװאַרעמט װאַסער און אינאײנעם מיט די קלײנע האָב איך צעװײקט אין אַ גלאָז װאַסער צװײ פּעקלעך שװעבעלעך. דאָס װאַסער, װאָס איז געװאָרען פעט, האָב איך בעהאַלטען אונטערן פעטערס בעט, און איך בין געװאָרען גאָר רוהיג. דער מאַמען איז דערװײַל געװאָרען בעסער, זי איז אַ ביסעל אַנטשלאָפען געװאָרען. דער הימעל איז געװאָרען ליכטיג, די לבנה איז געװאָרען בלײך. עס האָט אָנגעהױבען צו טאָגען. איך האָב אויפגעעפענט די טהיר און האָב זיך אַנידערגעזעצט אויפ'ן גאַניק. איך האָב געװאָלט זעהן דאָס לעצטע מאָל, װי אַזױ די זון געהט אויף. פאָרבײַ מיר זענען געגאַנגען טשערעדעס מיט קיה, װאָס שקצים האָבען געטריבען אין פעלד. „װען עס איז זומער, גיט זיך מיר אַ טראַכט דערװײַל, װאָלט איך געשענקט דעם פאַסטוך אַ בײגעל, װאָלט ער מיר מיטגעבראַכט פון פעלד אַ קראַנץ פון בלאָהע קאָרען־בלומען". מיר האָט זיך זעהר געװאָלט פערסמ'ען מיט אַ קראַנץ אויפ'ן קאָפּ, װי אַ געװיסע העלדין פון אַ ראָמאַן האָט דאָס געטהון.

די זון האָט אָנגעהױבען אויפגעהן. איך בין געזעסען און האָב זיך געזעגענט מיט איהר און מיט אַלצדינג אַרום. איך האָב גערעכענט פאַר'ן טױט נאָך צו געהן זיך זעגענען מיט'ן שענעם טײַך. פאַר'ן טױט, האָב איך געטראַכט, װעל איך זיך אָנטרינקען װאַסער פון דעם גלח'ס ברונעם און אַ קוש טהון די מאַמען מיט'ן ברודער'ל און אויסטרינקען דעם ביטערן טרונק װאַסער — און פאַרטיג.

עס איז געקומען דער הײליגער פסח. צו'ם סדר איז בײַ אונז קײנער ניט געװען. דער אַלטער פעטער איז אַװעקגעפאָהרען צו די קינדער אויף פסח. שײנע־גיטעל איז אַװעק צו איהר טאַטען צו'ם סדר, און

מיר זענען געבליבען אַלײן, יענעם סדר װעל איך געדענקען, װיפיעל איך װעל לעבען. אין שטוב איז געװען ליכטיג, דער טיש װײַס געגרײַט מיט אַל דאָס גוטס. אױבען־אָן זיצט מײַן ברודער׳ל אױף אַ גרױסער קישען; דאָס פּנים איז בײַ איהם װײַס װי שנײ, די אױגען לײַכטען איהם װי אַמאָל בײַ דער מאַמע׳ן, זײַנע שװאַרצע האָהר גלאַנצען. ער זיצט און זאָגט די הגדה אין דער הױך מיט׳ן שענעם נגון; זײַנע אױגען קוקען טרױעריג; אַלע מאָל װאַרפט ער אַ קוק אױפ׳ן בעט. די מאַמע זיצט אַ בלײַכע, װי די װאַנד, און טראַכט עפּיס. איך זאָג אױך די הגדה מיט דעם אײגענעם נגון, װאָס מײַן ברודער׳ל. מיר טהוען אַלסדינג װי עס דאַרף צו זײַן. מיר האָבען זיך אָנגעגעסען מיט מרור נאָך מעהר װי מיט מצה, פּרעה׳ן האָבען מיר אָבגעצעהלט מכּות צװײ הונדערט נאָך מיט פּוסטיג, װײַל מיר האָבען בײדע פײַנד געהאַט פּרעה׳ן אַזױ װי אַ שפּין. מיר װערט אָבער ניט מאוס צעהלענדיג. איך זאָג דעם ברודער, אַז צו די אַלע מכּות װאָלט איך איהם נאָך צוגעגעבען דער מאַמע׳ס קרײנק, װאָלט שױן איהם, דאַכט זיך, געװען גענוג. די מאַמע האָט אַ לאַך געטהון. מיר האָבען זיך דערפרעהט מיט איהר געלעכטער און האָבען אױך אָנגעהױבען לאַכען. פון אונזער אַלעמעס געלעכטער איז אין שטוב געװאָרען ליכטיגער, װײַל די שטוב האָט שױן לאַנג ניט געהערט קײן געלעכטער.

בײַ׳ם עסען זענען מיר געזעסען און געמאַכט פּלאַנען, אַז איבער אַ יאָהר אין דער צײַט װעט שױן די מאַמע זײַן געזונד און װעט אױך זיצען מיט אונז בײַ׳ם סדר, װי אין די גוטע יאָהרען. איך דערמאָהן זיך, אַז אַמאָל װען אונז איז געװען גוט און די מאַמע איז געװען געזונד, פלעגט אױך די מאַמע װײנען בײַ׳ם סדר. פאַרװאָס, טראַכט איך, פלעגט זי װײנען? אונז איז דעמאָלט אַזױ גוט געװען, — אױף הײַנט געזאָגט געװאָרען. אָ, װען די מאַמע װערט איצט געזונד, װאָלטען מיר שױן גאָרניט געדאַגה׳ט. אָ, װי אַזױ גוט װאָלט אונז געװען! — האָבען מיר בײדע אױסגערעדט. די מאַמע איז אַנטשלאָפען געװאָרען און מיט אַזאַ חריפ, אַז די װענד האָבען געציטערט. זײ האָבען שױן, װײַזט אױס, פערגעסען אָן דעם פריהערדיגען שמײכעל און האָבען איצט געטרױערט אַזױ װי איך מיט מײַן ברודער׳ל. איך בין געזעסען און האָב געטראַכט: װאָס קאָן העלפען דער מאַמע׳ן? אַלצדינג האָט מען שױן געטהון, און עס העלפט ניט. סײַדען גאָט זאָל טהון אַ נס, ער זאָל אַראָבװאַרפען אַ רפואה פון

הימעל? נאָר וואָס דאַרף ער אַראָבוואַרפען פון הימעל? ער האָט דען ניט מיט וועמען צו שיקען? ווייניג שלוחים האָט ער? אָט אַ שטייגער איצט. אליהו הנביא וועט קומען סיי־ווי, אַז מען וועט איהם עפענען די טהיר, קאָן ער שוין מיט איין וועג ניט ברענגען אַ רפואה דער מאַמען? וואָס איז ביי גאָט שווער? איך האָב דאָס געזאָגט מיין ברודער׳ל וואָס איך טראַכט. דער דאָקטאָר איז איהם געפעלען, נאָר ער האָט ניט געגלויבט, אַז ער וועט וועלען היילען. ער האָט מיר אַלע מיינע האָפנונגען צושלאָגען, איך בין אַזש בייז געוואָרען אויף איהם.

— אָט דיר אויף צו להכעיס, זאָג איך, וועט גאָט דורך אליהו הנביא׳ן שיקען דער מאַמען אַ רפואה.

— הלואי, זאָגט ער, איך וואָלט אַוודאי געוואָלט, נאָר איך גלויב ניט אין קיין נסים. אַז די שכינה איז אין גלות, איז נישטאָ קיין נסים. דו ווילסט פאַנטאַזירען? זאָל גאָט מאַכען דיין פאַנטאַזיע פאַר אַן אמת.

— יאָ, יאָ, עס וועט זיין אמת, וועסט זעהן די נסים פון גאָט. מיר דאַכט, אַז דו גלויבסט שוין גאָר אין גאָט ניט, דערפאַר רעדסטו אַזוי.

מיין ברודער׳ל האָט אַ שמייכעל געטהון און האָט געזאָגט: אַ יודענע פערשטעהט גאָרניט, וואָס גאָט איז. מענדיל קאַראָוויצער איז טאַקע גערעכט, וואָס ער זאָגט, אַז די מאַנסבילען זענען מענשען, און די ווייבער זענען מענשעלעך. און דו מיינסט, אַז דו ווייסט עפּיס? אָט שוויַיג, אַז גאָט האָט דיך בעשאַפען אַ מיידעל, און וועגען די נסים פון גאָט וועלען שוין רעדען אַנדערע, וועלכע זענען מענשען, און ניט קליינע מענשעלעך.

מיך האָט שטאַרק פערדראָסען, נאָר איך האָב בערעכענט אָבשווייגען איהם היינטיגס מאָל, ווייל איך האָב געוואָלט, אַז היינטיגען אויף דער נאַכט זאָל זיין ביי אונז רוהיג און שטיל, דער טייערער גאַסט אליהו הנביא זאָל בלייבען צופריעדען און זאָל טאַקע איבערלאָזען אַ גוטע זאַך אויך.

מיר האָבען קוים דערלעבט אָבעסען וועטשערע; מיט גרויס מיה האָב איך אויפגעגעסען אַ שטיקעל אפיקומן, און דאָס איבעריגע האָב איך בעהאַלטען אין קעשענע, עס זאָל מיר מאָרגען גליקען אין ניס שפּיעלען, — פון דער סגולה האָט מען ביי אונז שטאַרק געהאַלטען, און האָב אָנגעגאָסען פאַר אליהו הנביא׳ן אַ גרויס גלאָז רויטען וויין, וועלכער האָט זיך שטאַרק אָבגעשפּיגעלט אַנטקעגען דעם ווייסען טיש־

טוך. עס איז געווען שען צו קוקען אויפ'ן גלאָז ווײַן אונטען מיט אַ גלעזערנעם טעלער'ל. פאַר אליהו הנביא'ן האָב איך אויסגעקליבען גראָד דאָס שענסטע טעלער'ל מיט דער מאַמע'ס כוס. פאַר אליהו הנביא'ן פלעגט די מאַמע אַמאָל שטעלען אַ גלאָז מיט אַ פּראָסטער שאָל, און הײַנט האָב איך פערביטען די שאָל אויף אַ גלעזערן טעלער'ל, — זאָל ער װיסען, אַז מען טראַכט פון איהם. מײַן ברודער'ל האָט מיר געגעבען אַ װאונק, אַז איך זאָל עפענען די טהיר. איך האָב זיך געלאָזט לויפען צו דער טהיר, און דאָס האַרץ האָט מיר געקלאַפּט װי מיט אַ האַמער. איך האָב ערװאַרט צו זעהן עפּיס װאונדערליכעס. איך האָב האַסטיג געעפענט די טהיר, האָב זיך געשטעלט בײַ דער זײַט, זיך צוגעהאַלטען בײַ דער קליאַמקע און די שװעל האָב איך געלאָזט ליידיג, ער זאָל האָבען װאו דורכצוגעהן. װיפיעל איך האָב געװאָלט עפּיס זעהן, האָב איך פאָרט גאָר ניט געזעהן. איך האָב נאָר געפיהלט, אַז אַ װינד געהט אַרום איבער דער שטוב, און אין דעם װינד, האָב איך געטראַכט, שװעבט אַרום אליהו, — נאָר פאַר װאָס זעה איך איהם ניט? געװיס? קלער איך מיר, װײַל איך בין זינדיג און בין ניט װערטה איהם צו זעהן. איך האָב געהערט, װי מײַן ברודער'ל האָט געזאָגט שפוך חמתך, און איך האָב נאָך מעהר אָנגעהויבען צו ציטערן פאַר'ן װינד, װאָס איז אַלע מאָל אַרײַן אין שטוב. צו'ם סוף האָט מיך מײַן ברודער'ל אַ רוף געטהון, איך זאָל פערמאַכען די טהיר, װײַל ער האָט שוין אַלצדינג אָבגעזאָגט. הײסט דאָס, אליהו איז שוין אַװעקגעגאַנגען. דעמאָלט בין איך ערשט צוגעגאַנגען צו'ם שװעל און האָב אַ קוק געטהון אין דרויסען.

פלוצלונג האָב איך דערהערט אַ קלונג אין קלויסטער און באַלד נאָך אַ קלונג. איך האָב זיך דערשראָקען: איך האָב געמײנט — אַ שרפה. איך האָב זיך אָנגעהויבען אַרומקוקען — ערשט גאָרנישט. איך האָב געהערט, װי מען האָט געעפענט בײַ'ם גלח די פענסטער מיט די טהירען, די פאַראָבקעס מיט די דיענסטען האָבען אָנגעהויבען אַרומגעהן איבער'ן הויף. מיט אַמאָל האָב איך דערזעהן אַקולינען, דעם גלח'ס קעכין. זי איז צוגעגאַנגען צו מיר פערװײנט און האָט מיר געזאָגט, איך זאָל איהר געבען אַ פונט ליכט. איך האָב איהר אָנגעהויבען פרעגען — װאָס װײנט זי? װאָס דאַרף זי ליכט גאַנץ פריה? װאָס קלינגט מען אין קלויסטער אַזוי פריה? זי האָט מיר געענטפערט: נאַשאַ פאַנעגקאַ פאָמערלאַ! פאַר מיר איז דאָס געװען אַ קלענערער

קלאַפּ. איך האָב איהר געגעבען די ליכט און אויסגעשריען: אַ שענע ריינע כפּרה פאַר דער מאַמען! דער קלונג פון קלויסטער האָט אויפגעוועקט אַלע שכנים. אַלע האָבען זיך דערשראָקען פאַר אַ שרפה. איך האָב אַלעמען אָנגעזאָגט די בשורה, אַז סאַשקע איז געמ'תט, און אַלע האָבען געטאַנצט פאַר פריידע. עפּעס אַ קלייניגקייט — די מערדעריין סאַשקע, וואָס האָט מיט דריי יאָהר צוריק אָבגענאַרט מיין מאַמען דעם ערשטען אַפּריל.

מיט סאַשקעס קריינק האָט מען זיך בעהאַלטען פון אַלעמען. מען האָט זי פריהער מיט אַ יאָהר אַוועקגעפיהרט ערגעץ ווייט אין אַ וויט, ווייט לאַנד, און פריהער מיט עטליכע וואָכען האָט מען זי געבראַכט אַהיים אַ געלע ווי וואַקס. די דיענסטען האָבען געזאָגט, אַז זי האָט די סוחאָטע. ביי אונז אָבער האָבען אַלע געזאָגט, אַז גאָט צאָהלט עס איהר פאַר מיין מאַמען. און איצט איז זי געשטאָרבען — אַזאַ געזונדטע שיקסע געווען! מערע די נייטעריין זאָגט, אַז זי האָט בעקומען די סוחאָטע אויס ליעבע: זי האָט זיך פערליעבט אין דעם אירעמעצער גלח'ס פּאַראָבעק, און דער טאַטע האָט איהר ניט געלאָזט חתונה האָבען פאַר איהם, און דערפון איז זי קראַנק געוואָרען. די מוהמע זלאַטע האָט געשריען, אַז נאָר גאָט אַליין האָט איהר בעצאָהלט פאַר מיין מאַמען. די מאַמע האָט זיך אויפגעהאַפּט דורך דעם טומעל פון דער גאַס און איז צוגעגאַנגען אַיינגעבויגען צום פענסטער פרעגען, וואָס דאָס איז פאַר אַ גדולה אויף אַלעמען. דער עולם האָט זי דערזעהן ביין פענסטער, האָט מען אָנגעהויבען פּאַטשען מיט די הענד, — אַ שענע, ריינע כפּרה פאַר דיר! איצט וועסטו שוין ווערען געזונד. עס איז שוין דאָ, ווער עס זאָל פערלעגען דיין גרוב אויף עטליכע צעהנדליג יאָהר. איצט דאַרפסטו לעבען און פרעהען זיך מיט דער נקמה, וואָס דו זעהסט אָן דער וואָס זי האָט דיר שלעכטס געטהון. וועסט זעהן, אַז פון היינט אָן וועסטו ווערען געזונדטער. הערענדיג די ווערטער, האָט די מאַמע געשמייכעלט און האָט זיך אַ ביסעל אויסגעלאַכט. אין די אויגען האָט זיך געוויזען ביי איהר אַ פייערל, ווי אין די גוטע יאָהרען. קוקענדיג אויף איהר שמייכעל און הערענדיג אַלעמענס ווערטער, בין איך גאָר געוואָרען לעבעדיג. איך בין אַריינגעלאָפען אין שטוב, געחאַפּט דאָס גלאָז סם און אויסגעגאָסען אין פּאָמוניצע, אויסגעוואַשען דאָס גלאָז אַזוי, ווי ס'איז גאָר קיינמאָל קיין סם אויף דער וועלט ניט געווען. מיין האַרץ איז געוואָרען פול מיט

האָפֿנונג. איך האָב שוין װײַטער געהאַט אויף װאָס אַרויסצוקוקען, אויף װאָס זיך אָנצושפּאַרען. דאַנקען גאָט, סאַשקע איז אַ כפּרה פֿאַר מײַן מאַמען — אַזאַ סוף זאָל אויסגעהן צו אַלעמען, װאָס טהוען יודען שלעכטס. איך האָב אינגאַנצען פֿערגעסען אָן טויט. מיר האָט זיך נאָר געװאָלט לעבען און האָפֿען אויף גוטע צײַטען. איך האָב יענעם טאָג אָפּגעזאָגט גאַנץ תהלים מיט אַזאַ געזאַנג, אַז די װענד האָבען געקלונגען. בײַ טאָג זענען אונזערע אַלע שכנים געגאַנגען אָנקוקען סאַשקען. מען האָט אַלעמען געלאָזט קוקען אויף איהר, אַלע טהירען און פֿענסטער זענען געװען אָפֿען; אין מיטען זאַל איז געשטאַנען אַ סאָפֿקע, איבערגעצויגען מיט װײַסען, און אויף דער סאָפֿקע איז געלעגען סאַשקע, אָנגעטהון אין אַ װײַס קלײד, מיט װײַסע זאָקען און מיט װײַסע טופֿלעס גאָר אַזוי װי אַ כלה. די שענע האָר זענען געװען פֿערפֿלאָכטען אין אַ צאָפּ מיט אַ װײַסע באַנד, אַ קראַנץ װײַסע בלומען איז איהר געװען אָנגעטהון אויפ'ן קאָפּ, און אַרום זענען אויך געלעגען קרענץ בלומען. דאָס האָבען געבראַכט די גלחים מיט די גלח'טעס, װאָס זענען געקומען צופֿאָהרען. אַלע זענען געזעסען אַרום איהר, אָנגעטהון אין טײַערע שװאַרצע קלײדער. סאַשקע אַלײן איז געװען געל װי װאַקס מיט פֿערמאַכטע אויגען. אַזוי װי אַ האָלץ איז זי געלעגען.. אָט װאָס איז געװאָרען פֿון דער שענהײַט סאַשקע! נישטאָ די רויטע באַקען, נישטאָ די גרעב איהרע, נאָר דער לאַנגער צאָפּ איז געבליבען. אַלע זיצען און קוקען אויף איהר און שװײַגען, קײן טרעהר זעהט מען אויף קײנעם ניט, — עפּעס שטײנערנע הערצער בײַ די גוים. צי קאָן דען זײַן, אַז זיי אַרט ניט, אַז מען שטאַרבט? סאַשקעס דרײַ עלטערע שװעסטער, פּרײַלינס, װעלכע זענען אין אײנעם אַלט געװען אפשר אַ יאָהר הונדערט, זענען אומגעגאַנגען װי דרײַ גולמ'ס, זיי האָבען ניט געװײנט, ניט געלאַכט, װי אַזוי װײנט מען ניט, אַז מען דאַרף אַרײַנלעגען אין דר'ערד אַזאַ שען מײדעל װי סאַשקע? עס װײַזט אויס, אַז גוים האָבען גאָרניט ליעב אײנע די אַנדערע. װאָס איז בײַ גוים אַ שװעסטער? גאָרניט, אַזוי װי אַ פֿרעמדע, — געשטאָרבען, װעט מען זי בעגראָבען. אַ גוי בלײַבט אַ גוי. — מיר יודישע קינדער, װאָס האָבען זיך אַקאָרשט אין דער־פֿריה געפֿרעהט מיט סאַשקעס טויט, זענען געשטאַנען נעבען איהר מיט טרעהרען אין די אויגען און האָבען געקוקט, װאָס איז געװאָרען פֿון איהר: ניט װילענדיג איז צוגאַנגען דאָס האַרץ, קוקענדיג אויף איהר. גרויסע ליכט האָבען

געבּרענט געבּען איהר קאָפּ, און דער דיאַק איז געשטאַנען און האָט עפּעס געבּאָלבּעט אונטער איהר צוקאָפּענס. אויפ'ן טישעל האָט זיך עפּעס געראויכערט, פון וואָס עס האָט זיך געפיהלט אַ שטאַר־קער ריח... איך בּין געשטאַנען און האָב נאָר געטראַכט, וואו איז אַהינגעקומען סאַשקעס נשמה? געווים אין גיהנום, אָדער אפשר גאָר נע־ונד; ווער ווייסט, וואו זי געפינט זיך שוין. אפשר איז זי שוין מגולגל געוואָרען אין אַ הונד, אין אַ חזיר? וואו דען ווערט אַהינקומען אַזאַ מין נשמה, אַזאַ זינדיגע ווי סאַשקעס? פאַר דער מאַמעס צרות אַליין וועט זי דאַרפען זיבּען מאָל מגולגל ווערען, אַלע מאָל אין אַן'אַנדער חיה. נאָר וואָס וועט זיין דער סוף פון איהר?— וואָלט איך געוואָלט וויסען. אין גרויסע ספרים שטעהט מסתמא געשריבּען דערפון. איך וועל פרעגען מיין בּרודער'ל. ער ווייסט מסתמא. און מיט דעם געדאַנק בּין איך אַוועק אַהיים.

אין דער־היים האָב איך מיין בּרודער'ל געטראָפען שלאָפענדיג. איך האָב איהם אויפגעוועקט, דערצעהלט איהם, וואָס איך האָב געזעהן בּיי דעם גלח אין שטוב, און פּלוצלונג גיב איך איהם אַ פרעג:

— וואו איז איצט סאַשקעס נשמה? דו ווייסט?

ער האָט אַ בּיסעל אַ טראַכט געטהון און האָט מיר געענטפערט: אַ גוי האָט ניט קיין נשמה, אין אַ גוי זיצט אַ רוח.

— וואָס הייסט אַ רוח?

— אַ רוח איז אַ ניט־גוטער; אין יעדען גוי זיצט אַ רוח,— האָט מיין בּרודער'ל געענטפערט ערנסט.

— און איך האָב געמיינט, אַז אַ גוי'ס נשמה געהט אַריין אין אַ חיה, און דערנאָך צוריק אין אַ גוי, הייסט דאָס, די נשמות פון חיות און פון גוים זענען אַלץ די אייגענע.

די דאָזיגע ווערטער האָב איך געזאָגט אַזוי ווי מיט שפּאַס, אַז איך אַליין גלויב אויך ניט אין דעם, ווייל אַנטקעגען דעם בּרודערל'ס בּילדונג בּין איך בּיי זיך געווען שטאַרק געפאַלען; איך האָב ניט געוואָלט זאָגען, אַז איך גלויב אין דעם, ער זאָל פון מיר ניט לאַכען. נאָר דאָס מאָל האָב איך גראָד געטראָפען. מיין בּרודער'ל איז אויך מסכים געווען מיט מיר, אַז עס קאָן זיין אַז די נשמות פון גוים און פון חיות זענען די אייגענע. איך בּין בּיי זיך געוואָרען אַ בּיסעל שטאָלצער, און האָב בּעשלאָסען, אַז

סאַשקעס נשמה איז געװיס אַרײַן אין אַ חזיר. קײַן בעסערס האָט זי אין מײַנע אױגען ניט פֿערדינט.

סאַשקע ליגט שױן פֿון אַ פּאָר װאָכען אין דער ערד נעבען קלױסטער. אױף איהר קבר איז שױן אַנגעװאַקסען גראָז, און מײַן מאַמע חריפֿעט נאָך אַלץ מיט דעם אײגענעם נגון. איך האָב שױן באַלד חרטה, װאָס איך בין געבליבען לעבען, נאָר איך קאָן דאָס טהון, װען איך װיל — שװעבעלעך זענען פֿאַרהאַן. איך האָב אָבער מורא פֿאַר חיבוט הקבר, פֿון װעלכען מײַן ברודעריל האָט זיך מיר אָנ־דערצעהלט; איך קלער מיר, אַז מען װעט מיך װאַרפֿען פֿון אײן עק װעלט ביז דעם אַנדערן, װעט מיר דען זײַן בעסער? מילא, װאָס קאָן איך טהון? שױן בעסער זיך דאָ מאַטערן, װעט אפשר זײַן אַנ'אָפּקומעניש אױף די זינד.

דערװײַל איז מיר װאָס װײַטער ערגער געװאָרען. שײַנע־גיטלען האָט מען אָבגעזאָגט, און איך בין געבליבען אַלײן אין שטוב אַ בעל־הבית'טע. אין קראָם אַ קרעמערין, און נעבען דער מאַמען אַ זיצערין. קײַן חלה האָב איך ניט געקאָנט קנעטען, די מאַמע פֿלעגט מיך אױפֿװעקען פֿרײַטאָג פֿאַר־טאָג, איך זאָל קנעטען די חלה נעבען איהר בעט; איך בין געשטאַנען באָרװעס מיט נאַקעטע הענד, אין אײן האַנד אַ קװאָרט װאַסער, מיט דער אַנדערער האַנד פֿלעג איך זיך צוהאַלטען פֿאַר'ן בײַנקעל, איך זאָל ניט פֿאַלען, װײַל די אױגען זענען מיר פֿערקלעפּט. איך פֿאַל פֿון די פֿיס, און שטאַרב שלאָפֿען, די קװאָרט פֿאַלט מיר אַרױס פֿון די הענד, און עס גיסט זיך אָן צו פֿיעל װאַסער אין מולטער, פֿון די טײג װערט אַ קרופּניק. די מאַמע װערט בײז, הױבט מיך אָן שלאָגען איבער די הענד און שרײַט אױף מיר, אַז איך בין אַ שלאַק, גאָט האָט זי געשטראָפֿט מיט אַלצדינג; אפילו קײַן רעכטע קינדער האָט ער איהר ניט געגעבען. איך הױב אָן װײנען, און װײס ניט, װאָס צו טהון. איך פֿיהל אַז די מאַמע איז גערעכט נאָר װאָס קאָן איך העלפֿען? איך בין פֿאָרט מיעד און שלעפֿעריג. צום סוף קומט די מוהמע זלאַטע און פֿערקנעט די חלה. אױפֿ'ן צװײַטען פֿרײַטאָג איז װײַטער די אײגענע צרה. די מאַמע װיל, אַז איך זאָל פֿאָרט קאָנען קנעטען חלה.

אײן מאָל בין איך צוגעגאַנגען צום קאָמאָד עפּיס זוכען, האָב איך געפֿונען אַ גרױס שטיק לײַװענד, דינע װי זײַד, װײס װי שנײ. „מאַמע, פֿרעג איך, װאָס איז עס פֿאַר אַ לײַװענד?" — „מיר אױף אײביגע קלײדער, מײַן טאָכטער; איך װיל זיך לעגען אין אמת'ע

לײַװענדענע תכריכים, איך װעל מסתמא שטאַרבען פּלוצלונג, װאו װעט איהר דאָ נעהמען אין שטעדטיל גוטע תכריכים". דערהערענדיג די װערטער האָב איך געגעבען אַװאָרף די לײַװענד און בין אַװעקגע־לאָפען מיט אַ געשריי, אַז איך װעל די לײַװענד פערברענען. איך בין אַװעקגעלאָפען אין שוהל, האָב אויפגעעפענט דעם ארון קדש און האָב זיך דאָרט גוט אויסגעװיינט. די יונגלעך, װאָס זענען געזעסען אין שוהל אין האָבען געלערנט, האָבען געװיינט אויף מיר קוקענדיג. פון שוהל בין איך אַנטלאָפען צו'ם זיידען מיט אַ געװיין. דער זיידע האָט מיך בערוהיגט און האָט געזאָגט, אַז מען גרייט אָן תכריכים, קאָן מען ערשט לעבען הונדערט יאָהר. דער זיידע האָט מיר צוגעזאָגט, אַז מאָרגען װעט ער אויסרופען אין אַלע שוהלען, מען זאָל זאָגען תהלים פאַר די מאַמע'ן, און גאָט װעט מסתמא העלפען. דער ארון קדש און דער זיידע מיט'ן תהלים פון גאַנץ שטעד־טיל יודען האָבען מיך בערוהיגט; איך בין אַװעק אַ פערטראַכטע אַהיים. דאָרט האָב איך געטראָפען די מאַמע'ן שלאָפענדיג. מײַן ברודער'ל איז געזעסען נעבען איהר מיט אַ ספר; ער האָט מיר געזאָגט, אַז די מאַמע האָט זעהר געװיינט איידער זי איז אַנטשלאָפען געװאָרען. אויפ'ן צװייטען טאָג איז געװען דאָנערשטאָג; פאַר מנחה האָט מען אין ביידע שוהלען תהלים געזאָגט. אַזוי איז װײַטער אַװעק אַ פּאָר װאָכען מיט צרות און מיט װעהטאָג.

מען האָט שוין דערלעבט ערב־שבועות, איך בין געװען פערנומען אין קלייט, די מאַמע האָט געשיקט רופען דעם זיידען מיט מײַנע פעטער'ס און שװעסטער־קינדער. אַז זיי זענען אַלע געקומען, האָט די זיי געזאָגט, אַז זי װיל װידוי זאָגען; זיי האָבען איהר אפילו אָבגערעדט דערפון, נאָר דערנאָך האָבען זיי מסכים געװען מיט איהר. דער שמש האָט געבראַכט אַ קליין ספר'ל; דאָס איז געװען דער מעבר יבוק, און פון דעם ספר'ל האָט ער געזאָגט איינציגע װערטער, און די מאַמע האָט איהם נאָכגעזאָגט. מײַן ברודער'ל איז געשטאַנען אונטער דער טהיר און האָט געװיינט. איך בין אַרײַנגעלאָפען װי אַ משוגענע, איך האָב אָנגעהויבען שרייַען אויפ'ן שמש, ער זאָל אַװעקגעהן, — װאָס האָט ער דאָ צו טהון? איך װיל ניט, ער זאָל דערקירצען דער מאַמעס יאָהרען. דער זיידע האָט מיך אַרויס־געפיהרט אין קיך און האָט מיר אײַנגערעדט, אַז דאָס טהוט מען פאַר אַ סגולה. איך בין געזעסען מיט מײַן ברודער'ל אויפ'ן גאַנעק, און מיר האָבען געװיינט מיט ביטערע טרעהרען; װײַבער זענען גע־

גאנגען פארביי און האבען געזיפצט אויף אונז קוקענדיג. מיר האבען קוים דערלעבט, זיי זאלען אוועקגעהן. דעמאלט זענען מיר אריין אין שטוב: די מאמע האט שטילערהייד געוויינט זאגענדיג עפיס פון קרבן מנחה. דער מעבר־יבוק איז געלעגען אויפ׳ן טיש, איך האב איהם צוגעחאפט די מאמע זאל ניט זעהן, און האב איהם אריינגעווארפען אין אויווען און האב געקיהלט מיין הארץ, זעהענדיג, ווי ער ברענט אין אויווען.

אויף מארגען נאך שבועות האב איך געשריבען דער באבע׳ן א בריעף, זי זאל קומען צופאהרען. די מאמע האט פון דעם בריעף ניט געוואוסט. דעם בריעף האט מיר געהייסען שרייבען די מוהמע זלאטע, די מאמע האט זיך געפיהלט א ביסעל בעסער נאך שבועות, נאר אויפ׳ן פינפטען טאג נאך שבועות איז די מאמע א גאנצען טאג געזעסען פערטראכט, דאס פנים איז ביי איהר געווען שווארץ ווי קויהל. א זייגער דריי ביי־טאג האט זי צונויפגערופען איהרע מוהמעס מיט די שוועסטער־קינדער און האט זיי אלעמען געזאגט, אז זי שטארבט. זי האט געבעטען די מוהמע זלאטע׳ן, זי זאל אכטונג געבען דערוויל אויף די קינדער, ביז איהר מאמע מיט די ברידער וועלען וואס בעשטימען; זי פערלאזט זיך איננאנצען אויף זיי; זי פערלאנגט, אז די קינדער זאלען בלייבען אין דער ליטא, זי האט מורא פאר דער גרויסער שטאדט, מיר זאלען דארט קיין גוים ניט ווערען, דערהויפט האט זי דערין געציטערט פאר׳ן ברודער׳ל. מיר, האט זי געזאגט, זאל מען וואס גיכער חתונה מאכען, מען זאל מיר געבען אנ׳איידעלען יונגען מאן, און נדן זאל מען מיר געבען די שטוב. אט דאס איז געווען מיין מאמע׳ס צואה.

מען האט אריינגערופען מיך מיט מיין ברודער׳ל. די מאמע האט אונז ביידען ארומגענומען און האט אונז אזוי געהאלטען עטליכע מינוט, ביז זי איז מיט אמאל אומגעפאלען אויפ׳ן בעט. עטליכע מינוט האט זי געחריפעט און איז דערנאך שטיל געווארען. באסיע ריזעל האט איהר צוגעלעגט א פעדער צו דער נאז; מען האט דערהערט נאך א חריפ, און די פעדער האט זיך שוין מעהר ניט גערירט — אנטשלאפען געווארען אויף אייביג! „נישטא מעהר קיין מאמע, קינדערלעך!“ האט די מוהמע זלאטע א געשריי געטהון, מיר האבען אלע אנגעהויבען שרייען... מען האט די מאמען אוועקגעלעגט אויף דער ערד, מען האט אנגעצונדען ליכט און מען האט זי צוגעדעקט מיט שווארצען. אלע האבען זיך ארום איהר אנידערגעזעצט קלאגען.

באַלד האָט דאָס גאַנצע שטעדטיל געוואוסט, אַז די מאַמע איז געשטאָרבען. אונזער שטוב איז געוואָרען בעלעגערט, מען האָט קוים געקאָנט אַרויסגעהן אָדער אַריינגעהן. מאָשקע דער שמש איז אומגעלאָפען, ווי אַ פערסמ׳טער, דער זיידע האָט איהם אָנגעזאָגט, מען זאָל גראָבען אַ קבר אויפ׳ן רעכטען אויבען־אָן, באַרג־אַרויף; מאָשקע האָט געשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ און זיינע קאָלטענעס האָבען זיך געוואָרפען אין אַלע זייטען, די פּאָלעס פון דער קאַפּאָטע זענען געווען פערשטעקט אין גאַרטעל, און ער האָט געאַרבייט מיט די הענד און מיט׳ן קאָפּ, אַזוי אַז ער האָט ניט געוואוסט וואָס פריהער צו טהון. אין שטוב איז געווען פול מיט ווייבער, אַלע האָבען געוויינט. ביי׳ם טיש זענען געשטאַנען חאַנע מאָטעל׳ס מיט רחל אליקים׳ס און האָבען אין דער גיך גענייהט פון דעם גרויסען שטיק לייווענד, וואָס איך האָב געוואָלט פערברענען, רחל אליקים׳ס האָט זיך ניט געקאָנט אָבלויבען פון די לייוועגד, ווי גוט און כשר דאָס איז, — געלעבט ווי אַ צדיקת און געשטאָרבען ווי אַ צדיקת. איך בין געזעסען אויף דער ערד נעבען דער מאַמע׳ס קאָפּ און האָב פון זיך געריסען שטיקער פלייש, פון די הענד האָט מיר גערונען בלוט; קיין אַנדער זאַך האָב איך ניט געקאָנט טהון. איך האָב אפילו גוט געוויינט, נאָר ניט אַזוי שטיל האָב איך געדאַרפט צו וויינען. איך האָב געדאַרפט שרייען, רעדען, בעטען, — איצט איז די לעצטע צייט צו רעדען מיט דער מאַמען. נאָר איך בין אומגליקליך. איך טראַכט נאָר, און רעדען קאָן איך ניט. פאַרוואָס זענען אַנדערע אַזוינע קלוגע און קאָנען אַזוי גוט רעדען? וואָס פאַר אַ געפּערלטע מיילער עס זענען דאָ געזעסען! איך רעד שוין ניט פון מיינע מוהמעס, אפילו פרעמדע האָבען גערעדט אַזוי, אַז שטיינער האָבען געקאָנט צושאָטען ווערען. אַלע האָבען גערעדט פון מיר מיט מיין ברודערל; אַלע האָבען געבעטען די מאַמען, זי זאָל שטעהן און בעטען פאַר אונז. צו וואָס — טראַכט איך — דאַרף מען זי בעטען? זי ווייסט דען ניט, אַז זי דאַרף פאַר אונז בעטען? פאַר וועמען דען וועט זי בעטען, אַז ניט פאַר אונז? איז זי דען ניט די אייגענע גוטע, געטרייע מאַמע וואָס פריהער? אָבער ניין, מסתמא דאַרף מען איהר אָנזאָגען, זי זאָל ניט פערגעסען אַלצדינג. דערהויפּט האָט געשניטען דאָס האַרץ דער מוהמע זלאַטע׳ס טענות: אַזוי ווי פון אַ בוך האָט זי אַרויסגערעדט, אַזוי פיעל און אַזוי גלאַט. זי האָט געבעטען פאַר אונז, פאַר איהר

מיט איהרע קינדער, פאר דער אלטער באבען, וועלכע דארף איצט זיין אונזער מאמע, פאר דער מאמע'ס ברידער און שוועסטער, וואס דארפען אונז מגדל זיין, און א חוץ דעם — פאר אלע מודהמעס מיט זייערע קינדער. דערנאך האט זי אנגעהויבען איבערגעבען געריסען אויף יענער וועלט צו דער באבען מיט די מודהמעס, וואס האבען די מאמען געהארעוועט; זי האט איהר איבערגעגעבען, וואס זי זאל זיי זאגען, אז זי וועט זיך מיט זיי בעגעגענען אין גן־עדן. א, געווים וועלען זיי אלע איהר אנקומען אנטקעגען! אלע ווייל האט זי איהר געשריען אין אויער, זי זאל ניט פערגעסען אן די קינדער. דער גאנצער עולם איז צעגאסען געווארען פאר געוויין, אפילו חאדאשע די וואסער־טרעגערין, וועלכע האט פערשטאנען גוט יודיש, איז אויך געשטאנען און האט געוויינט מיט ביטערע טרעהרען. נאר איך איינע בין געזעסען, ווי א שטיק האלץ.

— פארוואס רעדסטו גארניט? האסט גארניט וואס צו זאגען דער מאמען? — האט מיך שטילערהייד א פרעג געטהון חיה ביילע חיים הודי'ס.

איך האב איהר געענטפערט, אז איך קאן גארנישט רעדען, מיין הארץ איז מיר פערשטיינערט. חיה ביילע האט א זאג געטהון הוה איטען אויפ'ן אויער, אז מיט מיינע חברי'טעס קאן איך גוט רעדען, נאר מיט דער מאמען ווייס איך ניט וואס צו רעדען. הוה איטע האט געענטפערט, אז נאך איהר מיינונג בין איך גאר צופריעדען, וואס איך ווער פטור פון דער מאמען. די מאמע איז שוין מיר מיאוס געווארען מיט איהר קרענק. דערהערענדיג דאס, האב איך זיך אביסעל נעהנטער צוגערוקט צו דער מאמען, — איך האב דא געווארט אויף א נס: די מאמע זאל א געשריי טהון אויף הוה איטען, אז זי זאגט א ליגען. נאר די מאמע איז געלעגען און האט זיך אפילו קיין ריהר ניט געגעבען.

דערווייל האבען די ווייבער אויפגענייהט די תכריכים. דער שמש האט א געשריי געטהון: ווייבער שטעהט אויף! מען דארף דעם מת מטהר זיין! מיר זענען אלע אויפגעשטאנען. צוויי ווייבער האבען אריינגעטראגען א ברעט; מען האט דאס ברעט אוועקגעלעגט אויף בענקלעך און די מאמען ארויפגעלעגט אויף דעם ברעט. מען האט אריינגעטראגען צוויי עמער וואסער. איך בין געשטאנען ביי דער מאמען צו־קאפענס און האב געוואלט זעהן,

וואָס מען וועט מיט איהר טהון. איך האָב דערזעהן איהר פּנים, האָב איך אָנגעהויבען וויינען אויפ'ן קול. מלכּה רחל האָט מיך קוים אַרויסגעשלעפּט אין די צווייטע שטוב. זי האָט מיר געזאָגט, אַז איך טאָר דאָ ניט שטעהן איצט. איך האָב געשריען, מען זאָל מיך אַריינלאָזען, נאָר עס האָט ניט געהאָלפען. מען האָט מיך אַריינגעלאָזט, ווען די מאַמע איז שוין געלעגען אָנגעטהון אין די ווייסע, שענע, כּשר'ע קליידער, און דער קאָפּ אויך אין אַ ווייסע זאַך אַרומגעבונדען. דער מאַמע'ס פּנים ענטקעגען דעם ווייסען איז געווען שוואַרץ ווי קויהל. איך האָב זיך אויסגעריסען אַלע האָהר פון קאָפּ, קוקענדיג אויף איהר. איך האָב געשריען און געברומט מיט ווילדע קולות. אַלע זענען געשטאַנען און האָבען געקרעכצט אויף מיר קוקענדיג. באַלד האָט דער שמש עפּעס ווייטער אַ געשריי געטהון, און די ווייבער האָבען מיר געהייסען בעטען די מאַמען, זי זאָל מיר מוחל זיין אַלצדינג, וואָס איך האָב אַקעגען איהר געזינדיגט. וועה איז מיר, וואָס וועל איך זי בעטען? זי ווייסט דען אַליין ניט, אַז איך האָב אַקעגען איהר ניט געזינדיגט? מען האָט דאָך געזעהן פאַר'ן טויט, ווי אַזוי זי האָט מיך געקושט. מסתּמא האָט זי דאָך מיר אַלצדינג מוחל געווען. ניין, איך קאָן איהר גאָרניט זאָגען. איך ווייס איהר ניט וואָס צו זאָגען. ביי מיר האָט אָבגענומען דער לשון, איך קאָן ניט רעדען; זאָלען אַנדערע פאַר מיר רעדען. די מוהמע זלאַטע איז צוגעגאַנגען און האָט אַ טענה געטהון פאַר מיר עטליכע מינוט מיט אַזוינע קולות, אַז די ווענד האָבען געציטערט. דערנאָך האָט מען צוגעפיהרט מיין ברודערל, וועלכער איז געזעסען אין גאָרטען און האָט געוויינט. פאַר איהם האָט די מוהמע טויבע געבעטען מחילה. דערנאָך איז צוגעגאַנגען מיין באָבע, די רבּי'צין, וועלכע איז די גאַנצע צייט געשטאַנען פון דער ווייטען, ווייל זי האָט מורא געהאַט פאַר אַ טויטען. זי האָט זיך געשטעלט נעבען דער מאַמען און האָט געציטערט ווי אַ בלאַט. נאָך איהר זענען צוגעגאַנגען שכנים און גוטע פריינד, און דאָס האָט געדויערט גאַנץ לאַנג, ווייל ווער איז ביי אונז אין שטעדטעל ניט געווען קיין שכן, און ווער איז ניט געווען קיין גוטער פריינד נאָכ'ן טויט?...

דער שמש האָט ווידער אַ געשריי געטהון. עס איז געוואָרען אַ געפּילדער. מען האָט די ווייבער אַרויסגעטריבען און מיך אויך מיט זיי. עס זענען אַריין מאַנסבּילען, מען האָט די מאַמען

אַרױסגעלעגט אױף אַ בעטעל און מען האָט זי אָנגעהױבען אַרױסטראָגען פון שטוב. דער עולם װײַבער האָט אַזױ געשריען, אַז די אַרומיגע גוים און גױ׳עס האָבען געװײנט אױפ׳ן קול. איך מיט מײַן ברודערל האָבען זיך געהאַלטען פאַר די הענד און האָבען געשריען אין אײן קול: מאַמע! מען האָט די מאַמען אַװעקגעטראָגען צו דער שוהל, און דערנאָך צו דער אײביגער הײם. די מוהמע זלאַטע איז געגאַנגען איבער דער גאַס און האָט אַליץ געטענה׳ט װי פון אַ בוך אַרױס. זי האָט נאָר גערעדט מיט גאָט, געפרעגט איהם קשיות, געענטפערט אַלײן תרוצים, און אַליץ גאָט גערעכט געמאַכט. די יונגלעך פון דעם שמש׳ס חדר זענען געגאַנגען און האָבען געזונגען פסוקים פון תהלים. דער שמש האָט געקלונגען מיט דער פושקע און האָט געשריען: צדקה תציל ממות.

מען איז געקומען אױפ׳ן בית־עולם. דאָרט איז שױן געװען אױסגעגראָבען אַ קאַלטע, שװאַרצע טיפע גרוב. איך האָב אַ קוק געטהון, האָב איך אָנגעהױבען צו ציטערן. אָט דאָ װעט מען לעגען מײַן מאַמען? אָט דאָ װעט זי בלײַבען אַלײן? אַזאַ שענע מאַמע אין אַזאַ פינסטערער גרוב, מײַן שענע און קלוגע מאַמע װעט מען פערשיטען מיט ערד, און װער? זלמן דער סטאָליער, װאָס די מאַמע פלעגט פון איהם שטענדיג לאַכען, אַז נאָך זײַן סוכּה דערקענט מען, אַז ער איז אַן עם־הארץ. עס איז אָבער פאָרט אַזױ. מען האָט אָנגעזאָגט דער מאַמען, זי זאָל געדענקען איהר נאָמען. געװיס װעט זי איהם געדענקען. זי פלעגט איהם אַלע מאָל זאָגען אין דאַװנען מיט אַ הױך קול. זי האָט אפילו געבעטען אָרע דעם מלמד, ער זאָל מיך אױך אױסלערנען דעם פסוק פון מײַן נאָמען. דרײַ מאָל האָט מען איהר אָנגעזאָגט, זי זאָל דעם נאָמען ניט פערגעסען, און מען האָט זי אַראָבגעלאָזט אױף שטריק טיעף אין גרוב. דאָרט זענען געלעגען אױסגעלעגט ברעטלעך מיט אַ זעקעלע ערד, און דערױף האָט מען אַװעקגעלעגט די אױסגעדאַרטע בײנער. אױף דער גרױסער פערענע איז זי געװען האַרט, און איצט ליגען זי אַזױ שטיל. עפעס עמיצער איז צו מיר צוגעגאַנגען, האָט מיר אײַנגעשניטען דאָס קאַפּטעל אױפ׳ן האַרצען און האָט מיר געהײסען דאָס טראָגען אַ גאַנץ יאָהר אַזױ. באַלד האָט זלמן גענומען שיטען אײן לאָפּעטקע נאָך דער אַנדערער, און אין אַ מינוט איז געװאָרען אַ בערגיל אױף דער גרוב, — פערשאָטען די מאַמען מיט אַ שװערען באַרג. מײַן ברודער׳ל האָט אָבגעזאָגט אַ גאַנץ הױכען קדיש. װי

איך האָב איהם מקנא געווען! ניט אומזיסט האָט די מאַמע אַזוי געציטערט איבער'ן ברודער'ל. וואָס וועט האָבען פאַר אַ נחת פון מיר מיין מאַמע אויף יענער וועלט? דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבען האָב איך זיך געפיהלט אומגליקליך, וואָס איך בין געבוירען געוואָרען אַ מיידעל. אַ יונגעל דאַרף טאַקע זיין טייער ביי די עלטערן: פאַר דעם קדיש אַליין איז ער ווערט, מען זאָל איהם ליעב האָבען. געוויס וועט דער מאַמען זיין גוט צו ליגען אין קבר, אַז זי האָט איבערגעלאָזט אַזאַ קדיש.

מיט דעם געדאַנק האָב איך זיך אַביסעל בערוהיגט און האָב זיך געלאָזט געהן אַהיים גלייך מיט אַלע ווייבער. ביים געהן האָט מען גערעדט פון דער מאַמעס פרומקייט און גמילות-חסדים. נאָר איין זאַך האָט זיי געוואונדערט, וואָס זי האָט ניט געוואָלט זיך אַראָבנעהמען די האָר פאַר'ן טויט. זי האָט געזאָגט, אַז זי וויל ניט נאַרען גאָט: אַזוי ווי זי איז געווען דאָ, אַזוי דאַרף זי קומען אויף יענער וועלט. ווייטער האָבען די ווייבער גערעדט פון דעם, וואָס וועט זיין מיט מיר און מיט מיין ברודער'ל, אַז די באָבע וועט קומען. עפּעס האָט מען גערעדט פון אַ למדן אַ בחור'ל, וועלכער וויל מיך פאַר אַ כלה. איך בין געגאַנגען אַליין, ווי אַ שטיין, קיינער האָט זיך אויף מיר ניט אומגעקוקט. אין די גרויסע שטעדט געהען גוטע פריינד און טרייסטען די אבלים, מען פיהרט זיי אונטער די הענד, מען פאָהרט מיט זיי אַהיים. ביי אונז איז דאָס נישט אַזוי. טרייסטען געהט מען ערשט אויפ'ן דריטען טאָג, און דערווייל מעג דער אָבל משוגע ווערען, וועט קיינער צו איהם ניט קומען. איך בין געקומען אַהיים מיט די מאַנסבילען, וועלכע האָבען אָבגעדאַווענט מנחה און זענען זיך צוגאַנגען. מיין ברודער'ל דאַרף ניט זיצען קיין שבעה, ווייל ער איז נאָך קיין דרייצעהן יאָהר ניט אַלט. דער מאַמעס מאַמע מיט די ברידער און שוועסטער זענען פאַר טויזענדער מייל[-]לען, אַזוי אַז נאָר איך אַליין האָב זיך אַנידערגעזעצט אויף דער ערד, אַזוי ווי אָבגעריסען פון עפּעס. די טייערע גוטע בתיה-ריזעל האָט אונז געבראַכט צוויי אייער אָנגעשמירט אין אַש, מיט אַ קרענצעל בייגעל. האַראָשקע די וואַסער-טרעגערין האָט אַ ביסעל אויפגעראַמט די שטוב, אַרויסגעטראָגען דער מאַמעס זאַכען. דערפאַר האָב איך איהר געשאָנקען אַ בייגעל. זי האָט זיך נעבען מיר אַוועקגעזעצט טרייסטען מיך, אַז ביי איהר איז אויך אַמאָל געשטאָרבען די מאַמע. זי איז געבליבען אַן אָרימערע יתומה פון מיר, אַן עלענדע, פונ-

דערסטוועגען האָט זי חתונה געהאַט צו אַכצעהן יאָהר פאַר דאַנקען דעם גנב, וועלכער האָט שוין געהאַט עטליכע קינדער, און האָטש איצט שלאָגט ער זי אַ פּאָר מאָל אין דער וואָך, נאָר פונדעסטוועגען איז זי צופריעדען, — פאָרט ניט עלענד. „זאָרג ניט — האָט זי מיך געטרייסט, — ווערסט אויך חתונה האָבען און ווערסט ניט זיין עלענד. בעט נאָר ביי גאָט אַ גוטען חתן". אַזוי האָט זי גערעדט, ביז זי האָט אויפגעגעסען דעם בייגעל, וועלכען זי האָט געביסען צו קליינע שטיקלעך. דערנאָך האָט זי זיך איבערגעצלמ'ט, געזאָגט מיר אַ גוטע נאַכט און איז אַוועק אַהיים. מיין ברודער'ל האָט אָנגעצונדען דאָס קליינע לעמפּעלע און האָט זיך געלעגט שלאָפען. איך בין געבליבען זיצען אויף דער ערד. דער צובראָכענער שפּיגעל איז געווען פערהאָנגען מיט דער מאַמע'ס שוואַרצער קאַשימירער פאַטשיילקע. די פענסטער זענען געווען אָפען, די לבנה האָט אַריינגעשיינט דורכ'ן פענסטער גלייך צו מיר אין פּנים. איך האָב זיך פערקוקט אין דער לבנה. איך האָב זיך פערטראַכט, וואו איז איצט דער מאַמעס נשמה: צי אין גן־עדן, טראַכט איך מיר, צווישען אַלע הייליגע נשמות, אָדער אין הימעל, אפשר אין זיבעטען, — ווער ווייסט? פון קיין גיהנום האָב איך גאָרניט געטראַכט, — די מאַמע איז שוין אַנ'אויסגעלייטערטע נשמה, אַ כשר'ע, אַ פרומע. געוויס איז זי באַלד אַריין אין גן־עדן. איך קלער מיר, אַז זי איז אין גן־עדן, צי פיהלט זיך דער גוף גוט אין קבר? ווי אַזוי קאָן מען זיך דאָרט פיהלען גוט אין אַזאַ קאַלטען, פינסטערן קבר, מיט אַ באַרג ערד אויף זיך? געוויס, טראַכט איך, עסען זי שוין די ווערים, און איך זיץ דאָ אין דער ליכטיג. טרעהרען האָבען מיר זיך אָנגעהויבען גיסען פון די אויגען. איך פיהל דיך, מאַמינקע, ווי אַזוי דיר איז ענג און שווער, און קאַלט, נאָר איך קאָן דיר ניט העלפען. אָבער דיין נשמה איז דאָך פאָרט אין גן־עדן, טראַכט איך, הייַנט ווי אַזוי קאָן זיין שלעכט דעם גוף? איך האָב דאָס גאָרניט געקאָנט פערשטעהן. איך האָב נאָר געוואָלט וויסען, צי דער גוף קעהר זיך אָן מיט דער נשמה נאָכ'ן טויט. איך האָב אַזוי לאַנג געטראַכט, ביז איך האָב בעשלאָסען, אַז אַ מיידעל טאָר ניט טראַכטען פון אַזוינע זאַכען. נאָר פאַר דער מאַמען טהוט מיר פאָרט וועה דאָס האַרץ, און אַזוי טראַכטענדיג און וויינענדיג, בין איך איינגעשלאָפען, זיצענדיג אויף דער ערד.

אַזוי בין איך אָפּגעשלאָפען די נאַכט. אויף מאָרגען האָט

מיר וויַיטער בתיה־רײזעל געבראַכט עסען. אַ גאַנצען טאָג האָב איך געלייענט איוב. פאַרנאַכט איז בײַ מיר וויַיטער אַ ביסעל געזעסען האַדאָשקע די וואַסער־טרעגערין. זי איז שוין הײַנט געוועזען גאָר אַנ־אַנדערע, ניט קיין צופריעדענע ווי נעכטען. זי האָט שוין געקלאָגט אויף איהר בּיטער מזל: דאַנילאַ האָט זי הײַנט געשלאָגען ביז צום טויט. דאָס גאַנצע לײַב איז איהר געווען אין וואונדען. זי האָט מיר שוין געזאָגט, אַז אַ יתומה קאָן שוין ניט זיין גליקליך, יעדערער טהוט איהר שלעכטס. אַ שטיינער זאָגט זי, ווען זי, האַדאָשקע, איז ניט קיין יתומה, וואָלט דען דאַנילאַ געהאַט אַזאַ העזה זי צו שלאָגען? ער שלאָגט זי דערפאַר, ווײַל ער ווייסט, אַז זי האָט ניט, ווער ס'זאָל זיך פאַר איהר אָננעהמען. „ווערסט אויך אַ מאָל אַזוי זיין בײַ דײַן מאַן", האָט זי מיר געזאָגט אַזעלכע־עהנליך. נאָך איהר זענען געקומען מיך געוואָהר ווערען מײַנע חברטעס: מלכּה איידילס, מערקע און גאָלדע לאהס, דעם גבירס טאָכטער. זיי האָבען מיט מיר קיין איין וואָרט ניט אויסגערעדט. זיי זענען געזעסען אַ פּאָר שעה נעבען מיר אַזוי ווי שטומע. איך האָב מיט זיי אויך גאָרניט גערעדט. מיר האָבען זיך אַלע דרײַ גוט אויסגעוויינט, און אַזוי זענען זיי אַוועקגעגאַנגען אָהן אַ „גוט נאָווענד" און אָהן אַ „גוטע נאַכט". וואָס האָבען זיי מיט מיר געקאָנט רײדען? פון די זאַכען, וואָס מיר האָבען פון זיי שטענדיג גערעדט, האָט ניט געפּאַסט צו רײדען, און טרייסטען מיך, האָבען זיי ניט געקאָנט, — האָבען זיי געשוויגען. זייערע טרערען אָבער האָבען שוין אַלץ פערענטפערט, זיי האָבען גענוג גערעדט...

אויפ'ן צווייטען טאָג האָבען אָנגעהויבען געהן ווײַבער. אַ גאַנצען טאָג האָט זיך די טהיר ניט צוגעמאַכט. מען האָט מיר אָנגעשאָטען אֶפשר טויזענד מאָל רייד; מען האָט געלויבט די מאַמען, מען האָט אויף אונז רחמנות געהאַט, מען האָט מיך בעזיפצט און בעקרעכצט, און מיר האָט געשטאָכען אין האַרצען דאָס רחמנות. פרײַטאָג אין דערפריה איז געקומען צו פאָהרען די אומגליקליכע אַלטע באָבע, זיך זעגענען מיט דער טאָכטער פאַר'ן טויט, אַזוי ווי איך האָב איהר געשריבען. זי איז אַרויס פון וואָגען אַ גלייכע, אַ שטאָלצע, אַ שענע, ווי אַלע מאָל, נאָר אַז זי איז אַרײַן אין שטוב און האָט מיך געטראָפען אויף דער ערד זיצען, איז זי מיט דער מינוט אײַנגעבויגען און אַיינגעהויקערט געוואָרען. די אַלטע הענד האָבען אָנגעהויבען צו ציטערן. באַלד איז אַרײַנגעלאָפען די

מוהמע זלאַטע. זי זענען איינע די אַנדערע געפאַלען אויפ'ן האַלז און האָבען אָנגעהויבען טענה'ן. מיין באָבע האָט אויך געקאָנט גוט ריידען, אַז זי האָט געדאַרפט. מיר האָט זיך פאָרגעשטעלט, אַז די מאַמע ליעגט נאָך אַמאָל אויף דער ערד און זי בעוויינען זי. מיין ברודער'ל איז אויך אַריינגעגאַנגען. די באָבע האָט אָנגעהויבען שרייען: גאָט, גיב מיר כח צו האָדעווען מיין טאָכטער'ס קינדער! די ווענד האָבען זיך געטרייסעלט פון איהרע קולות. די באָבע האָט אָבגעשריען און אָבגע'טענה'ט און האָט זיך אויך אַנידערגעזעצט נעבען מיר אויף דער ערד.

שבת איז אַ גאַנצען טאָג געווען פול די שטוב מיט ווייבער. די באָבע האָט אַלעמען געזאָגט, אַז זי ווייסט נאָך אַליין ניט, וואָס מיט אונז צו טהון, זי דאַרף זיך מישב זיין מיט די קינדער. דער זיידע פלעגט קומען אַלע טאָג מיט אַ מנין דאַווענען, מיין ברודער'ל האָט געזאָגט קדיש, און די באָבע האָט געגאָסען מיט טרערען.

אַזוי איז אַוועק אַ גאַנצער חודש. עס האָבען זיך אָנגעהויבען ווייזען ביי אונז שדכנים מיט התנים אַנטיקלעך, איינער בעסער פון דעם אַנדערן. עס זענען געווען אַ סך, וואָס האָבען מיך ניט געקענט, נאָר מיין יחוס מיט מיין שם, מיט מיין בריה'שאַפט, וואָס איך קאָן זיין אַ קרעמערין. די באָבע האָט גע'טענה'ט מיט די שדכנים און האָט געמאַכט אַלערליי פלענער. מיר האָט זי קיין וואָרט ניט גע=זאָגט. איך האָב אַלצדינג געהערט און בין געווען אויסער זיך. וואָס הייסט דאָס? צי קאָן דען זיין, אַז מיך זאָל מען התונה מאַכען מיט אַ פראָסטען ישיבה בחור? איך וועל דאַרפען ווייטער בלייבען אַ קרעמערין אין דעם וויסטען פינסטערן שטעדטעל? וואו זענען אַלע מיינע געדאַנקען און האָפנונגען? אַפילו פון יאָזעפ'ן האָב איך שוין אויפגעהערט צו טראַכטען. איך האָב איהם אייגענטליך ניט פער=געסען, נאָר קיין בריעף האָב איך איהם שוין מעהר ניט געשריבען. דאָס האָט זיך גענומען דערפון, וואָס מלכה האָט אויפגעהערט צו גלויבען אין יאָזעפ'ן. אויפגעעפענט די אויגען האָט איהר אַ היגער יונגעל אַהרן, חיים=דוד'ס אייניקעל, וועלכער האָט דערקענט מיין האַנדשריפט.

מלכה איז צו מיר געקומען צולויפען און האָט מיך געוואָלט צורייסען אויף שטיקער. איך האָב זיך פאַר איהר ווייניג דערשראָקען און האָב איהר געענטפערט, אַז איך האָב זי געוואָלט אָבנאַרען, ווייטער נאָרנישט. נאָר איהר מאַמען האָב איך זיך געשעמט צו קוקען אין פּנים אַריין. אויך פאַר אַהרנ׳ען האָב איך זיך געשעמט, אַ שונא בין איך איהם געווען אין גאַנצען.

אַזוי איז יאָזעף פערשוואונדען געוואָרען ווי אַ חלום. ביי מיר אין האַרצען אָבער האָט ער נאָך אַלץ געלעבט ווי פריהער. איך האָב איהם דערנאָך אויך אָפט געשריבען בריוועלעך. דערהויפּט פלעג איך פאַר איהם אויסקלאָגען מיין ביטער האַרץ, ווען איך האָב געהערט, אַז מען רעדט מיר אַ שדוך. איך האָב זיך ביי איהם געבעטען, ער זאָל מיך צונעהמען פון דאַנען אין אַ גרעסערע שטאָדט,— איך וויל זיך לערנען, איך וויל לעבען צווישען געבילדעטע לייט, און דאָ וויל מען מיך חתונה מאַכען פאַר אַ ווילדען בחור, ער זאָל שטענדיג אַרומגעהן ליידיג, און איך זאָל בלייבען אַ קליינשטעדטעלדיגע קרעמערין, פערשוואַרצט ווערען אויפ׳ן פּוד, ניט האָבען קיין טאָג און קיין נאַכט. „ניין יאָזעף״! איך וויל ניט אַזאַ לעבען, איך וויל לעבען אַזאַ לעבען, ווי דו לעבסט״. אַזוי האָב איך געשריבען צו יאָזעפ׳ן, און יאָזעף, דער מערדער, האָט געשוויגען ווי די וואַנד.

עס איז געגאַנגען אַ טאָג נאָך אַ טאָג. אין שטוב האָט אָנגעהויבען צו ווערען רוהיגער. דערצעהלט מיר די באָבע, אַז מען רעדט מיר אַ גרויסאַרטיגען שדוך, עפּעס פון אַ קליין שטעדטעל. — דער חתן, זאָגט זי, איז אַ מופלג, נאָך דער חתונה וועט ער אַוועקפאָהרען קיין קאָוונאָ לערנען, און דו וועסט, זאָגט זי, דערווייל איהם שטיצען פון דער קראָם, דערנאָך אַז גאָט וועט העלפען, וועסטו האָבען אַ מאַן אַ רב, אַזוי ווי דיר שטעהט אָן. דיין מאַמע האָט געקוקט אויף תורה, קוק דו אויך אַזוי. זאָלסט וויסען, אַז דער זיידע איז אויך מסכים דערויף. איך האָב זי אויסגעהערט און האָב איהר געענטפערט, אַז איך זאָג אויף איהם ניט קיין חסרון, בּיז איך האָב איהם ניט געזעהן, נאָר איך וויל נאָך אַזוי גיך ניט חתונה האָבען. ווער האָט היינטיגע צייטען חתונה צו 14 יאָהר? די באָבע האָט מיר באַלד געמאַכט אַ רעכענונג פון מיינע יאָהרען, אַז בּיז די תנאים, וועל איך אַלט זיין 15 יאָהר, און בּיז דער חתונה 16, און צו 16 יאָהר הייסט מען שוין ניט אַזוי יונג. איך האָב דאָס

אָנגעהויבען בעקלערען. פון אײן זײט האָט דאָס מיך אָנגערעדט אויף יאָ. עפּעס איז מיר געװען געפעלען די מעשה פון זײן אַ כּלה און פון התונה האָבען: מען װעט מיר נײהען שענע קלײדער, מען װעט מיר מאַכען אַ פּליושענעם מאַנטעל, מען װעט מיר קויפען אַ היטעלע מיט קװײטען. הײנט דערנאָך די התונה: עס װעט זײן פרעהליך, מוזיק װעט שפּילען, מען װעט טאַנצען, און איך װעל זײן די כּלה אַלײן. אַלע װעלען מיר מקנא זײן, אַלע װעלען האַלטען פאַר אַ כּבוד זיצען נעבען מיר. דער זײדע װעט זיך אָנטהון אין קיטעל און װעט מיך בענטשען צו דער חופּה, אַזױ װי ערב יום־כּפּור פאַרנאַכט. הײנט פון די װײטע קאַנטען װעט נאָך אפשר קומען די מוהמע אָנגעטהון אין זײדענס, און װעט נאָך אפשר מיר אויך ברײנגען אַ זײדען קלײד. די באָבע װעט האָבען צו טהון מיט די סאַרװערינס, און איך װעל זיצען אין אַ װײסען קלײד מיט אַ לאַנגען שלײף, װאָס איך האָב קײנמאָל ניט געזעהן, נאָר געװאוסט דערפון פון די ביכלעך. איך װעל זיצען מיט בלומען אין דער האַנד און בעטראַכטען דעם עולם, װי אַזױ יעדערער קאָכט זיך אַלץ צוליעב מיר. מײן האַרץ װערט מיר פול מיט פרײד. איך װיל שױן דערלעבען צו זעהן די פרעהליכע צערעמאָניע. פון דעם חתן טראַכט איך גאָרניט: אַ דאגה מיר, װער ער איז, אַזױ װי יאָזעף איז ער דאָך געװיס ניט, מעג ער דערפאַר זײן אַבי װאָסערער. איך בין כּמעט מסכּים אויפ׳ן שדוך, נאָר אַז איך דערמאָן זיך אָן דער מאַמען, געהט מיר אַ פראָסט דורך איבער די בײנער. װאָס איז פון דיר געװאָרען, שענע, טײערע מאַמע? איך פרעה זיך און די ליעגסט אין דער ערד!

נאָך יום־טוב איז די באָבע אַװעקגעפאָהרען צוריק אַהײם, זיך מישב זײן מיט די קינדער, װאָס צו טהון מיט אונז, און איך בין געבליבען מיט מײן ברודעריל אַלײן דערװײל. אַלײן האָבען מיר אָבגעלעבט דעם גאַנצען װינטער. מײן ברודעריל האָט גוט געלערנט און געשריבען, ער האָט שױן בײ אונז אין שטעדטעל קײן מלמד ניט געהאַט, און מען האָט איהם געדאַרפט ערגעץ אַװעקשיקען לערנען. איך בין געװען פערטהון אין קראָם; געלד אויף צו האַנדלען האָב איך געהאַט װעניג, פלעג איך האַנדלען מיט גמילות־חסדים. אַנ׳אמת׳ער מענש בין איך געװען, מײן װאָרט איז בײ מיר געװען טײערער פון גאָלד; איך פלעג זיך מאַטערן ביז אין טויט, בײ דעם געליהען און דעם געגעבען. איך װינש מיר ניט איבערצולעבען נאָך

אַזאַ צייט; קרעדיט האָב איך געהאַט, נאָר דאָס געהן לייהען איז בײַ מיר געווען ערגער פון אַלצדינג. איך בין געוועהנט געווען, מען זאָל שטענדיג בײַ אונז לייהען געלד, און צום סוף דאַרף איך געפּרובט ווערען צו לייהען בײַ אַנדערע. מיינע מוהמעס זאָגען, אַז איך בין צוטראָגען, אַז איך בין צו־גוט, איך צושענק מיינע הבריטעס מיין געלד, דערהויפּט מלכּה, זאָגען זיי, נאַרט זיך פון מיר ניט. עס רייסט מיר אויס דאָס האַרץ אויף איהר, זי ווייסט נעבעך ניט פון וואָס צו זאָגען. זי קריגט זיך מיט אַלעמען דערפאַר, און איך שווייג. איך ווינש מיר נאָר דעם טויט. „איך וואָלט אַודאי געשענקט, ווען איך האָב וואָס", קלער איך מיר.

פּלוצלונג קומט מיר אָן אַ פרעהליכע בשורה, אַז מיינע פּע־טערס האָבען בעשלאָסען אונז נעהמען אין דער גרויסער שטאָדט. וואָס פאַר אַ גליק! איך וועל פּטור ווערען פון די קליין־שטעדטעלדיגע ווייבער, פון חיה איטען, וואָס עסט מיר די ביינער; איך וועל ניט דאַרפען ליידען פון די גוים די גנבים, פון סטעפּאַנ׳ען דעם שכּור, וואָס ער שלאָגט מיר אין מיטען נאַכט אויס די שויבען, — מיט איין וואָרט, פון אַלע צרות וועל איך פּטור ווערען. דאָרט, אין דעם נייעם לעבען וועל איך פערגעסען מיינע צרות. איך פרעה זיך און אַלע מיידלעך און יונגלעך זענען אונז מקנא, וואָס מיר פאָהרען אַוועק אין אַ גרויסע שטאָדט. נאָר דער זיידע איז ניט צופריעדען. איך אָבער קוק אויף דעם ניט, וואָס ער קרימט זיך אויף דעם פּלאַן. איך פערשטעה, אַז פאַר מיר אַרט איהם ווייניג, איהם אַרט נאָר מיין ברודער׳ל, וואָס ער וועט ווערען אַ גוי.

באַלד אָבער האָט זיך געטראָפען אַזוינס, וואָס האָט דעם זיי־דען בערוהיגט פאַר מיין ברודער׳ל אויך. דער זיידע ווערט קראַנק, ליעגט פינף טאָג און שטאַרבט אַוועק איינמאָל אין אַ מיטען נאַכט. איך קאָן גאָרניט בעשרייבען, וואָס פאַר אַ רושם מיין זיידענ׳ס טויט האָט געמאַכט אין שטעדטעל. עפּעס אַ קלייניגקייט — 33 יאָהר איז ער געווען רב דאָרטען. מען איז שוין אַזוי געוועהנט געווען צו איהם. אַלע האָבען געוויינט מיט׳ן גאַנצען האַרצען. איך בין געקומען צולויפען אין דערפריה. אין שטוב בײַ איהם איז שוין געווען פול מיט מאַנסבילען, קיין איין פרעמדע יודענע, נאָר איך, דעם זיידענ׳ס אומגליקליכע קראַנקע טאָכטער און זיין איין־און־איינציגע שנור. ווייטער האָט מען קיינעם ניט צוגעלאָזט. מיינע מוהמעס האָבען זיך גוט אויסגעשעהנ׳ט פאַר מיר אויך, און איך בין גע־

זעסען נעבען זיי אויף דער ערד און שטילערהייד געוויינט. די באָבע האָט געציטערט פאַר'ן טויטען זיידען, ער זאָל זי אויך ניט אַוועקרופען אויף יענער וועלט, דעריבער איז זי געזעסען פון דערווייטען און האָט געקלאָגט אויפ'ן קול. שפּעטער מיט אַ פּאָר שעה האָט מען דעם זיידען אַריינגעטראָגען אין שוהל, דער גאַנצער עולם האָט זיך אַנידערגעזעצט אויף דר'ערד, און דער שוחט האָט געמאַכט אַ הספד. אַלע האָבען געוויינט מיט ביטערע טרעהרען. איך בין געזעסען פערוויינט און האָב געקוקט אויף אַלעמען מיט אַ אומעטיגער שטאָלצער מינע, אַזוי ווי אַ פּרינצעסין, וואָס מען האָט איהר פאָטער אַראָבגעוואָרפען פון טראָן. איך געדענק, אַז איך האָב שטאַרק שטאָלצירט מיט'ן הספד. איך האָב דעמאָלט פערגעסען, אַז מיט דעם הספד ענדיגט זיך דער גאַנצער כבוד: נישטאָ שוין דער שעהנער זיידע מיט די לאַנגע ברעמען, מיט די פייערדיגע אויגען; נישטאָ שוין ווער עס זאָל מיך בענשען ערב יום־כפור. „ס'איז אַוועקגעגאַנגען, קינדערלעך, אייער שענקייט פון אייער קאָפּ, ס'איז ניט געבליבען אין אייער משפחה נאָך אַזאַ צדיק ווי ער!" אַזוי האָט געשריען צו אונז דער שוחט, און מיר אַלע זיינע קינדער האָבען געוויינט...

עס איז אַוועק דער ווינטער. נאָך פּסח איז געקומען צופאָהרען די באָבע און האָט געמאַכט גאָר אַ נייעם פּלאַן, — אַז מיין ברודער'ל וועט זי לאָזען אין דער ליטאַ אין אַ ישיבה, און מיך וועט זי מיטנעהמען אין דער גרויסער שטאָדט: מיין ברודער'ל דאַרף זיך נאָך פערשטאַרקען אין יודישקייט, און אַז ער וועט איצט פאָהרען, וועט ער באַלד ווערען אַ גוי. מיין ברודער'ל וויינט נעבעך מיט ביטערע טרעהרען, וואָס ער דאַרף פאָהרען אַליין, ער וויל ניט פאָהרען; ער וויל זיך ניט שיידען מיט מיר, ווייל איך בין ווי אַ מאַמע געוועזען; ער האָט מורא אַוועקצופאָהרען פון דער־היים, ער האָט קיינמאָל אין דער פרעמד קיין נאַכט ניט איבערגענעכטיגט, און פּלוצלונג דאַרף ער פאָהרען אין דער־פרעמד, געוועהנט ווערען מיט פרעמדע מענשען. איך בין אויסער זיך. עס טהוט מיר וועה דאָס האַרץ אויף איהם. איך ווייס, אַז ער איז אַנ'איידעל קינד, ער דאַרף האָבען אַ געטריי אויג, וואָס עס זאָל אויף איהם קוקען, און אין דער־פרעמד ווער וועט איהם אין זינען האָבען? די באָבע לאַכט פון אונז ביידען. זי זאָגט, אַז זי וועט איהם אַליין אַוועקפיהרען, זי וועט איהם דינגען גוטע קעסט, און ער וועט ניט דאַרפען חלילה, ווי אַנדערע יונגלעך, עסען טעג, זי וועט איהם שען

אויסקליידען, זי וועט איהם דינגען אַ שענע דירה. איך בין אָבער דערמיט נאָך אַלץ ניט צופריעדען; דאַכט זיך, אַנ'אַנדערס מאָל דערעסט ער מיר, און מיר דאַכט זיך, אַז איך האָב איהם פיינט, נאָר איצט פיהל איך ערשט, ווי אַזוי טייער ער איז ביי מיר. די באָבע האָט זיך געטהון איהרס און האָט איהם אָנגעהויבען צו גרייטען אין וועג. זי האָט איהם אויסגעקליידט און האָט איהם פערזאָרגט אויף אַ גאַנץ יאָהר מיט אַל דאָס גוטס. זי האָט געדונגען פייוקע דעם שלים־מזל, און אין אַ שענעם העלען טאָג איז זי אַוועקגעפאָהרען מיט מיין ברודער'ל קיין מ"ר. מיין ברודער האָט געשריען אויפ'ן קול בעת ער האָט זיך געזעגענט מיט מיר. ווער עס איז געשטאַנען, האָט געוויינט קוקענדיג אויף אונז. פייוקע איז ניט לאַנג געשטאַנען, האָט אַ געשריי געטהון אויף זיין ווייס פערד, און דאָס פערד האָט זיך אָנגעהויבען ריהרען. מיין ברודער'ל האָט נאָך אַלץ געהליפּעט אין בויד. איך בין געזעסען אויפ'ן גאַניק און האָב בעזונדער געוויינט. איך בין געזעסען, ביז פייוקעס פערד האָבען זיך פערקרעוועט אויף אַנ'אַנדער גאַס און זענען פערשוואונדען געוואָרען. אַז איך בין אַריין אין שטוב, איז מיר געוואָרען פינסטער אין די אויגען. אין שטוב איז געווען פוסט, איין בעט איז געשטאַנען ליידיג, ווייל מען האָט איהם מיטגעגעבען האַלב בעטגעוואַנד. ליידיג האָט אויסגעזעהן די שטוב, ליידיג האָבען אויסגעזעהן די ווענד. איך געפין מיר קיין אָרט ניט אין דער פוסטער שטוב און לויף אַלע ווייל מיט געוויין אַרויס אין גאַס.

אין עטליכע טעג אַרום איז געקומען די באָבע און האָט דערצעהלט, אַז זי האָט איינגעאָרדענט מיין ברודער'ל ווי אַ שררה'ס אַ קינד. עס וועט איהם גאָרניט פעהלען. באַלד האָט די באָבע אָנגעהויבען זיך צו גרייטען אַוועקצופאָהרען מיט מיר. זי האָט גענומען פערקויפען אַלצדינג פון דער קלייט, פון דער שטוב. אַלצדינג האָט אָבגעקויפט אונזער שכן, אויך די שטוב האָט ער אָבגעדונגען אויף מאַכען אַ קראָם. איך בין געווען צופריעדען, וואָס אַ שכן בלייבט איבער ביי אונז אין שטוב. איך האָב פון גאַנצען האַרצען איהם געוואונשען, ער זאָל רייך ווערען. די באָבע האָט פערקויפט דעם קאָמאָד און האָט געוויינט דערצעהלענדיג, אַז דעם קאָמאָד האָט זי געקויפט דער מאַמען פאַר דער התונה. זי האָט דערצעהלט ווי טייער ער האָט געקאָסט, ווי שען ער איז געווען, ווי אַזוי די מאַמע האָט איהם אָנגעפילט מיט ווייסע העמדער. ביי יעדער זאַך דער-

צעהלט די באבע. ווי אזוי זי האט די מאמען געהאדעוועט און חתונה געמאכט, און דערוויל גיסען זיך איהר די טרעהרען איבער די פערקנייטשטע באקען. דאס זיידענע קלייד פערקויפט זי ניט, זי לאזט דאס פאר מיר, די וועבענע העמדער לאזט זי אויך פאר מיר: אניעבירה, זי האט אליין גענייהט. „נא, מיין קינד, זאגט זי, בעהאלט, וועסט זיך אמאל דערמאנען, אז דו האסט געהאט א מאמען מיט גילדערנע הענד". איך האב אלצדינג ארויסגענומען פון קאמאד. איך האב געפונען א פאק בריעף, וואס די מאמע האט אויפגעקליבען אויף איהר לעבען. דארט איז געווען בעשריבען איהר ביטער לעבען, איהר ליעבע צו אונז, עס זענען געווען טרייסט-בריעף פון איהרע ברידער, ליעבליכע בריעף פון דער שוועסטער, בריעף פון מיין טאטען. איך האב אויסגעקליבען פון די אלע בריעף די אינטערעסאנטערע, און די איבעריגע האב איך אריינגעווארפען אין אייווען. אין אייוועז זענען אויך אוועק יאזעפ'ס בריעף, — איך וויל זיי ניט האבען, איך וויל ניט טראכטען פון זיי, איך וויל ענדיגען מיין אלט לעבען, און אין דעם נייעם לעבען וויל איך האבען נייע געדאנקען. איך וועל שוין ניט זיין קיין נאר ווי פריהער. גענוג הלומ'ן, גענוג לעבען מיט פאנטאזיע, איך וועל שוין קוקען אויף דאס לעבען מיט אפענע אויגען. דערווייל אבער — וואס גיכער אנטלויפען פון דאנען, איך זאל ניט זעהן מעהר די בלאטיגע ווענד פון אונזער שטוב, איך זאל ניט טרעטען אויף דער ערד, וועלכע איז אויסגעווייקט פון מיינע טרעהרען.

מאנטאג אין דערפריה בין איך אויפגעשטאנען, ווען די זון האט אנגעהויבען אויפגעהן. איך בין אוועקגעגאנגען צום טייך. איך האב זיך גוט אבגעשפיגעלט אין זיין שטיל וואסער, איבער וועלכען די זון האט זיך געבאדען אין אלערליי קאלירען. מיין הארץ האט מיר אנגעהויבען צו קלאפען, ווי מיט א האמער. קיינמאל האב איך ניט געזעהן דעם טייך אין אזא שענעם קאליר. צי קען דען זיין, אז איך וועל איהם קיינמאל מעהר ניט זעהן? ווי אזוי וועל איך בענקען נאך איהם! צוריק בין איך געגאנגען טריט ביי טריט, און האב זיך אלע מאל אומגעקוקט אויפ'ן טייך, ביז ער איז פערשוואונדען געווארען פון מיינע אויגען. שפעטער מיט א פאר שעה בין איך גע-גאנגען מיט דער באבען צו דער מאמען אויפ'ן בית-עולם זיך גע-זעגענען מיט איהר. איך נעהם זיך ניט צו בעשרייבען די סצענע, וואס איז געווען דארט. איך קאן נאר זאגען, אז דער שמש האט

זיך גוט אויסגעוויינט קוקענדיג אויף אונז. אויף דער מאמעס קבר איז שוין געלעגען א שווערער שטיין, מיט גראז בעוואקסען...

מיר זענען געקומען אהיים. דארט האט מען שוין אויף אונז געווארט. דאס גאנץ שטעדטעל איז געווען נעבען אונזער שטוב. דער בעל-עגלה האט געפאקט אין װאגען אונזערע זאכען. מיינע מוהמעס האבען געהאלטען אין איין קלאגען, קוקענדיג אויף מיר מיט דער אלטער באבען מיט דער פוסטער שטוב. דער בעל-עגלה האט שוין איינגעשפאנט דאס פערד און האט אונז שוין געהייסען קריכען אין װאגען. אט דא הויבען זיך ערשט אן געוויינען. מיט אלעמען האב איך זיך געזעגענט. יעדערער האט מיך בעוויינט און געגעבען א פאר שאק ברכות אויפ'ן וועג. היה-איטע, מלכה-רחל, היה-ביילע האבען זיך געבארען אין טרעהרען. מיינע חבר'טעס: מערקע, גאלדע לאה און מלכה-איידעלס האבען זיך ניט געקאנט צושיידען מיט מיר. אלצדינג נעהמט א סוף, מיין באבע זיצט שוין אין בויד, און איך זעגען זיך צום לעצטען מאל. איך בין שוין אויך אין בויד, און דער עולם האלט נאך אלץ אין איין וויינען. דער בעל-עגלה טהוט א שמיץ זיין פערדיל, נאך עטליכע מינוט, און אלצדינג איז פערשוואונדען געווארען פון מיינע אויגען. אין עק שטעדטעל האב איך נאך א קוק געטהון פון הינטען, נאר מעהר ווי דעם שפיץ קלויסטער האב איך שוין ניט געזעהן. אדיע, טייערע, אלטע, קינדערשע היים, אדיע, קינדערשע יאהרען! מיין הארץ האט מיר אנגעהויבען צו קלאפען — וואוהין פאהר איך? וואס וועט מיך בעגעגענען אין דער נייער גרויסער וועלט?... איז דארטען מיט אג'-אמת אזוי גוט? ווען וועל איך ווידער קומען אהער? ווען? ווען? סיידען אמאל, אז איך וועל ווערען א מענש... אלע מאל וועל איך פאהרען אהער, אלע מאל, געוואר ווערען די אלטע שטוב, דעם טייך, דעם גלח'ס ברונען אונטער'ן בוים... א שטיין ליעגט דארט נעבען פלויט... א שווארצער שטיין... אוי, ניין! א גראהער איז ער, דאכט זיך! וועה איז מיר, שוין פערגעסען! איך וויל פרעגען פייוויקען, נאר ער האלט אין איין יאגען... דאס פערדעל לויפט... און דער וואגען קייקעלט זיך אלץ ערגעץ בארג אראב...

———

מאשינען-זאץ-דרוקעריי פון נ. ראזענפעלד, פאנסקא 20.

אין פערלאג „השחר"

ווארשא, רימארסקא № 16, טעלעפאן 149-67.

זענען ערשינען פאלגענדע נייע ביכער:

1) **שוואלבען**, זאמעלביך אין ווערכען עס האבען אנטייל גענומען: הערשעלע, י. מ. וויסענבערג, לייזעראוויטש, סטאווסקי, סעגאלאוויטש, פיכמאן, פרישמאן, צייטלין, קאצענעלזאן, ראזענפעלד, שניאור: — עלעגאנטע אויסגאבע. פרייז 20 קאפ.

2) **דאס ווייסע לעבען**, ערצעהלונגען און לידער, יצחק קאצענעלזאהן מיט'ן בילד פון מחבר. פראכטפאלע אויסגאבע. פרייז 40 קאפ.

3) **שטילע טרוימען**, לידער-זאמלונג פון י. סעגאלאוויטש, מיט'ן בילד פון מחבר. פרייז 20 קאפ.

4) **א מתנה**. פאעמא פון ז. שניאור, מיט'ן בילד פון מחבר. פראכטפאלע אויסגאבע. פרייז 10 קאפ.

5) **הפודה ומציל**. ספור אמתי מאת א. י. שפירא. מחירו 15 קאפ.

6) **חתן המלך**. ספור נחמד ונעים מימי גזרות ת"ח ות"ט. מאת הרב ד"ר מ לעהמאן. מחירו 8 קאפ.

אין פערלאג „השחר" זענען איבערגעגעבען צום הויפט-פערקויף פאלגענדע נייע ביכער.

סענסאציאנס און קרימינאל-ביבליאטעק:

1) סודות פון לעבען. פרייז 5 קאפ.; 2) קעניגינען פון דער שארלאטאנען וועלט. פרייז 5 קאפ.

2) **פינף מאמענטען** אין משה רבינו'ס לעבען, מ. ל. ליליענבלום. פרייז 20 קאפ.

3) **אוגערקעס**, ערצעהלונג י. ד. בערקאוויטש. פרייז 20 קאפ.

4) די פייער מגלה (מגלת האש) ח. נ. ביאליק, איבערזעצט פון י. שווארץ. פרייז 25 קאפ.

5) **אמעריקא.** זאמעלבוך, רעדאגירט פון ד"ר י. ווארטסמאן. פרייז 30 קאפ.

6) **האשכול** חלק ששי, זה עתה הופיע לאור מחירו 1,30 ר'.

7) להשיג גם „האשכול" א ד למחיר — 4 „

8) כתבי ז. עפשטיין. מחירו — 1 „

9) פתגמין קדישין מאת י. נ. בובובניקוב מחירו 20 קאפ.

10) דמי חנוכה חזיון לילדים בשלש מערכות. מאת בן־ציון פרדקין. מחירו 15 קאפ.

עס דרוקען זיך פאלגענדע ביכער:

1) ראובן ברײנין, שריפטען, ערצעהלונגען און ביאגראפיע, מיט'ן בילד פון מחבר.

2) דוד פינסקי, א באנד נײע דראמען: 1) יענקעל דער שמיד; 2) גאברי און די פרויען; 3) מיט זיינער פאהנען.

3) ז. שניאור, א טוידט (שריפטען פון א זעלבסט מערדער א טירוף) מיט'ן בילד פון מחבר.

4) ח נ ביאליקס אויסגעוועהלטע ווערק, איבערזעצט אין יודיש דורך ז. שניאור, מיט'ן בילד פון מחבר, די איבערזעצונג איז ערלויבט געווארען פון מחבר נאר ה' שניאור'ן.

5) יצחק קאצענעלזאן, קאריקאטורען. א דראמע, מיט'ן בילד פון מחבר.

6) מ. ספעקטאר, 2 נײע בענדער. 1) „יום טוב שטימונגען"; 2) „היימישע בילדער", מיט'ן בילד פון מחבר.

די אלע ביכער וועלען קירצליך ערשײנען אין פראכטפאלע אויסגאבען.

דער פערלאג „השחר"

האט דעם גרעסטען אויסוואהל פון אלע סארטען ביכער העברעאיש, יודיש און פון אנדערע שפראכען.

א גרויסער אויסוואהל פון ספרי למוד.

לעהרערס, חדרים, שולען, תלמוד תורות, ביבליותיקות בעקומען ראבאט.

אדרעסע:

Издат. и Книжный Магазинъ „ГАШАХАРЪ" Варшава, Рымарская 16.

Verlag et Buchhandlung „HASCHACHAR" Warschau, Rymarska 16.